STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02995

BER MAYZELS

Ephraim F. Kupfer

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אפרים קופּפער

בער מייזעלס

ייִדישער היסטאָרישער אינסטיטוט אין פּוילן

אפרים קופּפער

בער מייזעלס

זיין אָנטייל אין די קאַמפן פאַר דער פרייהייט פון פּוילישן פאָלק און דער גלייכבאַרעכטיקונג פון די יידן

פאַרלאַג „ייִדיש בוך" וואַרשע 1952

E. KUPFER

BER MAJZELS

Jego udział w walce o wolność narodu polskiego i o równouprawnienie Żydów

Redaktor: B. MARK

Okładkę projektował: I. Rejzman

Printed in Poland

Wydawnictwo „Idisz Buch" Warszawa 1952

Nakład 5.500 egz. Ark. druk. 14,25. Ark. wydawn. 10,75. Papier dziełowy kl. V, 61x86 cm 70 g. Nr zam. 319. Druk ukończono we wrześniu 1952 r. 3-B-50936

Druk. RSW „Prasa", Warszawa, Tarczyńska 8

פאָרוואָרט

אין דער נאציאָנאל באפרייערישער און רעוואָלוציאָנער־דעמאָקראטישער באוועגונג, אין די צעטיילטע געביטן פון פוילן אין ניינצנטן יאָרהונדערט, אָנהייבנדיק פון די דרייסיקער ביזן סוף זעכציקער יאָרן, פארנעמט דוב־בעריש מייזעלס אַן אָנזעעוודיק און וואָגיק אָרט. כמעט ביי יעדער וויכטיקער נאציאָנאל־ און סאָציאַל־באפרייערישער אקציע אין קראָקע טרעפן מיר זיך אָן אויף מייזעלסעס נאָמען, נאָך מער — נישט געקוקט אויף דעם, וואָס דירעקט איז ער טעטיק געווען אין דער יידישער סביבה, איז אָבער זיין רעוואָלוציאָנער־פאטריאָטישע ארבעט ארויס נישט בלויז פון די ענגע ראמען פון דער יידישער גאס, נאָר אפילו פון די ראמען פון דעם קראָקעווער און שפעטער ווארשעווער געביט. ער האָט אויך א סך מאָל איבערגעשטיגן מיט זיין טיפן פארשטיין די סאָציאלע פראָבלעמען פון זיין צייט און זיין פלאמיקן רעוואָלוציאָנערן פאטריאָטיזם א סך פון די, מיט וועלכע עס איז אים אויסגעקומען צו ארבעטן צוזאמען לטובת דער געמיינזאמער זאך. דערביי איז נייטיק אונטערצושטרייכן, אז אין דער צייט, ווען די פוילישע דעמאָקראטישע און ליבעראלע קרייזן, סיי מייזעלס מיטצייטלער, סיי די שפעטערדיקע היסטאָריקער, ווייזן ארויס פאר מייזעלסן די טיפסטע אָנערקענונג, באמערקט זיך ביי די יידישע בורזשואזע היסטאָריקער א נישט דערשאצן אים, א נעגאטיווע באציונג, וועגן וואָס עס וועט נאָך אויסקומען צו רעדן אין לויף פון דער דאָזיקער ארבעט. די כאראקטעריסטיקעס פון מייזעלסן שעפן זיי סירוב פון דער פאָליצייאישער דאָקומענטאציע, און נישט פון די שטימען פון מייזעלס מיטצייטלער און מיטקעמפער, וועלכע זענען, נאטירלעך, מער באגלייבט, איידער א שפּיאָן פון דעם צארישן מיליטערישן גובערנאטאָר, אָדער פון דער עסטרייכישער פאָליציי. א דיי יידישע בירגערלעכע היסטאָריקער שטעלן זיך אפילו נישט אָפּ פאר פשוטע בלבולים און ווארפן שמוץ אויף אָט דער קריסטאָלריינער פערזענלעכקייט (למשל ד״ר פ. פרידמאן חזרט איבער נאָך דער

קראָקעווער פּאָליציי, אז „מייזעלס איז געווען א מענטש, וואָס יאָגט זיך נאָך כבוד און פּאָפּולאריטעט" — אין זיין „ספר השנה ליהודי פולניה", ז. 278).

מייזעלס מיטצייטלער זעען אים אין א גאנץ אנדער ליכט. דער פּוילישער ליבעראלער טוער פון יענער צייט פלאָריאן זשעמיאלקאָווסקי, וועלכער האָט אויסגעצייכנט געקענט מייזעלסן, באצייכנט אים מיט די פאָלגנדיקע ווערטער: „מייזעלס... איז דער סימבאָל פון ערלעכקייט און ריינעם פּאטריאָטיזם". דער פּראָגרעסיווער טוער גיערשטאר, ווען ער וויל אין זיינע זכרונות אונטערשטרייכן די איבערגעגעבנקייט און דעם פּאטריאָטיזם פון דעם ווילנער יידישן דרוקער ברוך שעפּסער בעת דעם יאנואר־אויפשטאנד, כאראקטעריזירט ער אים מיט די ווערטער: „א סימפּאטישער ייד, ענלעך צום רב מייזעלס". אויך די פּראָגרעסיווע פּוילישע היסטאָריקער באצייכענען מייזעלסן ווי דעם פּאטראָן פון דער פּאטריאָטישער ריכטונג אין דער יידישער סביבה. ס׳איז קלאָר, אז דער אלטער יידישער היסטאָריאָגראפיע איז שווער געווען תופס צו זיין דעם ריינעם פּוילישן פּאטריאָטיזם און דעמאָקראטיזם פון אזא טרייען און איבערגעגעבענעם ייד, פון אזא קעמפער פארן פוילישן יידנטום, ווי בעריש מייזעלס.

די דאָזיקע טעמע — בעריש מייזעלס און זיין ראָל אין די באפרייערישע קאמפן פון ניינצנטן יאָרהונדערט אין גאליציע און קאָנגרעס־פּוילן — פארמאָגט אויך אן אקטועלן אויסקלאנג. צוזאמען מיטן ארויסהייבן אזעלכע פאָלקס־העלדן, טרעגער פון דער שענסטער, פּראָגרעסיווער טראדיציע פון פּוילישן פאָלק, ווי דעמבאָווסקי, לעלעוועל, וואָרצעל, שטשעגנני, ווערט אויך דערהויבן די טראדיציע פון דוב־בעריש מייזעלס און אנדערע יידיש־פּוילישע קעמפער פאר פרייהייט. אויף דער טראדיציע פון אָט די רעוואָלוציאָנער־דעמאָקראטישע, קעמפעריש־פּאטריאָטישע געשטאלטן דערציט זיך דער יונגער דור אין נייעם פּוילן.

צוטרעטנדיק צו דער דאָזיקער ארבעט, האָב איך זיך אָנגעטראָפן אויף שוועריקייטן ביים זאמלען דעם פאקטן־מאטעריאל, מחמת די אלטע יידישע היסטאָריאָגראפיע האָט בכלל פארזען די קראָקעווער רעוואָלוציע פון 1846 און איר אויסווירקונג, אָדער איר געווידמעט העכסטנס עטלעכע זאצן. וועגן דער רעוואָלוציע פון 1848 אין פּוילן איז, אויסער דער פּראָגמענטארישער ארבעט אין דער דייטשישער שפּראך פון ד"ר פּיליפּ פרידמאן, געווידמעט דעם קאמף פאר יידישער גלייכבארעכטיקונג אין גאליציע (דעם פארלאמענטארישן קאמף), כמעט גאָרנישט נישט געשריבן געוואָרן. אין דעם צוויי־בענדיקן ווערק פון פּראָפ. ד"ר מאיר באלאבאן וועגן דער געשיכטע פון יידן אין קראָקע (אין פּויליש) געפינט זיך קוים א קאפּיטל

פון עטלעכע אָרעמע זייטלעך אויף דער טעמע פון „פעלקער־פרילינג",
וועלכע גיבן אבער זייער ווייניק. די טעקסטן און ציטאַטן פון א רייי קוועלן,
וועלכע באַלאַבאַן ברענגט דאָרט, זענען סירוב ארויסגעריסן פון די קאָנ־
טעקסטן, און דעריבער קאָנען זיי נישט געבן קיין ריכטיקע אָפּשפּיגלונג
וועגן מייזעלס טעטיקייט. (למשל דער דורך באַלאַבאַנען ציטירטער אויס־
צוג פון סאָפּיעהאַס זכרונות וועגן מייזעלסן א. א.).

די אַלטע יידישע היסטאָריאָגראַפיע איז אין דעם פרט נישט קיין
אויסנאַם. ענלעך שטעלט זיך פאָר די לאַגע בנוגע אונדזער טעמע אין
דער אַלטער פוילישער היסטאָריאָגראַפיע, אין וועלכער מיר באַגעגענען
בלויז פראַגמענטאַרישע אַרבעטן וועגן די יאָרן 1846—1848 (כמעט וו־
גאָרנישט וועגן 1846־טן יאָר). ערשט איצט נאָך דער באַפרייונג באַווייזן
זיך גרעסערע און טיפערע אָפּהאַנדלונגען וועגן די דערמאָנטע יאָרן, ווי
למשל די אַרבעטן פון פּראָפעסאָר קעניעוויטש. א שטאַרקע פאַראינטערע־
סירונג פאַר די דאָזיקע פּראָבלעמען ווייזט ארויס די סאָוויעטישע היס־
טאָריאָגראַפיע. אַזוי האָט, למשל, דער סאָוויעטישער היסטאָריקער מילער
געגעבן א וויכטיקע אַרבעט וועגן דער פויערים־פראַגע אין גאַליציע אין
יאָר 1848. מילערס אַרבעט, באַזירט אויף דער מאַרקסיסטישער מעטאָ־
דאָלאָגיע, קען און דאַרף דינען ווי א וועגווייזער פאַר יעדן, וואָס פאַר־
נעמט זיך מיט דער געשיכטע פון יענער צייט.

זייער א שווער פּראָבלעם ביים פאָרשן אונדזער טעמע איז די מקור־
רימדיקע דאָקומענטאַציע. נאָך דעם, ווי דער היטלעריסטישער אָקופּאַנט
האָט חרוב געמאַכט די וויכטיקסטע אַרכיוון און ביבליאָטעקן פון אונ־
דזער לאַנד, איז דאָס באַקומען די דאָקומענטן, מאַטעריאַלן און ליטעראַ־
טור צו אונדזער טעמע אָנגעקומען ווייט נישט לייכט. פון דאַנען נעמט
זיך דאָס, וואָס מיר איז נישט געלונגען אויפצוקלערן געוויסע וויכטיקע
מאָמענטן פון מייזעלס טעטיקייט. לאָמיר נעמען אַזא ביישפּיל: לויט פּראָפ.
מאיר באַלאַבאַן, אין זיין דערמאָנטן ווערק וועגן די יידן אין קראָקע, האָט
מייזעלס אין 1838 אין קאַמף קעגן זיינע קעגנער אין דעם „יידישן קאָמי־
טעט" אויסגעפועלט ביי דעם קראָקעווער סענאַט א וואַל־אָרדינאַציע פאַר
דעם „יידישן קאָמיטעט", לויט וועלכן ער, ווי א רב, זאָל קאָנען דעצידירן
וועגן דעם אויסוואַל פון די קאַנדידאַטן, אַזוי, אַז דאָרטן זאָלן קאָנען גע־
ווילט ווערן נאָר זיינע אָנהענגער. דער נומער פונעם סענאַט־אַקט, אויף
וועלכן עס פאַרופט זיך באַלאַבאַן, איז מער נישטאָ אין דעם קראָקעווער אַר־
כיוו. דאַקעגן האָב איך זיך אָנגעטראָפן אינעם קראָקעווער שטאָטישן אַרכיוו
אויף אַקטן, פון וועלכע עס איז בפירוש צו זען, אַז אויך נאָך דעם יאָר
1838 איז די קהלה געווען באַהערשט דורך מייזעלס קעגנער! אין יאָר

1842 איז די קהלה געווען באהערשט דורך די רעאקציאָנער־חסידישע אָנ־
פירער — מייזעלס אידעיש־פּאָליטישע קעגנער — מיט לייבל טאָרבען
אין דער שפּיץ. דאָס זעלביקע זעען מיר אויך אין 1846. דאָס גיט א גרונט
צו צווייפלען אין באלאבאנס פעסטשטעלונג, אז מייזעלס האָט אויסגע־
פועלט די נייע וואל־אָרדינאציע, אָדער ער האָט זיך מיט איר באנוצט אין
זיין קאמף קעגן זיינע קעגנער, ווארום וואָלט ער זיך מיט איר באנוצט,
וואָלטן דאָך זיינע פּאָליטישע קעגנער נישט געזעסן אזוי לאנג אין דער
קהלה־אָנפירונג.

וואָס שייך דעם מאטעריאל פון מייזעלס טעטיקייט אין ווארשע, איז
כדאי צו דערמאָנען מאיר באלאבאנס ווערטער, אז: „די גענויע באאר־
בעטונג פון דער געוואלדיקער קאָרעספּאָנדענץ פון מייזעלסן (איבער 1.000
בריוו), וועלכע די פּאָליציי האָט ביי אים קאָנפיסקירט בעת זיין ארעסט,
וואָלט אונדז א סך געקאָנט אויפקלערן נישט בלויז בנוגע מייזעלס טע־
טיקייט, נאָר בכלל וואָלט די געשיכטע אזוי ארום בארייכערט געוואָרן
מיט פאקטאָגראפיע צו די געשעענישן פון דעם פעריאָד". די קאָרעספּאָנ־
דענץ פון בעריש מייזעלס האָט זיך געפונען אין „ווארשעווער ארכיוו פון
די אלטע אקטן" („ארכיוום אקט דאווניך"), וועלכן די פאשיסטישע באָמ־
בעס האָבן פארניכטעט, און נאָר א דאנק דעם, וואָס דער ווארשעווער
אוניווערסיטעט האָט איבערגעגעבן דעם יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט
א דריי מאגיסטער־ארבעטן פון אומגעקומענע יידישע יונגע היסטאָריקער,
איז מיר געלונגען אויסצוגעפינען א קליינעם ברוך־טייל פון מייזעלס קאָ־
רעספּאָנדענץ; למשל די קאָרעספּאָנדענץ, וועלכע געפינט זיך אין דער דאָ־
קומענטאציע־ביילאגע פון מאיר ראָזענבלאטס מאגיסטער־ארבעט א. ד. ט.
„ווארשעווער יידן ערב דעם יאנואר־אויפשטאנד". דער מאטעריאל האָט
מיר א סך געהאָלפן ביים שאפן א בילד פון מייזעלס טעטיקייט און פון
זיין פּאָליטישער איינשטעלונג אין דער צייט, וואָס ווערט דורך די ביר־
גערלעכע היסטאָריקער באצייכנט ווי דער פעריאָד פון דער „מאָראלישער
רעוואָלוציע". ווארום נאָר מייזעלס אייגענע קאָרעספּאָנדענץ קאָן אויפ־
וויקלען דעם פּלאָנטער, וואָס א טייל בורזשואזע היסטאָריקער האָבן גע־
שאפן ארום די מכלומרשטע באציונגען צווישן בעריש מייזעלסן מיט זא־
מאָיסקין און ווילעלאָפּאָלסקין. דאָס פעלן פון דער פולער קאָרעספּאָנדענץ
פון בעריש מייזעלס איז אן ערנסטער שטער פאר אונדזער פאָרשונג. אָבער
דאָס, וואָס האָט זיך, ווי געזאָגט, אָפּגעראטעוועט, איז שוין אויך גענוג זיך
אויפצושטעלן א בילד פון מייזעלס פּאָליטישער איינשטעלונג.

נישט געקוקט אויף געוויסע בלויזן אין דער מקורימדיקער דאָקומענ־
טאציע, איז אָבער פאראן א גענוגנדיקע דאָקומענטאציע־באזע פאר אונ־

דזער טעמע. אויסנוצנדיק דעם מאקסימום פון די מקורים, וואָס זענען פאראן, קאָנפראָנטירנדיק מיט זיי א ריי געדרוקטע פראגמענטארישע אר־בעטן און אָנווענדנדיק לגבי דער פאָרשונג א מארקסיסטיש־לעניניש צו־גאַנג, קאָן מען אויפשטעלן אן אמתדיק בילד פון די געשעענישן פון מיי־זעלס צייט און פון מייזעלסן גופא, פון זיין געזעלשאפטלעכער טעטיקייט און פאָזיציע אינעם געווירבל פון די שטורמישע געשעענישן פון נייַנצנטן יאָרהונדערט.

אויף וויפיל דאָס וועט מיר געלונגען אין דער פאָרגעלייגטער אר־בעט, זאָל משפטן דער לייענער.

א. קופּער

קאפיטל איינס

די אלגעמיינע לאַגע פון די יידן אין דער „קראָקעווער רעפובליק”.

די ענגע ראמען פון דער דאָזיקער ארבעט דערלויבן נישט ברייטער זיך אָפּצושטעלן איבער דעם עקאָנאָמישן און פּאָליטישרעכטלעכן מצב פון די יידן אינעם קראָקעווער געביט. עס איז אָבער נייטיק לשם אָריענטאציע, כאָטש אין אלגעמיינע שטריכן זיך אָפּצושטעלן אויף די פראגן.

ווי באקאנט איז אויף דעם ווינער קאָנגרעס אין 1815 די שטאָט קראָקע מיט איר אומגעגנט (3 קליינע שטעטלעך און 444 דערפער) אויסגעטיילט געוואָרן פון דעם פריערדיקן ווארשעווער פירשטנטום ווי א „פרייע אומאָפּהענגיקע און אבסאָלוט נייטראלע רעפובליק”. די קראָקעווער רעפובליק איז געשטעלט געוואָרן אונטערן פּראָטעקטאָראט פון די דריי מלוכות, וואָס האָבן צווישן זיך פאנאנדערגעטיילט פוילן (עסטרייך, פּרייסן און דאָס צארישע רוסלאנד). די רעפובליק האָט געהאט פאָרמעל איר סענאט און רעפּרעזענטאנטן־פארזאמלונג, אָבער פאקטיש איז זי אָנגעפירט געוואָרן דורך דעם רעזידענטן־ראט, וואָס איז באשטאנען פון פאָרשטייער פון די דריי אָקופּאציע־מלוכות.

די צאָל פון דער באפעלקערונג אין דער רעפובליק האָט זיך פאָרגעשטעלט אזוי:[1]

אין יאר	אין קראָקע	אין קראָק. געגנט	צוזאמען נפשות	דערפון יידן	פראָצענט פון יידן
1818	24,756	71,682	96,438	8,522	8,8
1832	33,460	89,204	122,669	12,480	10,1
1843	42,990	102,797	145.787	16,746	11,4

[1] די צאָלן זענען אָנגעגעבן לויט: Janina Bienarzówna: „Rzeczpospolita Krakowska". Kraków 1948, str. 12 i Dr. Gelber „Aus zwei Jahrhunderten" Wien 1924.

אין די דריי קליינע שטעטלעך פון דער רעפּובליק: כשאַנאָוו, טשעבין און נאָוואַ־גוראַ איז די מערהייט באַפעלקערונג געווען אַ יידישע.

לויט אַ רשימה פון 1824 האָט די צאָל יידישע סוחרים און קרעמער אין קראָקע באַטראָפן: 247, געלט־וועקסלער און באַנקירן — 30.[2]

לויט אַ רשימה פון דער קראָקעווער יידישער קהלה, צונויפגעשטעלט אין די 40־ער יאָרן (געפינט זיך איצט אינעם אַרכיוו פון ייה"א אין פוילן), זענען אין קראָקע געווען 53 סוחרים, וועלכע האָבן געפירט אַן עקספּאָרט און אימפּאָרט־האַנדל מיט אויסלאַנד און באַזיצט אייגענע הייזער אין קראָקע.

די צאָל יידישע באַלמעלאָכעס אין יידישן קוואַרטאַל אין יאָר 1845 האָט, לויט אָפיציעלע אָנגאַבן, באַטראָפן: זעלבשטענדיקע האַנטווערקער — 363, לערן־יינגלעך און טערמינאַטאָרן — 254.

ווי האָט אויסגעזען די רעכטלעכע לאַגע פון די יידן? לויטן „יידן־סטאַטוט", וואָס דער סענאַט האָט אָנגענומען אין יאָר 1818, וועלכער איז אָבער פּאַקטיש אויסגעאַרבעט געוואָרן לויט די דירעקטע אָנווייזונגען פון פּרייסישן פּאַרשטייער אין רעזידענטן־ראַט, באַראָן רייבניץ (Reib-nitz)[3] איז די רעכטלעכע לאַגע פון די יידן געווען אַזעלכע:

וווין־רעכט:

אין קראָקע האָבן יידן געקאָנט וווינען נאָר אין שטאָט־קוואַרטאַל קאַזמיר, אין די איבעריקע שטאָט־טיילן האָבן געמעגט וווינען נאָר „ציוויליזירטע" יידן, ד. ה. פּראָפעסאָרן, דאָקטוירים, קינסטלער, דערפינדער, אָדער אַזעלכע, וואָס האָבן געענדיקט אַ מיטל־שול; סוחרים און פאַבריקאַנטן, וועלכע האָבן אַ פאַרמעגן במזומנים אָדער אין סחורה פון 50,000 גילדן, זענען געקליידעט „דייטש", שיקן זייערע קינדער אין די פּוילישע שולן. סך־הכל איז אין יאָר 1848 אויף 13,080 נפשות געווען 196 אַזעלכע „גליקלעכע", וואָס האָבן געוווינט מחוץ דעם יידישן קוואַרטאַל.

אין די דערפער האָבן געקאָנט וווינען נאָר די יידן, וועלכע באַאַרבעטן אַליין די ערד. זיי האָבן אפילו געמעגט באַזיצן אַ גאַנצן פאָלוואַרק, אָבער נישט באַשעפטיקן קיין קריסטלעכע אַרבעטער. אויך איז די יידן נישט דערלויבט געווען צו פירן קיין קרעטשמע אָדער פּראָפּינאַציע.

---

[2] Bałaban M. „Historja Żydów w Krakowie", t. II. str. 630.

[3] זע: יאַנינאַ ביענאַזשוווּנאַס — דערמאָנטע ווערק ז' 21.

רעכט פון די יידישע באַלמעלאָכעס:

לויטן דערמאָנטן יידן־סטאַטוט האָבן די יידישע האַנטווערקער געדאַרפט געהערן צו דעם אַלגעמיינעם צעך. די קריסטלעכע פאַבריקאַנטן און האַנטווערקער זענען מחויב געווען אויך אָנצונעמען יידישע לערנייִנגלעך. די קריסטלעכע צעכן האָבן זיך אָבער נישט אונטערגעוואָרפן דעם געזעץ און נישט אריינגענומען אין זייער צעך קיין יידן פאַר מיטגלידער און אויך נישט אָנגענומען קיין יידישע ייִנגלעך אויף דער לער. אין רעזולטאַט דערפון איז דער יידישער האַנטווערקער געבליבן אויסער דעם צעך און דערפאַר באַטראַכט געוואָרן פאַר א „פּאַרטאַטש,* און ממילא האָבן זייערע געזעלן, וועלכע האָבן געענדיקט דעם טערמין, נישט געקאָנט ווערן קיין זעלבשטענדיקע באַלמעלאָכעס. דאָס האָט געצוווּנגען די יידישע באַלמעלאָכעס צו אָרגאַניזירן זיך אין באַזונדערע צעכן, וועלכע דער סענאַט האָט ערשט אין יאָר 1833, נאָך א לאַנגיעריקן קאַמף, אָנערקענט פאַר געהילף־צעכן ביי די קריסטלעכע. עס זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן סטאַטוטן פאַר די יידישע צעכן (אין יאָר 1833 און שפּעטער אין יאָר 1843), לויט וועלכע זיי זענען געווען פולשטענדיק אָפּהענגיק פון די קריסטלעכע. אזוי, למשל, האָט דער פּאַראַגראַף 153 פון צעכן־סטאַטוט פון יאָר 1843 באַשטימט, אַז „אויף יעדער זיצונג פון יידישן צעך מוז אַסיסטירן א פאָרשטייער פון קריסטלעכן צעך. פאַר אָפּהאַלטן א זיצונג נישט אין דעם בייזיין פון אַזא פאָרשטייער צאָלן די באַטייליקטע צו 30 גילדן שטראָף”. ווייטער ווערט דאָרט געזאָגט: „יעדער באַשלוס, וואָס איז נישט פאַרזען מיט דער חתימה פון קריסטלעכן צעכן־קאָמיסאַר און פון דעם פאָרשטייער פון קריסטלעכן צעך, איז אומגילטיק”.

לויט דעם סענאַט־סטאַטוט האָט דער יידישער האַנטווערקער געמעגט אַרבעטן און פאַרקויפן זיין פּראָדוקציע נאָר אויפן שטח פון יידישן קוואַרטאַל.

האַנדל:

אחוץ די רייכע און פּריווילעגירטע יידישע סוחרים האָט דער רעשט יידישע באַפעלקערונג געקאָנט פריי האַנדלען נאָר אין יידישן שטאָט־טייל, אין די וואָכן־מערק האָבן זיי אויך געמעגט האַנדלען אויסער די גרענעצן

---

* א טערמין פאַר דעם אָרעמסטן טייל קריסטלעכע באַלמעלאָכעס, וועלכע די רייכע מייסטער, וואָס האָבן אָנגעפירט מיט די צעכן, האָבן, צוליב קאָנקורענץ־טעמים, נישט אָנגענומען אין די צעכן.

פון יידישן קוואַרטאַל, און דאָס נאָר מיט שפּייז־פּראָדוקטן. בלויז אין די צוויי יאָר־יאַרידים, וועלכע זענען פאָרגעקומען אין מאַי און אין סעפּטעמבער, האָט מען זיי געלאָזט האַנדלען מיט אַלע מינים סחורות.

שטייערן:

לויט דעם דערמאָנטן יידן־סטאַטוט זענען פאָרמעל אָפּגעשאַפט געוואָרן די באַזונדערע יידישע מלוכה־שטייערן, אָבער פאַקטיש האָט זיך די לאַגע פאַרגעשטעלט גאַנץ אַנדערש. צומבעסטן קאָנען דאָס אילוסטרירן די פאָלגנדיקע ציפערן. אין יאָר 1833 איז אין שטאָט קראָקע אויף 27,700 נישט־יידן געווען 2,296 שטייער־צאָלער, וועלכע האָבן איינגעצאָלט 25,000 גילדן יערלעך. דאַקעגן אויף 10,820 יידן איז געווען 2,373 שטייער־צאָלער, וועלכע האָבן יערלעך איינגעצאָלט אין דער מלוכה־קאַסע אַרום 40,000 גילדן. חערביי איז כדאי צו דערמאָנען מייזעלס אַרויסטריט אין סענאַט בנוגע די שטייער־פראַגן. אויף דער יידישער אָנקלאַגע ביים רעווידענטן־ראַט קעגן דער אומגערעכטיקער פאַנאַנדערטיילונג פון די שטייערן, האָט דער סענאַט־פאָרשטייער געענטפערט, אַז די יידן, הגם זיי שטעלן מיט זיך פאָר אַ קליינע צאָל, האָבן זיי אָבער אין זייער האַנט די וויכטיקסטע צווייגן פון האַנדל. דערויף האָט מייזעלס אָפּגעענטפערט, אַז צווישן די קראָקעווער יידן געפינט זיך טאַקע אַ גרופּע פאַרמעגלעכע סוחרים, אָבער אין אַלגעמיין גענומען באַשטייט דאָס יידישע סוחרטום פון קליינהענדלער, וועלכע באַזיצן מינימאַלע קאַפּיטאַלן און מוזן זיך באַגנוגענען מיט די קלענסטע פאַרדינסטן, און דער רוב פון זיי לעבט אין נויט.

„קאָמיטעט פון אַלט־גלויביקע":

לויט דעם יידן־סטאַטוט איז אויפגעלייזט געוואָרן דער קהל, אויף זיין אָרט איז באַשטימט געוואָרן אַ קאָמיטעט א. נ. „קאָמיטעט סטאַראָזאַקאָנניך". דער קאָמיטעט איז באַשטאַנען פון: אַ נאָמינירטן פאָרזיצער (אַ קריסט), דעם שטאָט־רב און צוויי מיטגלידער אויסגעוויילטע דורך אַזעלכע יידן, וואָס פאַרמאָגן אומבאַוועגלעכע גיטער. לויט דעם סטאַטוט האָט דער קאָמיטעט זיך געדאַרפט פאַרנעמען בלויז מיט רעליגיעזע ענינים. פאַקטיש אָבער איז ער געבליבן ביי אַלע פונקציעס, וועלכע עס האָט געהאַט דער אַמאָליקער קהל, נאָר מיט דעם אונטערשייד, וואָס די געלטער פון פאַרשידענע שטייערן, וועלכע דער קאָמיטעט האָט איינגענומען, זענען איינגעפלאָסן נישט אין דער קהלה־קאַסע, נאָר דירעקט אין דער קאַסע

פון שטאָטראַט. דער „קאָמיטעט סטאַראָזאַקאָנניך" האָט געדאַרפט רעכענען בודזשעט פון אַ ספּעציעלן אָפּצאָל, וואָס איז חל געווען אויף אַלע יידישע בירגער. דאָקעגן אַלע שטייערן, וועלכע קהל האָט אַמאָל גענומען אויף אויסהאַלטן די יידישע אינסטיטוציעס, זענען פאָרמעל אָפּגעשאַפט געוואָרן. אָבער שוין אין צוויי יאָר אַרום האָט מען צוריק איינגעפירט דעם כשר־פלייש־אָפּצאָל, וועלכן דער יידישער קאָמיטעט האָט פאַרפּאַכטעט. די פּאַכטער האָבן אין דער רעגירונגס־קאַסע איינגעצאָלט מיט יעדן יאָר אַלץ גרעסערע סומעס. אַזוי, למשל, איז פאַר דער פּאַכט אין יאָר 1833 איינגעצאָלט געוואָרן 63,410 זלאָטעס, און אין יאָר 1844 — 91,257 זל. פאַרשטייט זיך, אַז די פּאַכטערס האָבן זיך באַמיט אָפּצונעמען די סומעס, וואָס זיי האָבן איינגעצאָלט, מיט אַ גוטן פּראָצענט. דער כשר־פלייש־אָפּצאָל איז אין דער קראָקעווער רעפּובליק, ווי אין אַלע אַנדערע אָקופּירטע פּוילישע געביטן, געוואָרן איינער פון די שווערסטע לאַסטן, וואָס האָט געדריקט די יידישע באַפעלקערונג. ער איז פאַקטיש פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אַלגעמיינעם שטייער פאַר יידן, ווייל אַפילו יענע יידן, וואָס האָבן נישט געקויפט קיין כשר פלייש, זענען געצוואונגען געווען אַדורכצוקומען מיט דעם פּאַכטער און אויסצאָלן אים אַ יערלעכן אַלגעמיינעם אָפּצאָל פאַר דעם כשר פלייש, וואָס זיי וואָלטן געדאַרפט פאַרברויכן.

צום סוף דאַרף דערמאָנט ווערן, אַז דער סענאַט האָט אונטערן רעקטאָראַט פון „ציוויליזירן" די יידן צוגעקלערט כסדר נייע פּראָיעקטן, ווי, למשל, דעם שענדלעכן חתונה־געזעץ, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן אין יאָר 1844 און לויט וועלכן די חתונה־קאַנדידאַטן האָבן געמוזט האָבן געענדיקט אַ פאָלקס־שול אָדער אויסהאַלטן אַן עקזאַמען לויט אַ שול־פּראָגראַם. חוץ דעם האָט אַ חתן־בחור געדאַרפט באַווייזן, אַז ער פאַרמאָגט אַ הויז, וואָס ברענגט אַ מינימום הכנסה פון 500 פלאָרין אַ יאָר. ס׳האָבן אויך געמעגט חתונה האָבן יידן, וואָס האָבן אַ שטענדיקן פּאָסטן, באַלמעלאָכעס, וועלכע האָבן פאַרמאָגט אַ געהעריקן מזומן־קאַפּיטאַל א. א. וו. חתונה האָבן האָט מען געמעגט ערשט צו דרייסיק יאָר. ווער ס׳האָט געוואָלט פריער חתונה האָבן, האָט געדאַרפט אָפּגאָלן די באָרד און פּאות און אויסטאָן די יידישע בגדים.

פאַקטיש זענען די אַלע „ציוויליזיר"־פאַראָרדענונגען געווען געווענדעט דירעקט קעגן דער יידישער באַפעלקערונג. אַזוי, למשל, האָט דער דערמאָנטער חתונה־געזעץ געדאַרפט ווירקן אין דער ריכטונג פון פאַרקלענערן דעם צו גרויסן נאַטירלעכן צוזוואוקס ביי יידן. ענלעכע צילן האָבן געהאַט אויך אַלע אַנדערע פאַראָרדענונגען און גזירות פון דער קראָקעווער מאַכט.

פון דעם געזאָגטן זעען מיר, אַז די רעכטלעך־פּאָליטישע לאַגע פון די יידן אין דער קראָקעווער רעפּובליק איז געווען אַ גענוג שווערע. די יידן האָבן געמוזט פירן אַן אומאויפהערלעכן קאַמף קעגן דער פּאָליטיק פון סענאַט. מייזעלס און אַנדערע פּראָגרעסיווע פירער פון די קראָקעווער יידן האָבן געהאַט די מעגלעכקייט זיך צו איבערצייגן, אַז דאָס זוכן יושר ביים רעזידענטן־ראַט קעגן דעם סענאַט איז אַן אַבסורד. די פּוילישע רעאַקציאָנערע פירער פונעם סענאַט זענען נישט בלויז אינספּירירט, נאָר אויך פּאַקטיש אָנגעפירט געוואָרן דורך די אַפּוטרופּסים פון די דריי רעאַקציאָנערע אָקופּאַנטן־מלוכות. זיי האָבן אויך נישט געהאַט קיין פּאַקטישן אָנלען ביי די פּוילישע פאָלקס־מאַסן פון דאָרף און שטאָט.

אָט די לאַגע האָט באַוויגן דעם באַוווסטזיניקערן טייל פון דער קראָקעווער יידישער באַפעלקערונג צו נעמען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער אונטערערדישער באַוועגונג, וועלכע איז אָרגאַניזירט געוואָרן אין די דרייסיקער און פערציקער יאָרן. אַזוי האָבן זיי גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער „טאָוואַזשיסטוואָ פּזשיאַטשול לודו"[4] (געזעלשאַפט פריינד פון פאָלק), וועלכע האָט אין איר פּראָגראַם צוו. אַנד. אַרויסגערוקט דעם לאָזונג פון גלייכע רעכט פאַר יידן. וועגן דעם אָנטייל פון די קראָקעווער יידן אין דער באַפרייערישער באַוועגונג ראַפּאָרטירט דער עסטרייכישער מיטגליד פון רעזידענטן־ראַט, לעהמאַן, אין 1835 קיין ווין אָט וואָס: „די קראָקעווער יידן נעמען אַ שטאַרקן אָנטייל אין אַריבערפירן פון קראָקע אומלעגאַלע ליטעראַטור איבער גאַנץ גאַליציע און אונגאַרן". אויך די ראַפּאָרטן פון דער עסטרייכישער געהיים־פּאָליציי דערמאָנען די טעטיקייט פון דעם קראָקעווער ייד ראַפּאַפּאָרט און זיין זון שכנא, וועלכער שיקט איבער פון פּאַריז די געהיימע רעוואָלוציאָנערע קאָרעספּאָנדענץ פון פראַנקרייך, בעלגיע און ענגלאַנד צום פאָטער קיין קראָקע. דער קראָקעווער ייד פינקלשטיין איז, לויט די דערמאָנטע באַריכטן, דער פאַרבינדלער צווישן די פּוילישע און אונגאַרישע רעוואָלוציאָנערן.

סטאַניסלאַוו מאַלינאָווסקי האָט געשאַפן אין יאָר 1837 די ראַדיקאַל־רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציע א. נ. „פּאָווּשעכנאַ קאָנפעדעראַציאַ נאַראָדו פּאָלסקיעגאָ" (אַלגעמיינע קאָנפעדעראַציע פון פּוילישן פאָלק), וואָס האָט זיך געשטעלט די אויפגאַבע וואָס שנעלער אַרויסצורופן אַ נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע רעוואָלוציע אין לאַנד, האָט וועראַבירט יוגנטלעכע און זיי געשולט מיליטעריש. אין דער אָרגאַניזאַציע איז אויך אַריינגעטרעטן

[4] זע ד"ר נ. מ. געלבער אין דערמאָנטן ווערק, ז"ז 263, 264.

א באדייטנדיקע צאָל יידישע יונגעלייט פון קראָקע און האָבן דורכגעמאכט מיליטערישע איבונגען.[5]

נישט געקוקט דערויף, וואָס דער פארשטארקטער טעראָר מצד די אָקופּאנטישע מלוכות און די אינערלעכע רעאקציע האָבן דערשטיקט אין די יאָרן 1840-41 די רעוואָלוציאָנערע אָרגאניזאציעס, זענען די רעוואָלוציאָנערע אידעען טיף אריינגעדרונגען אין די הערצער פון פּראָסטן פאָלק און פון דער יוגנט פון קראָקע, וועלכע האָבן אויפגעפלאמט און געבראכט זייערע אידעען צום אויסדרוק אין פעברואר 1846.

---

[5] זע ווייטער אין דער באמערקונג 41.

קאַפּיטל צוויי

די דערוואַקסונג

דוב בעריש מייזעלס איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1798 אין דעם שטעטל שטשעקאָטשין, (ראַדאָמער קרייז) אין אַן אַלטער רבנישער משפּחה. זיינע קינדער־יאָרן האָט ער פאַרבראַכט אין קאַמיעניעץ־פּאָדאָלסק, ווו זיין פאָטער איז געווען רב. אין יאָר 1820 קומט ער קיין קראָקע,[6] האָט חתונה מיט דער טאָכטער פון דעם גאַליציאַנער גביר זלמן באָרנשטיין, און אַזוי אַרום קומט ער אַריין אין אַ פאַמיליען־קרייז פון דער אויפגעקומענער יידישער בורזשואַזיע, ווייל אויסער דעם, וואָס זיין שווער איז געווען געשעפטלעך פאַרבונדן מיט די וואַרשעווער גבירים, ווי: בערקע זאָנענבערג (שמואל זביטקעווערס זון), אַנטאָני פרענקעל, עפּשטיין, מיט וועלכע ער האָט געהאַלטן בשותפות אין אַרענדע די ווייעליטשקער זאַלץ־גרובן, — האָט ער אויך, זיין שווער, חתונה געמאַכט זיינע צוויי זין און אַ טאָכטער מיט די קינדער פון דעם באַוווסטן וואַרשעווער גביר זלמן פּויזנער (איינער פון די ערשטע יידישע פאַבריקאַנטן אין פּוילן. אגב, אין פּויזנערס זייד־פאַבריק אין קובאַרי זענען געווען באַשעפטיקט אַרום 250 יידישע אַרבעטער. ער האָט אויך געפּרוווט רעאַליזירן דעם געדאַנק צו קאָלאָניזירן יידן אויף ערד און צו דעם צוועק אָפּגעקויפט אַ גרויס גוט, ווו ער האָט באַזעצט יידישע פּויערים).

עטלעכע יאָר נאָך דער חתונה עפנט מייזעלס בשותפות מיט זיין שווער אַ פירמע: „מייזעלס עט הורוויטש".[7] די פירמע האָט געפירט אַ גרויסן עקספּאָרט־האַנדל מיט דייטשלאַנד. נאָכן טויט פון זיין שווער

---

[6] לויט די רעלאַציעס פון דירעקטאָר פון דער קראָקעווער פּאָליציי, ענגליש. פון יאָר 1862, זע: ד"ר נ. מ. געלבער „די יודען אונד דער פּאָלנישער אויפשטאַנד 1863", פאַרלאַג ר. לעווית, ווין אונד לייפּציג, ז' 200.

[7] דאָס באַנק־הויז „מייזעלס עט הורוויטש" האָט זיך געפונען אין זיין אייגענעם הויז, וואָס איז געווען דאָס שענסטע אין דעם קריסטלעכן קוואַרטאַל פון קוזמיר. די רעכט צו באַזיצן אַ הויז אין קריסטלעכן קוואַרטאַל האָט מייזעלס

פירט מייזעלס ווייטער די פירמע. אזוי אנטוויקלען זיך מייזעלס געשעפטן און אויך זיין פריוואט־לעבן אין א צושטאנד פון רואיקייט. ערשט דער נאוועמבער־אויפשטאנד פון 1831 אין קאנגרעס־פוילן, וועלכער האט געפונען א טיפן אפקלאנג ביי דער באפעלקערונג פון דער „קראקעווער רעפובליק", האט אריינגעבראכט א טיפע ענדערונג אין מייזעלסעס לאגע און אים א שטויס געטאן אויף נייע וועגן, אריינברענגענדיק אן איבערקערעניש אין זיין לעבן. א טייל פון דער יידישער באפעלקערונג האט מאטעריעל אונטערגעשטיצט דעם אויפשטאנד. צווישן די יוגנטלעכע, וועלכע זענען אוועק קיין קאנגרעס־פוילן צו קעמפן אין די רייען פון די אויפשטענדלער, באגעגענען מיר אויך קראקעווער יידישע יוגנטלעכע, ווי גרינפעלד, וועבער א. א. אויך מייזעלס נעמט אן אקטיוון אנטייל אינעם העלפן די אויפשטענדלער פון קאנגרעס־פוילן. ער ווערט איינער פון די מיטארבעטער פון גראף לודוויק מארשטין, וואס איז דעלעגירט געווארן דורך דער אויפשטענדלער־רעגירונג קיין קראקע צו ארגאניזירן הילף פאר דעם אויפשטאנד. מייזעלס האט מיטגעהאלפן מארשטינען ביים געווער־איינקויף פאר דעם אויפשטאנד.[8] ווארשיינלעך, האט גראף מארשטין געהאט א רעקאמענדאציע צו מייזעלסן פון די יונג־בורזשואזע יידישע קרייזן אין ווארשע, וועלכע האבן זיך געפונען מיט מייזעלסן אין פאמיליארע און געשעפטלעכע פארבינדונגען און געהערט צו די אקטיווע אונטערשטיצער פונעם אויפשטאנד.[9] מייזעלס מיטהילף ביים איינקויפן געווער איז באשטאנען אויך אין מאטעריעלער הילף. דהיינו, ווען ס'האט זיך ארויסגעוויזן, אז צוליב מאנגל אין געלט ווערט אפגעשלעפט דאס איינקויפן געווער, און שפעטער קאן די עסטרייכישע רעגירונג בכלל פארבאטן דאס

באקומען אדאנק זיין פרוי, וועלכע איז אנערקענט געווארן דורך דער שטאטישער מאכט אלס א „פארטגעשריטענע" (ד"ר מ. באלאבאן: „די געשיכטע פון יידן אין גאליציע", אין פויליש).

פארגלייך: צונץ י. נ. „עיר הצדק", לבוב, 1874, ז' 168.

[8] נ. מ. געלבער, ה"ציון", ז' 200, און דער באריכט פון קראקעווער פאליציי־קאמיסאר ענגליש צום עסטרייכישן פאליציי־מיניסטער מעקסערי, געשריבן דעם 21-טן מערץ 1862.

[9] צווישן די ערשטע ווארשעווער מנדבים, וואס האבן מאטעריעל געשטיצט דעם אויפשטאנד, פיגורירן די נעמען פון בערעק שמולעוויטשעס קינדער, באנקיר ווערטהיים א"א. אזוי האבן אויך מתנגדים צוזאמען מיט די אויפגעקלערטע געשאפן א קאמיטעט אין די פערזאנען פון: חיים דאווידזאן, שלמה אייגער און מיכאל עטינגער. דער קאמיטעט האט זיך געשטעלט די אויפגאבע צו פירן אן אגיטאציע צווישן די יידישע איינוווינער לטובת דעם אויפשטאנד.

ארויסשיקן געווער, האָט מייזעלס געבאַרגט גראַף מאַרשטינען געלט אויף איינקויפן דעם וואָפן־טראַנספּאָרט.

נאָך דעם דורכפאַל פונעם אויפשטאַנד האָט מייזעלס נישט צוריק־באַקומען דאָס אויסגעבאָרגטע געלט, און אַזוי איז אָרום איז פאַרפאַלן געוואָרן א באַדייטנדיקער טייל פון זיינע קאַפּיטאַלן.[10] ממילא זענען די ווייטערדיקע געשעפטן פון זיין פירמע איינגעשרומפּן געוואָרן. מייזעלס האָט דעמלט באַקומען גענוג פרייע צייט זיך צו ווידמען די יידיש־געזעלשאַפטלעכע ענינים. אין יאָר 1832, נאָכן טויט פון קראָקעווער רב, ווען מייזעלס פאַרעדער האָבן אים פאַרגעלייגט איבערצונעמען דעם רבנות־אמט, האָט ער דעם אמט אָנגענומען. די חסידים האָבן אויפגע־הויבן א קאַמף קעגן דעם באַשטימען מייזעלסן פאַר א רב און אויפגע־נומען פאַר א קאָנטר־רב זייערן א פירער שאול לאַנדע.[11] אין זייער קאַמף קעגן מייזעלסן האָבן די חסידים אויסגענוצט אַלע מיטלען, כדי צו פאַר־קלענערן זיין אויטאָריטעט און אים אַרונטערדרייסן. אַזוי האָבן די חסידים מיט זייער פירער שאול לאַנדע זיך געווענדעט מיט אָנקלאַגעס צו די גרעסטע דעמלטיקע רבנישע אויטאָריטעטן, ווי משה סופר (רב פון פּרעש־בורג), שלמה זלמן פּויזנער (וואַרשעווער רב), פּרווונדיק באַקומען זייערע באַשטעטיקונגען, אַז מייזעלס זאָל האָבן ארויסגעגעבן נישט ריכטיקע פּסקים אין רעליגיעזע ענינים (אין א גט־פראַגע, אין א שחיטה־ענין א. א. וו.). דערגרייכט האָבן זיי אָבער א פּונקט פאַרקערטן רעזולטאַט. נישט בלויז, וואָס די דערמאָנטע רבנים זענען מסכים געווען מיט דער שטעלונג פון הרב מייזעלס, נאָר זיי האָבן אין זייער ענטפער צו שאול לאַנדען אַקצענטירט, אַז זיי אָנערקענען פאַר קראָקעווער רב נאָר מייזעלסן און אויפגעפאָדערט זיינע קעגנער אונטערצוואַרפן זיך זיינע פּסקים אין רעליגיעזע ענינים.[12] די פירער פון דער קהלה, וועלכע זענען באַשטאַנען פון זיינע קעגנער, האָבן אויסגעפועלט ביים סענאַט פון דער פרייער שטאָט

---

[10] פון דעם דערמאָנטן באַריכט פון קראָקעווער פּאָליציי־קאָמיסאַר — ד״ר נ. מ. געלבער אינעם צ״וו. ז׳ 201 אויך ד״ר יאַסטראָוו גיט דאָס זעלבע איבער אין זיין נעקראָלאָג־אַרטיקל איבער מייזעלסן אין דעם „Hebrew Leader" אַפּריל 1870.

[11] פּ. ה. וועטשטיין: „תולדות מהרח״ן", קראָקע 1893, ז׳ 15.

[12] שאלות ותשובות חתם סופר חלק אה״ע, תשובה כ״א.
המודת שלמה, חלק יו״ד, תשובה כ״ז, חלק אבן העזר, תשובה ע״ה.

קראַקע, ער זאָל פאַרבאָטן אויסצוצאָלן מייזעלסן דעם האָנאָראַר.[13] פּאַקטיש, ווי מיר ווייסן, האָט מייזעלס אין משך פון די פיל יאָרן (אַלנפאַלס ביז דער קראָקעווער רעוואָלוציע פון 1846 יאָר) נישט גענומען פאַר זיך דעם רבנות־האָנאָראַר, נאָר אים פאַנאַנדערגעטיילט צווישן די אָרעמע.[14] מייזעלס האָט, פאַרנעמענדיק דעם רבנות־אַמט, ווייטער געפירט זיין פירמע[15] און דערפון געלעבט. אין ליכט פון דעם מוזן מיר אָננעמען, אַז זיינע קעגנער זענען אויסן געווען מיט דעם אָפּשטעלן דאָס צאָלן אים דעם האָנאָראַר נישט צו טרעפן אים מאַטעריעל, נאָר דורך דעם אָפּצושוואַכן זיין גוטן נאָמען פאַר א בעל־צדקה.

שוין ביים אָנהייב פון זיין אמטירן ווי א רב נעמט מייזעלס אונטער א קאַמף מיט דעם מאַריאָנעטישן סענאַט פון דער קראָקעווער פרייער שטאָט, וועלכער האָט, ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט, באַגרענעצט די רעכט פון די יידן און באַלאַסטעט די יידישע מאַסן מיט פאַרשידענע שטייערן. אין יאָר 1832 האָבן די פאָרשטייער פון די קראָקעווער יידן מיט מייזעלסן בראש איבערגעשיקט א מעמאָראַנדום צו די אַפּוטרופּסים פון דער רעפּובליק (אויסמיידנדיק די פאָרמאַליטעט, וועלכע זעט פאָר איבערצושיקן יעדן מעמאָראַנדום צו די אַפּוטרופּסים דורך דער פאַרמיטלונג פון קראָקעווער סענאַט). אין דעם מעמאָראַנדום איז אָנגעוויזן געוואָרן בפרטימדיק אויף דער רעכטלאָזער און שווערער עקאָנאָמישער לאַגע פון די יידן אין דער קראָקעווער רעפּובליק און אויף דער גזלנישער שטייער־

---

[13] אין דעם בריוו פונעם קראָקעווער סענאַט צום יידישן קאָמיטעט פון 19-טן אַפּריל 1838 אַקט נר. 3400, ארכיוו פון יידישן קהלה־קאָמיטעט אין קראָקע, — געפינט זיך איצט אינעם ארכיוו־באַשטאַנד פונעם ייה"א אין וואַרשע — ווערט אזוי געזאָגט: „צוליב דעם תובות־באַלאַסט פון דער יידישער גמינע קאָן זי זיך נישט דערלויבן אים צו צאָלן דעם האָנאָראַר, וועלכן זי האָט אים אָנגעהויבן צאָלן, אזוי, אַז דער רב מייזעלס מוז זיך באַגנוגענען מיט דער דאַנקבאַרקייט פון זיינע מיטגלויביקע".

[14] וועגן דער פראַגע, צי מייזעלס האָט גענומען האָנאָראַר און אויף וואָס פאַר אַ צוועק ער האָט אים פאַרוועדעט, זע: מ. צונץ „עיר הצדק", לוואָוו 1874, ז' 168, און מ. באַלאַבאַן אין זיין געשיכטע פון די יידן אין קראָקע, 2-טער טייל, ז' 643.

[15] עס איז נישט ריכטיק י. שאַצקים פעסטשטעלונג, אַז נאָך 1831 האָט מייזעלס זיך מער נישט געוואָלט פאַרנעמען מיט געשעפטן (י. שאַצקי: „געשיכטע פון יידן אין וואַרשע", ב. 2 ז' 227), ווייל אין יאָר 1836 באַקומט מייזעלס די דערלויבעניש פון קראָקעווער סענאַט אַרויסצופאָרן אויף 4 וואָכן קיין אויסלאַנד כדי צו דערלעדיקן זיינע האַנדלס־ענינים. לויט אַ בריוו פון סענאַט צום יידישן קאָמיטעט אין קראָקע, געשריבן דעם 15.12.1836; אַקט נר' 3204 פון דער יידישער גמינע אין קראָקע, געפינט זיך אינעם אַרכיוו פון ייה"א אין וואַרשע.

שרויף, וועלכער ווערט אָנגעווענדעט לגבי דער יידישער באַפעלקערונג. מייזעלס האָט אויך דעמאַסקירט אין דאָזיקן מעמאָראַנדום די „רעכט", וועלכע די סענאַט־קאָנסטיטוציע האָט געגעבן די יידן, און דריקט זיך אויס צוו. אנד., אזוי:

„די קאָנסטיטוציע פון יאָר 1817 האָט, אמת, געבואכט די יידן דערלייכטערונגען דורך גאַראַנטירן רעכט די יעניקע, וואָס וועלן זיך אויסצייכענען מיט העכערער בילדונג. די דאָזיקע הנחות אָבער קאָנען צונוץ קומען נאָר די יעניקע, וואָס האָבן די גענוגנדיקע מיטלען צו דערגרייכן די נייטיקע הויכע בילדונג אויף אזא אופן איז דער־חסד פון געזעץ נוצלעך נאָר פאַר א קליינער צאָל פאַרמעגלעכע משפחות, און וואָס איז בנוגע די 12,000 יידן אין קראָקע, וואָס האָבן נישט די דאָזיקע מעגלעכקייט?".[16]

אין יאָר 1833 האָט די קאָמיסיע פאַר דער קראָקעווער רעפּובליק, וואָס איז באַשטאַנען פון פאָרשטייער פון רעזידענטן־ראַט און פאָרשטייער פון קראָקעווער סענאַט, אָפּגעהאַלטן אין ווין א זיצונג. אויף דער זיצונג איז דעלעגירט געוואָרן מצד דער קראָקעווער יידישער באַפעלקערונג מייזעלס צוזאַמען מיט יעקב אדלער (שעפער פון דער קראָקעווער „יידישער גוואַרדיע" אין יאָר 1830), כדי צו נעמען אָן אָנטייל אין דער באַהאַנדלונג פון דעם דערמאָנטן מעמאָראַנדום. מייזעלס איז א סך מאָל אַרויסגעטרעטן פאַר דער קאָמיסיע און האָט אויף א ווירדיקן אופן פאַרטיידיקט די אַרויסגעדרוקטע יידישע פאָדערונגען אויסצובעסערן די געזעצלעכע לאַגע פון די קראָקעווער יידן. פאַרשטייט זיך, אַז דער מעמאָראַנדום און מייזעלס אַרויסטריטן האָבן נישט געגעבן קיין ממשותדיקע רעזולטאַטן. אים איז בלויז געלונגען אָפּצוהאַלטן א מאָראַלישן זיג, וואָס איז באַשטאַנען אינעם באַזייטיקן דעם משומד דאָמיניקאַנער קאַזשימיעזש דאָבראָוואָלסקי פון זיין אמט ווי דער געשוואָרענער איבערזעצער אין ראַבינאַט. אויף זיין אָרט האָט הרב מייזעלס אנגאַזשירט דעם פּאַטריאָטישן רעוואָלוציאָנער, דעם ייד מאַוריצי קושעפּיצקי.[17]

אויף די באַראַטונגען פון דער רעזידענטן־קאָמיסיע אין ווין איז מייזעלסן אויסגעקומען אַרויסצוטרעטן קעגן א צווייטן מעמאָראַנדום, וועלכן ס'האָבן צוגעשיקט די אזוי גערופענע „אויפגעקלערטע" קראָקעווער יידן. ס'האָט זיך געהאַנדלט וועגן דער שול, וואָס דער סענאַט האָט

[16] נ. געלבער: „אויס צוויי יאָרהונדערטען" (אין דייטש), ז' 240—260.
[17] באַלאַבאַן, אין צ. וו. ז' 612.

געעפנט אין יאָר 1830 פאַר יידישע יינגלעך אין קוזמיר און וועלכע איז געוואָרן אויסגעהאלטן דורך דער קהלה (אגב, האָט דער סענאַט אויסגענוצט די עפענונג פון דער שול פאַר א פּרעטעקסט און איינגעפירט א נייע גזירה, וואָס האָט נישט דערלויבט ארויסצוגעבן א יידן קיין חתונה־פּאַפּירן אָן א שול־צייגעניש). מייזעלס איז ארויסגעטרעטן פאַר ליקווידירן די שול, מאָטיווירנדיק זיין שטאַנדפּונקט דערמיט, אז קהל דאַרף אויסהאלטן רעליגיעזע שולן, דאַקעגן אלגעמיינע לימודים דאַרפן די יידישע קינדער זיך לערנען אין די אלגעמיינע שולן צוזאמען מיט די פּוילישע קינדער. קעגן מייזעלסן איז ארויסגעטרעטן דער פאָרשטייער פון קראָקעווער סענאַט דאַראָווסקי, וואָס האָט אונטערגעשטיצט אין דער פראַגע דעם סעפּאַראַטן מעמאָראַנדום פון דער גרופּע „אויפגעקלערטע" קראָקעווער יידן מיט ד"ר באַנדע בראָש.[18] ס'איז שווער פעסטצושטעלן די מאָטיוון, וועלכע האָבן באַוויגן מייזעלסן צו פאַרנעמען אזא שטעלונג. צי האָט ער ווי א רב געמוזט זיך רעכענען מיט דער שטעלונג פון דעם גרעסטן טייל רעליגיעזע יידן, וועלכע האָבן געהאַלטן יעדע מין שול פאַר א וועג צו שמד, און ער האָט נישט געפונען גענוג מוט זיך זיי אקעגנצושטעלן אָדער ער האָט באמת געוואָלט, אז די יידישע קינדער זאָלן לערנען צוזאמען מיט די פּוילישע קינדער די אלגעמיינע לימודים, כדי דורך דעם זיי צו דערנענטערן צווישן זיך? איינס, וואָס מיר קאָנען יאָ פעסטשטעלן איז, אז מייזעלס האָט אין דער שול־פראַגע נישט מסכים געווען מיט דער שטעלונג פון די אולטראַ־אָרטאָדאָקסן און חסידים און איז געשטאַנען אויף דעם שטאַנדפּונקט, אז די יידישע יוגנט דאַרף זיך לערנען אויך וועלטלעכע לימודים. וועגן דעם זאָגט עדות דער פאַקט, וואָס מיר זעען אים נעמען אָן אָנטייל אין די עקזאמען־פייערונגען פון דער יידישער פאָלקס־שול. ווי עס גיט איבער די „גאַזעטאַ קראַקאָווסקאַ", האָט דעם 25־טן אויגוסט 1836 דער אַפּוטרופּוס פון דער 7־קלאַסיקער שול, פּראָפעסאָר פון דער אקאַדעמיע מיכאל ווישניעווסקי, געעפנט די פייערונג פון פאַנאַנדערטיילן די עקזאַמען־צייגענישן און צום סוף פון דער פייערונג פאַרבעטן דעם אַנוועזנדיקן רב מייזעלס, ער זאָל אייגנהענטיק פאַנאַנדערטיילן די בוך־מתנות און די צייגענישן פאַר די בעסטע שילער. (ס'איז דאַכט זיך, דער ערשטער פאַקט אין דער געשיכטע פון יידן אין פּוילן פון יענער צייט, אז א פרומער, רעליגיעזער רב זאָל נעמען אָנטייל אין אזא פייערונג).

---

[18] וועגן פאַרלויף פון באַהאַנדלען דעם ענין, זע: ד"ר נ. מ. געלבער, אין: צ. וו. ז' 220—260.

שוין די קורצע שטריכן וועגן מייזעלס טעטיקייט אין די צוואנציקער און דרייסיקער יאָרן פון זיין לעבן שטעלן אים פאָר ווי אן אינטערע־סאַנטע פערזענלעכקייט. פון איין זייט א מענטש, וואָס איז טעטיק אין דעם וויכטיקן צווייג פונעם עקאָנאָמישן לעבן אין לאנד (אימפּאָרט־עקספּאָרט), א מענטש, וואָס איז אין דעם פּעריאָד שוין געווען פארבונדן מיט די עלעמענטן פון דעם פּראָגרעסיוון אָנקומענדיקן קאפּיטאַליסטישןווירט־שאפט־סיסטעם; פון דער צווייטער זייט באזיצט ער גרויס לומדות און רעליגיעזן אויטאָריטעט, וואָס גיט אים דאָס רעכט צו פארנעמען דעם רבנות־אמט פון דער אלטער גרויסער יידישער קהלה אין קראָקע.

אָט די וויכטיקע עלעמענטן פון זיין פּערזענלעכקייט האָבן אויסגע־בּרייטערט זיין קוק אויף די געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע פּראָבלע־מען פון לאנד. זיין ליבשאפט צום פּאָלק האָט אים ארויפגעפירט אויפן ריכטיקן וועג פון פארבינדן דעם קאמף פאר יידישער גלייכבארעכטיקונג מיטן קאמף פאר דער באפרייונג פון פּוילישן פּאָלק. דער וועג, אויף וועלכן ער האָט געשטעלט די ערשטע טריט אין 1831־טן יאָר, האָט זיך אויסגעברייטערט בעת דעם אויפשטאנד פון 1846.

קאַפּיטל דריי

מייזעלס אין יאָר 1846

נאָך דעם נאָוועמבער־אויפשטאַנד אין קאָנגרעס־פּוילן, צו וועלכן די קראָקעווער באַפעלקערונג האָט אַרויסגעוויזן סימפּאַטיע און מיטגעהאָלפן, האָבן די אַפּוטרופּסים־מלוכות באַשלאָסן צו רעאָרגאַניזירן דעם סטאַטוס פון דער קראָקעווער רעפּובליק. די אַדורכגעפירטע רעאָרגאַניזאַציע האָט פּאַקטיש ליקווידירט די אַזוי אויך נעבעכדיקע אומאָפּהענגיקייט פון דער קראָקעווער פרייער שטאָט און זי אָפּן אונטערגעוואָרפן דעם דיקטאַט פון די אָקופּאַנטן.[19] אין יאָר 1836 איז די שטאָט באַזעצט געוואָרן אויף א געוויסער צייט דורך דעם מיליטער פון די אַפּוטרופּסים־מלוכות, כדי אָפּצורוימען זי פון די „געפערלעכע בונטאַרע עלעמענטן".[20] שפּעטער איז אַפילו געשאַפן געוואָרן דורך די רעזידענטן א ספּעציעלע געריכטלעכע אָפּטיילונג, וועלכע האָט געהאַט פאַר אַן אויפגאַבע צו באַקעמפן און אויסראָטן די בונטאַרן.[21] אויך די עקאָנאָמישע לאַגע פון דער שטאָט האָט זיך פאַרערגערט נאָך דעם, ווי די צאַרישע מאַכט האָט אין יאָר 1843 מער נישט באַנייט דעם האַנדלס־אָפּמאַך מיט דער קראָקעווער רע־

---

[19] Szarota M. „Die letzten Tage der Republik Krakau", Breslau 1911, p. 19.

[20] Ibidem, str. 27.

[21] וויקטאָר קאָפּף, איינער פון די אָנגעזעענע פירער פון די רעאַקציאָנערן אין קראָקע, כאָך דעם ווי ער גיט איבער אַ ריי נעמען פון רעוואָלוציאָנערן, וועלכע דער אויספאָרשונגס־אַמט האָט צוגעשטעלט דעם סענאַט, כדי זיי צו אַרעסטירן — מאַכט ער פאָרוואָרפן דער רעזידענטן־מאַכט, פאַרוואָס זי האָט זיי באַצייטנס נישט אַרעסטירט, און בכלל באַדויערט ער, פאַרוואָס אין קראָקע זענען נישט אַדורכגעפירט געוואָרן קיין אַרעסטן פונקט אַזוי ווי אין אַנדערע טיילן פון אָקופּירטן פּוילן; זע:
Wiktor Kopf: Wspomnienia z ostatnich lat Rzeczypospolitej Krakowskiej. Wydał Stanisław Estreicher, Kraków, 1906, str. 70.

פובליק און איינגעפירט א שטייער־אָפּצאָל אויף דער גרענעץ צווישן קראָקע און קאָנגרעס־פּוילן.[22] דאָס אַלץ האָט דערפירט דערצו, אז די עקאָנאָמישע לאַגע פון דער פריי־שטאָט און אומגעגנט איז איצט נישט געווען קיין פיל בעסערע, ווי אין די איבעריקע פּוילישע אָקופּירטע געביטן. גלייך ווי אומעטום איז אויך די לאַגע דאָ געווען אַזעלכע, אז אויסער דעם פּאָליטישן אָקופּאַציע־טעראָר, וואָס האָט געבושעוועט, איז נאָך דאָס לאַנד געווען געשמידט מיט די קייטן פון דער פּאַנשטשיזנע, וועלכע האָט דערדריקט דעם פּויער[23] און געמאַכט אוממעגלעך די אַנטוויקלונג פון א העכערער ווירטשאַפט־פאָרם אין לאַנד, ד. ה. אוממעגלעך געמאַכט די אַנטוויקלונג פון די אויפקומענדיקע עלעמענטן פון דער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט. דאָס פאָלק האָט זיך געניי׳טיקט אין באַפרייונג פון אונטערדעם אָקופּאַנטישן יאָך און פון די פעאָדאַלע שטערונגען. אַזאַ באַפרייונג האָט געקאָנט דערגרייכט ווערן נאָר דורך א פאָלקס־אויפשטאַנד. קעגן אַן אַקטיוון קאַמף האָבן זיך אָבער אַרויסגעזאָגט נישט בלויז די קאָנסערוואַטיסטן. קעגנער פון אַקטיוון קאַמף טרעפן מיר אויך אין דעם פּויליש־דעמאָקראַטישן לאַגער. אין אָט דעם לאַגער האָבן זיך אויסגעטיילט צוויי שטרעמונגען: א ליבעראַלע און א רעוואָלוציאָנער־דעמאָקראַטישע. צו דער ליבעראַלער שטרעמונג האָט געהערט דער גרעסטער טייל פון די עמיגראַנטן, וועלכע האָבן זיך גרופּירט אַרום דער „דעמאָקראַטישער געזעלשאַפט" (באַקאַנט אויך אונטערן נאָמען „צענטראַליזאַציע פון ווערסאַל"). די אָרגאַניזאַציע איז אין די פערציקער יאָרן, נאָך דעם פאַנאַנדערפאַלן פון דער רעוואָלוציאָנערער „גראָמאַדאַ גרודזיאָנדז" און „גראָמאַדאַ הומאַן" געווען כמעט די אָנערקענטע פירערין פון דער פּוילישער

---

[22] ibidem, str. 39.

[23] הגם די לאַגע פון די פּויערים אין דער קראָקאָווער רעפּובליק איז געווען אין פאַרגלייך צו די איבעריקע דריי זאַבאָרן אַ בעסערע (צ״ב זיי האָבן געהאַט די פּריוויליע צו איבערטראָגן זיך, אַ טייל זעכען שוין איבערגעגאַנגען אויף צינז־סיסטעם) איז אָבער זייער לאַגע נאָך געווען אַ גענוג שווערע און אין דער „וועכדיגע", וועלכע די פּויערים האָבן איבערגעגעבן דעם רעזידענטן־ראַט, האָבן זיי געפאָדערט די פולשטענדיקע ליקווידאַציע פון דער פּאַנשטשיזנע. אין פאַל, ווען זייער פאָדערונג וועט נישט דערפילט ווערן, — פאַרענדיקן זיי זייער ווענדונג — וועלן זיי זיין געצוווּנגען אָנצונעמען מיטלען, וועלכע קאָנען שטערן די געזעלשאַפטלעכע רו. זע:
Bolesław Limanowski, Historja ruchu rewolucyjnego w Polsce w 1846 r. str. 39.

און אין די ציטירטע זכרונות פון וו. קאַפּף ז׳ 70—71.

דעמאָקראַטיע און האָט אנטוויקלט אין לאַנד אַ פאַרצווייגטע טעטיקייט דורך אירע עמיסאַרן.

די גרעסטע מערהייט פון דער „צענטראַליזאַציע" און אירע עמיסאַרן האָבן זיך געהאַלטן ביים פּראָגראַם פון דעם מאַניפעסט, וועלכן די צענטראַליזאַציע האָט פאַרעפנטלעכט אין יאָר 1836. אין דאָזיקן מאַניפעסט ווערט טאַקע אָנגעזאָגט די ליקווידירונג פון דער פּאַנשטשיזנע און עס ווערט אָנערקענט, אַז די פּויערים־פּראַגע דאַרף שטיין אין צענטער פון דעם נאַציאָנאַלן אויפשטאַנד. די מחברים פונעם מאַניפעסט האָבן אָבער געהאַלטן פאַר נייטיק אונטערצושטרייכן צום סוף, אַז זיי זענען נישט פאַר אויפהייבן אַן אינערלעכן קאַמף צווישן פאָלק און ווילן נישט פּרוון אַדורכצופירן זייערע אידעען מיט געוואַלט.

די דאָזיקע דערקלערונג האָבן זיי צוגעגעבן, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס די אידעאָלאָגן פון דער „צענטראַליזאַציע" (למשל העלטמאַן) האָבן גוט געוווּסט, אַז די שליאַכטע איז ווייט נישט גרייט מקריב צו זיין אירע פעאָדאַלע אינטערעסן פאַר דער אומאָפּהענגיקייט פונעם לאַנד. דער ווידערשפּרוך צווישן זייער אידעאָלאָגיע און פּראַקטיק[24] איז געווען אַ רעזולטאַט פון זייער ליבעראַלער איינשטעלונג, אַז דער אויפשטאַנד האָט שאַנסן צו זיגן נאָר דעמאָלט, ווען ער וועט זיך שטיצן אויף אַלע שטאַנדן פון פאָלק, דערונטער אויך אויף דעם קאָנסערוואַטיוון טייל פון די פּריצים. דעריבער האָט די „צענטראַליזאַציע" אָפּגעלייגט דעם אויפשטאַנד ביז זי וועט אַדורכפירן אַ ברייטע פּראָפּאַגאַנדע צווישן די „אויפגעקלערטע קרייזן" (ד. ה. שליאַכטע און אינטעליגענץ) פאַר די דעמאָקראַטישע פּרינציפּן.

דאָס פּראָפּאַגירן צווישן די פּויערים דעם נאַציאָנאַלן אויפשטאַנד אין ענגער פאַרבינדונג מיט דעם לאָזונג פון ליקווידירן די פּאַנשטשיזנע האָבן זיי, די ליבעראַל־דעמאָקראַטישע עלעמענטן, אָפּגעלייגט אויף דעם לעצטן טערמין, ד. ה. אויף דער צייט פון דעם אויפשטאַנד גופא. די

---

[24] בכלל איז די צענטראַליזאַציע געווען ווייט פון קאָנסעקווענט לייזן די פּויערים־פּראַגע, און איר מאַניפעסט האָט פאַקטיש נישט פאָרגעזען די ענדגילטיקע לייזונג פון דער פּויערים־פּראַגע. צ"ב. דער מאַניפעסט האָט נישט באַרירט די פּראַגע פון די ערדלאָזע פּויערים, הגם דער אידעאָלאָג פון דער „צענטראַליזאַציע", וויקטאָר העלטמאַן, האָט אָנגעוויזן אין איינעם פון זיינע אַרטיקלען, אַז איין פערטל פון דער פּויערישער באַפעלקערונג איז אָן ערדלאָזע. זע:
Demokracja polska na emigracji. „Wyjątki z pism Wiktora Heltmana". Lipsk, 1866, str. 162.

„צענטראליזאציע" האָט אזוי געהאנדלט אונטערן תירוץ, אז אזא פּראָפּאגאנדע צווישן די פויערים קאָן אָפּשטויסן די שליאכטע פונעם אויפשטאנד.

די צווייטע שטרעמונג איז געווען דער לאגער פון די רעוואָלוציאָנערע דעמאָקראטן, אָנגעפירט דורך עדוואַרד דעמבאָווסקי און סטעפּאנסקי, וועלכע זענען געשטאנען אויפן שטאנדפּונקט, אז דער נאציאָנאלער אויפשטאנד דארף זיך באזירן אויף א סאָציאַלער רעוואָלוציע, וואָס האָט אין יענעם פּעריאָד באדייט די באפרייונג פון די פויערים און דאָס פאנאנדערטיילן צווישן זיי די פּריצישע ערד אָן שום אנטשעדיקונג. די רעוואָלוציאָנערע דעמאָקראטן האָבן געזען די מעגלעכקייט פון אויפהייבן די פויערים־מאסן צום קאמף פאר אזא נאציאָנאל־ און סאָציאל־באפרייערישער באוועגונג, וואָס וועט זיך שטיצן דער עיקר אויף די פויערים־מאסן און אויף דער שטאָטישער אָרעמקייט. זיי זענען געווען זיכער אין זיג פונעם אויפשטאנד, דערפאר האָבן זיי געוואָרפן דעם לאָזונג: „דאָס לאנד איז גרייט צום קאמף!".

די „ווערסאלע צענטראליזאציע", שרעקנדיק זיך פאר דעם אלץ מער וואקסנדיקן איינפלוס פון די ראדיקאלע עלעמענטן אין לאנד, מורא האָבנדיק, אז דער אויפשטאנד קאָן איבערוואקסן איבער איר קאָפּ, האָט סוף־כל־סוף, אין דער מיטן פון יאָר 1844, מסכים געווען צוצוטרעטן צו אָרגאניזירן דעם אויפשטאנד. דעם 18־טן יאנואר 1846 איז אין קראָקע ענדלעך פאָרגעקומען א דעלעגאטן־צוזאמענפאָר פון אלע פוילישע פּראָווינצן, אויף וועלכן ס'איז געשאפן געוואָרן א צייטווייליקע רעגירונג און ס'איז באשטימט געוואָרן אָנצוהייבן דעם אויפשטאנד דעם 22־טן פעברואר 1846. אָבער שוין אין דער נאכט פון 8־טן אויפן 9־טן פעברואר איז אין סאמע וויכטיקסטן צענטער פון דעם פאָרשטייענדיקן אויפשטאנד, אין פּויזן, ארעסטירט געוואָרן דער פירער פון רעוואָלוציאָנערן „פּלעבעיער־פאַרבאנד" סטעפּאנסקי. ווארשיינלעך האָט אים אויסגעגעבן דער פּראָוואָקאטאָר סעווערין מיעלזשינסקי, א גרויסער ערד־באזיצער.[25] אין דער זעלבער צייט האָט דער ארעסטירטער גוטס־באזיצער הענריק פּאָנינסקי אויסגעגעבן כמעט אלע פירער,[26] וועלכע האָבן געדאַרפט אָרגאניזירן דעם אויפשטאנד. דעם 17־טן פעברואר איז ארעסטירט געוואָרן מיעראָסלאווסקי, וואָס איז באשטימט געווען פארן מיליטערישן פירער פונעם אויפ־

---

[25] Stefan Kieniewicz: Społeczeństwo polskie w powstaniu poznańskim. 1848 roku. Warszawa 1935, str. 55.

[26] Ibidem str. 59.

שטאַנד. די אַרעסטן אין פּויזנער קאַנט האָבן געהאַט אַ ווירקונג און דעזאָרגאַניזירט די אויפשטענדלערישע כּוחות אין קאָנגרעס־פּוילן.

אויך אין גאַליציע האָבן זיך אַרויסגעוויזן די צוגרייטונגען צום אויפשטאַנד פאַר נישט גענוגנדיקע. ווי ס'איז שוין פריער דערמאָנט געוואָרן, האָבן די עמיסאַרן פון דער „צענטראַליזאַציע" און פון דער ציטאָווילישער רעגירונג — נישט וועלנדיק איינרייסן מיט דער קאָנסערוואַטיווער שליאַכטע — זיך נישט דעצידירט צו פירן צווישן די פּויערים אַ ברייטע אויפקלערונגס־אַרבעט, וואָס זאָל זיי קלאָר מאַכן די ענגע פאַרבינדונג פונעם נאַציאָנאַלן אויפשטאַנד מיט זייער אייגענער באַפרייונג. דער איינאיינציקער, וואָס האָט אַנטוויקלט אַן אמת רעוואָלוציאָנערע פּראָפּאַגאַנדע צווישן די פּויערים־מאַסן, איז געווען עדוואַרד דעמבאָווסקי.[27] דאָס נישט פירן אין אַ גענוגנדיקער מאָס קיין רעוואָלוציאָנערע אַגיטאַציע צווישן די פּויערים האָט מעגלעך געמאַכט דער עסטרייכישער אָקופּאַציע־מאַכט אין גאַליציע צו פאַרשפּרייטן צווישן די פּויערים פּראָוואָקאַטאָרישע קלאַנגען, אַז דעם אויפשטאַנד הייבן אויף די פּריצים קעגן עסטרייכישן קייסער, ווייל ער וויל ליקווידירן די פּאַנשטשיזנע. דער גרעסטער טייל פּויערים האָט געגלייבט די קלאַנגען. אַזוי אַרום איז אָנשטאָט צוצושטיין צום נאַציאָנאַלן אויפשטאַנד און העלפן דער ראַדיקאַלער ריכטונג צו פאַרוואַנדלען דעם נאַציאָנאַלן אויפשטאַנד אין אַ סאָציאַלן,[28] האָבן די פּויערים נישט בלויז אָנגעהויבן אַ שחיטה אויף די פּריצים. נאָר אויך אַרויסגעטרעטן קעגן דעם נאַציאָנאַלן אויפשטאַנד, אידענטיפיצירנדיק דעם אויפשטאַנד מיט די פּריצים.[29]

---

[27] ווי ס'איז צו זען פון די זכרונות פון פראַנציסעק וויעשאָלאָווסקי, איז דעמבאָווסקי אויפגעצוונגען געוואָרן דורך די אָנפירער פון דער גאַליצישער אונטערערדישער באַוועגונג צו פאַרזיכערן, אַז ער וועט בלויז ווירקן צווישן דער שליאַכטע און מיטלקלאַס, אָבער ער האָט זיין צוזאָג נישט געהאַלטן, און צווישן אים און די איבעריקע אָנפירער זענען פאָרגעקומען כּסדרדיקע קאָנפליקטן; זע: Franciszka hr. Wiesiołowskiego Pamiętnik z r. 1845—46. Lwów 1868, str. 42—73.

[28] „צווישן די פּאָליאַקן שטיצן די קאָמוניסטן די פּאַרטיי, וואָס שטעלט אַרויס די אַגראַר־רעוואָלוציע ווי אַ באַדינג פאַר דער נאַציאָנאַלער באַפרייונג. די זעלביקע פּאַרטיי, וועלכע האָט אַרויסגערופן צום לעבן דעם קראָקעווער אויפשטאַנד אין 1846־טן יאָר".
(קאַרל מאַרקס און פרידריך ענגעלס: מאַניפעסט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, מלוכה־פאַרלאַג „עמעס", מאָסקווע, 1941, ז' 83).

[29] אָט די קריטישע באַמערקונגען אויפן אַדרעס פון די פּויערים דאַרפן נישט אויסגעטייטשט ווערן ווי אַ נישט באַרעכטיקן דעם פּויערים־אויפשטאַנד גופא.

לאָמיר איצט באַטראַכטן די לאַגע אין דער קראָקעווער פרײַשטאָט גופא.

דעם 18־טן פעברואַר 1846 האָט דאָס עסטרײַכישע מיליטער, אונטער דעם אויסרייד פון אײַנהאַלטן די אָרדענונג, אַרײַנגעמאַרשירט קיין קראָקע. אין דער שטאָט האָבן זיך געפונען דרײַ פון די זעקס מיטגלידער, וועלכע זענען, ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט, באַשטימט געוואָרן אויפן לאַנד־צוזאַמענפאָר דעם 18־טן יאַנואַר פאַר דער ציטווייליקער רעגירונג. דאָס זענען געווען: טיסאָווסקי, גאָזשקאָווסקי און דער פאָרשטייער פון דער „צענטראַליזאַציע” אין דער ציטווייליקער רעגירונג אַלציאַטאַ. דער לעצטער האָט געמאַכט אַ דרוק אויף די איבעריקע צוויי רעגירונגס־מיטגלידער, זיי זאָלן אָפּרופן דעם אויפשטאַנד. אָבער שוין עטלעכע שעה נאָך דעם האָבן טיסאָווסקי און גאָזשקאָווסקי באַשלאָסן אָנצוהייבן דעם

ווײַל ער איז געווען באַרעכטיקט ניט בלויז מיט דעם, וואָס ער איז געקומען ווי אַן אויסדרוק פון אָנגעזאַמלטן פאָלקס־צאָרן קעגן די פעאָדאַלע אונטערדריקער, נאָר האָט אויך געהאַט זײַן היסטאָרישן באַטײַט פאַר דער שפּעטערדיקער באַפרײַונג פון די פויערים אין גאַליציע: אין רעזולטאַט פון דעם פויערים־אויפשטאַנד אין יאָר 1846 (פּלוס די קראָקעווער רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג) איז די עסטרײַכישע רעגירונג געווען געצוווּנגען אין צוויי יאָר שפּעטער, ד. ה. אין יאָר 1848, צו ליקווידירן די פּאַנשטשיזנע (צום ערשטן אין גאַליציע און דערנאָך אין דער גאַנצער אימפּעריע). דערבײַ איז כּדאַי אָנצווײַזן, אַז וועגן דעם מאָראַלישן און קלאַסן־פּנים פון דעם פויערים־אויפשטאַנד אונטער יאַן שעלאָס אָנפירונג, קאָן אויך עדות זאָגן דער פאַקט, וואָס מיר באַגעגענען ניט קיין איין פאַל, אַז שעלאָס פויערים־אויפשטענדלער זאָלן האָבן אַרויסגעטראָטן קעגן יידן ווי אַזעלכע, דאַקעגן איז צו זען פון דער מעמואַרן־ליטעראַטור, אַז עס זענען געווען דאָרף־יידן, וואָס האָבן גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין די רייען פון די פויערים־אויפשטענדלער. (זע: אַנטאָן גילער: „היסטאָריאַ פּאָווסטאַניאַ נאַראָדו פּאָלסקיעגאָ” (די געשיכטע פונעם אויפשטאַנד פון פּוילישן פאָלק), ב. 4, ז' 43, פּאַריז, 1871). כאַראַקטעריסטיש איז דער פאַקט, וועלכן עס גיט איבער יוליאַן גאָסלאַר, אַז ווען די פויערים האָבן אים אַרעסטירט און געשלאָגן, אָנגעמענדיק אים פאַר אַ פּריץ, האָט אים אויך אַ ייד געשפּיגן אין פּנים אַרײַן. (יוליאַן גאָסלאַר, אין זײַן בריוו צו דער שוועסטער, פאַרעפנטלעכט בײַ טאַמאַרטשיק „זשעזש גאַליציסקאַ 1846”), (די גאַליצישע שחיטה) קראָקע 1848, ז' 49). דער שפּײַ, וועלכער איז געווען אַ סימבאָלישער נקמה־אַקט פאַר דער דערנידערונג, וואָס דער דאָרף־ייד האָט געהאַט אויסצושטיין במשך פון דורות מצד דעם פּריץ, ווײַזט אויף דער טיפער פאַרבינדונג צווישן די אָרעמע דאָרף־יידן מיט די פויערים און זייער באַטראַכטן דעם פויערים־אויפשטאַנד און די פויערים־באַפרײַונג ווי זייער אייגענע באַפרײַונג. פאַרשטייט זיך, אַז עס האָבן זיך אויך געפונען אין גאַליציע יידן מנוּוולים, וועלכע האָבן געדינט דער עסטרײַכישער אָקופּאַציע־מאַכט, וועגן וועלכע עס דערמאָנט ד"ר נ. מ. געלבער אין זײַן ווערק „אויס צוויי יאָרהונדערטן”, ז' 262.

אויפשטאנד און צוריקציען דעם אפרוף. אלציאטא און גענעראל וויסאצקי (וועלכער איז געווען באשטימט דורכן דערמאנטן דעלעגאטן־צוזאמענפאר אנצופירן מיט דער מיליטערישער אקציע אין גאליציע) האבן פארלאזט קראקע און זענען אפגעפארן קיין פראנקרייך.

נישט געקוקט אויף דעם, איז די פאלקס־מאסע ארויס צום קאמף.

דעם 21־טן פעברואר האבן זיך אין דער געגנט ארום קראקע אנגעהויבן קאמפן קעגן עסטרייכישן מיליטער. אין שטאט גופא האבן זיך די נאסן־קאמפן אנגעהויבן אין דער נאכט פון 21־טן אויפן 22־טן. די יידישע באפעלקערונג האט גענומען אן אקטיוון אנטייל אין די קאמפן און פון די פענצטער געשאסן צום עסטרייכישן מיליטער.[30] בפרט קעמפן עקשנותדיק די יידישע רעוואלוציאנערן ביי דעם פרווו פון ווידעראויפשטעלן די בריק אויף דער ווייסל צווישן קראקע און פאדגורזשע.[31] דער עקשנותדיקער געמיינזאמער קאמף פון די פאליאקן און יידן אין קראקע און די מורא נישט צו ווערן ארומגערינגלט דורך די רעוואלוציאנערע פויערים־מחנות,[32] וועלכע האבן זיך געזאמלט ארום קראקע, האט געצוווּנגען דאס עסטרייכישע מיליטער שוין צומארגנס צו פארלאזן די שטאט. די שטאטישע רייכע איינוווינער און הויז־באזיצער האבן געפרווט שאפן א זיכערקייט־קאמיטעט אונטער דער אנפירונג פון די קאנסערוואטיסטן יוזעף וואדזשיצקי, אנטאני העלצעל און פיאטר ווישינסקי.[33] טיסאווסקי האט אבער באוויזן צו באהערשן די לאגע און געשאפן א רעגירונג אין דעם צוזאמענשטעל פון: לודוויק גאושקאווסקי, יאן טיסאוו־

---

[30] פאשקעוויטש גיט איבער אין זיין באריכט צום צאר ניקאלײַ דעם 1-טן וועגן די רעלאציעס, וואס ער האט דערהאלטן פון גרויס-פירשט פערדינאנד וועגן אויפשטאנד אין קראקע צוו. אנד.: „עס פארדינט אויפמערקזאמקייט דער פאקט, אז די יידן האבן באשאסן פון די פענצטער דאס עסטרייכישע מיליטער און בכלל ארויסגעוויזן זייער סימפאטיע פאר דעם בונט.. אין זייערע פראקלאמאציעס רופן די בונטארן אן די יידן „ברידער, יידישע פאליאקן“. דער בריוו איז פארעפנטלעכט ביי: Bolesław Limanowski: Historia ruchu rewolucyjnego w Polsce w 1846 r., str. 242.

[31] וועגן די קאמפן פון די יידן ביי דער ווייסל שרייבט דער קרייז-הויפטמאן בערנט, אין זיין באריכט פון 25-טן פעברואר 1846, צום עסטרייכישן קאנצלער קיין ווין. זע: ד״ר נ. מ. געלבער „אויס צוויי יארהונדערטער“, ז׳ 265.

[32] לימאנאווסקי ד. צ. וו. ז׳ 189.

[33] אין די ציטירטע זכרונות פון וויקטאר קאפף, ז׳ 80, פארגלייך אויך ד.צ.וו. פון: ד״ר מאריאן מוראוויטש, ז׳ 112.

סקי, אלעקסאנדער גזשעגזשעווסקי און ווי דער מלוכה־סעקרעטאר קאַראָל ראָגאָווסקי.

די רעוואָלוציאָנערע רעגירונג האָט ארויסגעגעבן א מאניפעסט צום פאָלק, אין וועלכן עס זאָגט זיך צוו. אנד. אָט וואָס: „די שעה פון אויפשטאנד האָט געשלאָגן! עס זענען שוין אויפגעשטאנען אונדזערע ברידער פון פויזנער פירשטנטום און אין קאָנגרעס־פוילן". ווייטער דערקלערט די רעוואָלוציאָנערע רעגירונג אין איר מאניפעסט, אז זי באפרייט די פויערים פון דער פאנשטשיזנע און גיט זיי איבער אָן אויסקויף־געלט די פריצישע ערד, וועלכע איז אין זייער באזיץ. דער מאניפעסט פאָדערט אויף די באפעלקערונג זיך צו שטעלן אין דינסט פון דער רעוואָלוציאָנערער רעגירונג.

שוין צומאָרגנס, דאָס הייסט דעם 23־טן פעברואר, האָט זיך געווענדעט צו טיסאָווסקין א יידישע דעלעגאציע אונטער דער אָנפירונג פון הרב בעריש מייזעלס, ער זאָל גענוי פאָרמולירן די שטעלונג פון דער רעוואָלוציאָנערער רעגירונג צו דער יידן־פראגע און איזוויאַרום דערמעגלעכן דער יידישער באפעלקערונג דעם אָנטייל אינעם קאמף פאר דער אומאָפהענגיקייט פון פוילן.[34]

ווי אן ענטפער איז געקומען אן עפנטלעכער רוף פון דער רעוואָלוציאָנערער רעגירונג צו די יידן מיטן פאָלגנדיקן אינהאלט:

„די פאָלקס־רעגירונג צו די ברידער יידן!

„פאָליאקן! די שעה פון פאראייניקן אונדזער געזעלשאפטלעכע משפחה האָט געשלאָגן. אונטער דער הערשאפט פון די שונאים זענט איר געווען פאררעכנט ווי אן אָפגעטיילט פאָלק. די רעוואָלוציע נעמט אייך אריין אין די רייען פון דער געזעלשאפט, ווי ברידער פון איין ערד פארזיכערט זי אייך מענטשן־רעכט. זי באגריסט אייך ווי זין פון פאָטערלאנד, וועלכע זענען ווערט צו באקומען די באפרייונג און די אומבאדינגטע גלייכהייט. אזוי ווי דאָס באזיצן רעכט און די אויספירונג פון די פליכטן דארפן זיין פאראלעלע, רופט אייך צוליב דעם די רעוואָלוציאָנערע רעגירונג זיך צו שטעלן אין די רייען פון די פארטיידיקער און דערקלערט, אז אלע מאניפעסטן, וועלכע

---

[34] Tyrowicz Marian: Jan Tyssowski, dyktator krakowski z r. 1846. Działalność polityczna i społeczna 1811—1857. Warszawa 1930, str. 119.

זענען ביז איצט געוואָרן ארויסגעגעבן און וואָס וועלן דערשיינען ווייטער, באציען זיך אויך צו יידן—פּאָליאַקן.

קראָקע, דעם 23־טן פעברואר 1846.

ל. גאָזשקאָווסקי, יאַן טיסאָווסקי, א. גזשעגאָזשעווסקי, ראָגאָווסקי״.[35]

דער דאָזיקער רוף שטעלט מיט זיך פאָר אין דער געשיכטע — אין הינזיכט פון באציונג מצד א רעגירונג צו די יידישע מיטבירגער — דעם ערשטן דאָקומענט, וועלכער ליקווידירט אויף א רעוואָלוציאָנערן אופן אלע געזעצלעכע באריערן צווישן יידן און נישט־יידן און גיט די יידן ביר־גערלעכע גלייכבארעכטיקונג.

נאָכן דערשיינען פון דעם רוף האָט בעריש מייזעלס אין שפּיץ פון א גרופּע יידן (וועלכע האָבן געטראָגן די נאַציאָנאלע קאָקארדע) אָפּגעגעבן א שבועה דער רעוואָלוציאָנער־נאַציאָנאלער רעגירונג אזוי ווי אלע אנ־דערע פּוילישע אויפשטענדלער.[36]

דעם 24־טן פעברואר האָט טיסאָווסקי, כדי צו פארפעסטיקן די רע־וואָלוציאָנערע מאכט, זיך דערקלערט פאר א דיקטאַטאָר. אין דעם זעלבן טאָג איז קיין קראָקע אָנגעקומען עדוואַרד דעמבאָווסקי. ער איז געקומען פון ווייעליטשקע, וווּ ער האָט פּראָקלאמירט די סאָציאלע רעוואָלוציע. ער האָט מיט זיך געבראכט א גרופּע רעוואָלוציאָנערע ווייעליטשקער בארג־ארבעטער.

מיט זיין קומען האָט דער קראָקעווער אויפשטאנד אָנגענומען א בולטן כאראקטער פון א סאָציאל־באפרייערישן קאמף. די רעגירונג האָט איצט פארעפנטלעכט א דעקרעט, לויט וועלכן זי האָט אָפיציעל ליקווי־דירט אלע טיטולן פון דער שליאכטע און אויך אָנגעזאָגט דאָס פאַנאנדער־טיילן ערד צווישן די ערדלאָזע פויערים. דעמבאָווסקי האָט געשאפן א רע־וואָלוציאָנערן קלוב, וואָס האָט געשטעלט פאר זיך די אויפגאבע צו פּראָ־פּאגירן די אידעע פון דער רעוואָלוציע אין לאנד און די פארטיידיקונג פון דער רעוואָלוציע קעגן וועלכע נישט איז פּרוון מצד דער רעאקציע.

דעמבאָווסקי האָט באוויזן צו מאָביליזירן די ברייטסטע פאָלקס־מאסן און אין דער ערשטער ריי די האנטווערקער־געזעלן און האַרעפאש־

---

[35] Dziennik Rządowy Rzeczypospolitej Polski. Kraków 1846. 26 lutego Nr 1. str. 3.

[36] Lucyna Kraśnicka: Pamiętnik z roku 1846. „Twórczość", luty 1946.

ניקעס ארום דער רעוואָלוציאָנערער רעגירונג.[37] דעם פּוטש פון די רעאַקציאָנערע קרייזן, וועלכן ס'האָט אָדורכגעפירט פּראָפעסאָר מיכאל וויזשניעווסקי, איז דורך די אַרבעטנדיקע מאסן ליקווידירט געוואָרן אין משך פון עטלעכע שעה.[38] אין דעם אָרגאַן פון דער רעוואָלוציאָנערער רעגירונג „רזשעטשניק זשאָנדאָווי" האָבן זיך באַוויזן דעמבאָווסקיס פייערדיקע רעוואָלוציאָנערע אַרטיקלען און צוו. אנד. אויך אַן אַרטיקל וועגן יידן,[39] אין וועלכן עס ווערט אָנגעוויזן אויף דעם טיפן אונטערשייד צווישן די אַמאָליקע שטאָט-הערשער, וועלכע האָבן זיך פאַרנומען אין סיים מיט שאַפן געזעצן וועגן פאַראיינהייטלעכן די הלבשה פון דער יידישער באַפעלקערונג מיט דער נישט-יידישער, און דער רעוואָלוציאָנערער רעגירונג, וועלכע האָט זיך פאַרנומען מיט דער גלייכבאַרעכטיקונג פון די יידן. אין דאָזיקן אַרטיקל ווערט אויך אָנגעוויזן אויף דעם פּינקטלעכן אויספירן דורך די יידישע קעמפער די קאַמפס-אויפגאַבן, וואָס ווערן זיי אָנפאַרטרויט. דעמבאָווסקי שרייבט ווייטער, אַז די קאַמפס-פעיקייט פון די יידישע קעמפער איז אַ רעזולטאַט פון דעם, וואָס די ליבעראַלע יידישע עלעמענטן האָבן באַוויזן שוין פון אַ צייט פריער אין דער אונטערערד אויסצושולן מיליטעריש די יידישע יוגנט און זי צוגרייטן צו דער רעוואָלוציע.[40]

---

[37] וועגן דעם סאָציאַלן שטאַנד פון די, וואָס האָבן גענומען דעם אַקטיווסטן אָנטייל אין דעם פאָלקס-אויפשטאַנד, קאָן עדות זאָגן דער פאַקט אַז אויף 1252 אַרעסטן, וואָס זענען אָדורכגעפירט געוואָרן דורך דער עסטרייכישער אָקופּאַציע-מאַכט נאָך דעם אונטערדריקן דעם אויפשטאַנד, זענען געווען 367 האַנטווערקער-געזעלן. Kieniewicz Stefan: Galicja w latach 1845—1846. Wiosna Ludów na ziemiach polskich. 1948. Str. 281.

[38] אין דעם ציטירטן ווערק פון מאַריאַן מוראַוויטש, ז' 119.

[39] דער פּולער טעקסט פון אַרטיקל איז פאַרעפנטלעכט אין סוף פון דער אַרבעט ווי אַ ביילאַגע נר' 1.

[40] לויט אַלע וואָרשיינלעכקייטן בינדט דאָ אָן דעמבאָווסקי צו דער טעטיקייט פון די יידישע מיטגלידער אין דער רעוואָלוציאָנערער אָרגאַניזאַציע: „Powszechna Konfederacja Narodu Polskiego"

וועלכע איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1837 דורך די רעוואָלוציאָנערע דעמאָקראַטן סטאַניסלאַוו שטשעפּאַנאָווסקי א. אַנד. ווייל פון די אַלע רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע זענען געווען טעטיק אין קראָקע אין די דרייסיקער און פערציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט, האָט נאָר די „קאָנפעדעראַציע" געהאַט אין פּראָגראַם און זיך פאַרנומען מיט געהיימער מיליטערישער שולונג פון דער יוגנט (נישט אַריינרעכענענדיק יוזעף זאַליווסקיס פּאַרטיזאַנקע). זע: Józef Krajewski: Tajne Związki Polityczne w Galicji. Lwów 1903, str. 52.

אויב די השערה אונדזערע זאָל זיך באַשטעטיקן, וואָלטן די ווערטער געהאַט

דערווייל זענען אָנגעקומען ידיעות וועגן דעם, אַז עס דערנעענטערן זיך קיין קראָקע די פויערים־מחנות, וואָס זענען פאַרפירט געוואָרן דורך די עסטרייכישע באַאַמטע און זענען פאַרביטערט קעגן דער שליאַכטע. דעמבאַוווסקי האָט באַשלאָסן צו גיין אַנטקעגן די פויערים מיט אַ רעליגיעזער פּראָצעסיע, זייענדיק זיכער, אַז עס וועט אים געלונגען זיי אויפצוקלערן דעם סאָציאַלן און נאַציאָנאַלן אינהאַלט פון דעם אויפשטאַנד, און געווינען זיי פאַר אים. אָבער אומגעריכט האָבן זיך באַוויזן עסטרייכישע חיילות, וועלכע האָבן געעפנט אַ פייער אויף דער כמעט אומבאַוואָפנטער פּראָצעסיע. צווישן די קרבנות איז אויך געפאַלן דער פאַקטישער קאָפּ פון דער באַוועגונג, עדוואַרד דעמבאָווסקי. דאָס איז געשען דעם 27־טן פעברואַר 10 אַ זייגער אינדערפרי. די קאַנאָנאַדע פון דעם עסטרייכישן מיליטער, וועלכע מע האָט געהערט פון דער פּאָדגוזשער זייט, האָט געגעבן די רעאַקציאָנערע עלעמענטן די האָפענונג, אַז דער עסטרייכישער אָקופּאַנט וועט זיי גיך „באַפרייען" פון דער פּוילישער רעוואָלוציאָנערער מאַכט. די בירגערלעכע עלעמענטן, וועלכע זענען פריער מיטגעריסן געוואָרן מיט דער רעוואָלוציע, האָבן זיך אָנגעהויבן צו וואַקלען.[41] אין אָט דער געשפּאַנענער אַטמאָספער האָט געהאַלטן בערייש מייזעלס פאַר נייטיק אַרויסצוטרעטן שבת, דעם 28־טן פעברואַר, מיט אַ הייסן רוף צו די יידן וועגן אויסהאַלטעוודיקייט און טרייקייט פאַר דער רעוואָלוציע. הרב מייזעלס האָט אַדורכגעפירט אַ סך־הכל פון דער „גרויסער וואַד", ווען די רעוואָלוציאָנערע רעגירונג איז געווען ביי דער מאַכט. ער האָט לויט זיין שטייגער אויפגעוויזן, אַז די רעליגיעזע און פּאַטריאָטישע פליכטן פאָדערן פון דער יידישער באַפעלקערונג קרבנות־גרייטקייט אין קאַמף פאַר דער באַפרייונג. נאָך אים האָט גענומען דאָס וואָרט דער יידישער רעוואָלוציאָנער מאָוריצי קשעפּיצקי, וועלכער האָט ברייט אַרומגערעדט די דורותדיקע צוגעבונדנקייט פון די יידן צו זייער פּוילישן פאָטערלאַנד און די פרייהייטן, וועלכע זיי האָבן באַקומען אַדאַנק דער רעוואָלוציע. קשעפּיצקי האָט אָנגעוויזן, אַז דער ייד, וועלכער איז נאָך טויזנטיעריקער פאַרשקלאַפונג צום ערשטן מאָל געוואָרן פאַקטיש באַ־

אַ זייער וויכטיקן באַטייט צוליב דעם, וואָס דעמבאָווסקי בינדט אָן דעם איצטיקן אויפשטאַנד פון יאָר 1846 אין דער רעוואָלוציאָנערער אידעאָלאָגיע פון דער „קאָנפעדעראַציע", וועלכע האָט צוו. אַנד. פאַרגעזען די לעזונג פון דער פויערים־פראַגע דורך רעוואָלוציאָנערן קאַמף קעגן דער שליאַכטע.

[41] זע: די ציטירטע זכרונות פון קאַפּ, ז' 86.

פרייט, דאַרף געבן אַלע קרבנות פאַר דערהאַלטן די דעראָבערטע פרייהייט.[42]

די יידישע רעוואָלוציאָנערע טוער מיט מייזעלסן אין דער שפּיץ האָבן באַוויזן צו געווינען די יידישע פאָלקס־מאַסן פון קראָקע פאַר דער רעוואָלוציע. דער אַקטיווער אָנטייל פון די יידישע פאָלקס־מאַסן אין די אויפשטענדלער־רייען און מייזעלס פּאַטריאָטישע רעוואָלוציאָנערע טעטיקייט האָבן געפונען אַ ברייטן אָפּקלאַנג אויסער די קראָקעווער גרענעצן. די רעוואָלוציאָנער־דעמאָקראַטישע פּוילישע טוער, וועלכע האָבן זיך געפונען אויף דער עמיגראַציע, ווי יאָאַכים לעלעוועל, סטאַניסלאַוו וואָרצעל און יהושע לובלינער, האָבן אַרויסגעשטעלט מייזעלס רעוואָלוציאָנערע טעטיקייט און דעם אָנטייל פון די קראָקעווער יידישע פאָלקס־מאַסן אינעם קאַמף פאַר דער רעוואָלוציע, פאַר אַ מוסטער פון פּאַטריאָטישער און רעוואָלוציאָנערער קרבנות־גרייטקייט. דער פּויליש־יידישער רעוואָלוציאָנער יהושע לובלינער שרייבט אין זיין רוף, מיט וועלכן ער האָט זיך געווענדעט צו „יידן פון אַלע טיילן פּוילן" וועגן אונטערשטיצן די נאַציאָנאַלע פאָלקס־רעגירונג פון קראָקע (דעם רוף האָבן אונטערגעחתמעט יאָאַכים לעלעוועל און סטאַניסלאַוו וואָרצעל), צווישן אַנדערן פאָלגנדיקס:

„מיט פרייד שטעל איך פעסט, אַז 500 קראָקעווער יידן[43] האָבן זיך איינגעגלידערט אין די רייען פון די אויפשטענדלער, אַז די רייכע האָבן געשענקט פאַר דער נאַציאָנאַלער זאַך גרויסע סומעס, אַז דער רב מייזעלס האָט סטימולירט די יידן, זיי זאָלן זיך פאַראייניקן מיט זייערע פּוילישע ברידער אין דעם קאַמף פאַר פריי־

[42] דעם פולן טעקסט זען ביילאַגע נר׳ 2.

[43] אַזוי גיבן איבער וועגן דעם אָנטייל פון די יידישע פאָלקס־מאַסן אינעם אויפשטאַנד בעת דער קראָקעווער רעוואָלוציע אָנפירנדיקע רעוואָלוציאָנערע דעמאָקראַטן, וועלכע זענען געווען אויסגעצייכנט אינפאָרמירט וועגן דעם, וואָס עס טוט זיך אין לאַנד. דאַקעגן פּראָפ. ד״ר מאיר באַלאַבאַן ווייסט איבערצוגעבן מיט 80 יאָר שפּעטער וועגן דעם יידישן אָנטייל אין דער קראָקעווער רעוואָלוציע, אַז די יידן האָט מען „געצוווּנגען צו געבן 30 מאַן" פאַרן קאַמף און אַז, אַ חוץ קשעפּיצקין, „זענען זיך אַלע צעלאָפן" (אין זיין פּוילישן בוך: „די געשיכטע פון יידן אין גאַליציע אין דער קראָקעווער רעפּובליק", לוואָוו, ז׳ 122.

אַט אַזוי האָט פּראָפ. באַלאַבאַן געוואָלט מאַכן צו קליינגעלט דעם אָנטייל פון יידן אין דער קראָקעווער רעוואָלוציע.

הייט, פאַר דער אומאָפּהענגיקייט פונעם לאַנד און פּאָליטישער גלייכ־ קייט פאַר אַלע אָן קיין שום אונטערשייד".[44]

דאָס עסטרייכישע און רוסישע מיליטער האָבן באַוויזן צו דערשטיקן די רעוואָלוציע און אָנגעפילט די תפיסות מיט פּוילישע רעוואָלוציאָנערע פּאַטריאָטן. צווישן די אַרעסטירטע זענען אויך געווען די יידן: מאָוריצי קשעפּיצקי, מאָריץ וואָלף, יונתן וואַרשאַוער, ניידיטש, פּונק און ראָר זענצווייג. ווי ס'איז צו זען פון די אויספאָרשונגס־אַקטן, איז אויך גע־ וואָרן געפירט אַן אויספאָרשונג קעגן מייזעלסן, וועלכער איז באַשולדיקט געוואָרן אין הויך־פאַראַט".[44*] די עסטרייכישע מאַכט האָט אָבער נישט גע־ וואַגט אים צו אַרעסטירן צוליב זיין פּאָפּולאַריטעט אין דער יידישער רעליגיעזער וועלט.

די יידישע באַפעלקערונג האָט געמוזט איינצאָלן אַ קאָנטריבוציע פון 50.000 פלאָרין פאַר דעם „חטא" פון איר אָנטייל אין דער רעוואָלוציע. פאַר די יידן זענען געוואָרן איינגעפירט נישט בלויז די אַנטי־יידישע גע־ זעצן, וועלכע זענען גילטיק געווען אין דער צייט פון דער סענאַט־הער־ שאַפט אין דער קראָקעווער רעפּובליק, נאָר דער עסטרייכישער אָקופּאַנט האָט זיי אויך מזכה געווען מיט אַ גאַנץ פּעקל נייע געזעצן, וועלכע זענען גילטיק געווען אין גאַליציע.

די פּראָטעסטן פון הרב מייזעלס און פון דער יידישער געזעלשאַפט האָבן, פאַרשטייט זיך, ווייניק וואָס געהאָלפן. די פולשטענדיקע פרייהייט און גלייכקייט, וועלכע די יידן האָבן באַקומען פון דער רעוואָלוציע אין יאָר 1846, און די קאָנטר־רעאַקציע פון גזירות קעגן זיי מצד דער אָקור־ פּאַנטישער מאַכט נאָך דעם דערשטיקן די רעוואָלוציע, האָבן נאָך מער איבערצייגט מייזעלסן [45] און די אַנדערע יידישע רעוואָלוציאָנערן, אַז דער

[44] די דורך אונדז ציטירטע זאַצן זענען גענומען פון לובליכערס „רוף", וועלכער האָט זיך געפונען אין באַטיגנאָווסקיס כתב־יד־זאַמלונגען, וועלכע זענען, ליידער, פאַרניכטעט געוואָרן בעת די היטלער־פאַשיסטן האָבן פאַרברענט וואַרשע־ גרעסערע ציטאַטן פון דעם דאָזיקן רוף געפינען מיר אין דעם כתב־יד פון דער מאַגיסטער־אַרבעט וועגן „יהושע לובליבער" פון לובע לעווינזאָן, וועלכע דער וואַרשעווער אוניווערסיטעט האָט איבערגעגעבן דעם יידישן היסטאָרישן אינסטי־ טוט. זע: ביילאַגע נר. 3.

[44*] זע: ד"ר נ. מ. געלבער „אויס צוויי יאָרהונדערטן", ז' 242.

[45] פלאָריאַן זיעמיאַלקאָווסקי שרייבט וועגן די סיבות פון מייזעלס ראַדי־ קאַלן פּאַטריאָטיזם אַט וואָס:
„Otóż uważamy, że żyd może zostać Polakiem i to Polakiem zagorzałym, jeśli będzie pod rządem polskim i używał swobód, równych innym obywatelom. A że takiej równości Meizels w r. 1845 zasma-

איינאיינציקער וועג צו פרייהייט פאר די יידן איז זיך אנשליסן אין די רייען פון די קעמפער פאר דער באפרייונג פון פוילן פון אונטער דער אקופאנטישער הערשאפט.

אויף דער געלעגנהייט האבן די פוילישע פאטריאטן נישט געדארפט לאנגווארטן. די געשעענישן פון יאר 1846 זיינען געווען די ערשטע שוואלבן,[46] וועלכע האבן אנגעזאגט פאר דעם פוילישן פאלק דעם אנקומענדיקן פעלקער־פרילינג.

אט אזוי שטעלט זיך פאר די טעטיקייט פון בעריש מייזעלס אין יאר 1846.

---

kował, dlatego jest tak radykalnym, że go żaden z nas w żądaniach i zdaniach nie przesadził". (Pamiętniki Floryana Ziemiałkowskiego, część II. Rok 1848, Kraków, 1904, str. 60.).

[46] ענגעלס שרייבט: „דער דורכפאל פונעם קראקעווער אויפשטאנד דארף באטראכט ווערן פאר די דעמאקראטן נישט בלויז ווי א טרויער־טאג, נאר אויך ווי א יום־טוב, ווייל אין דעם דורכפאל איז גלייכצייטיק איינגעשלאסן א נצחון; זיינע פרוכטן זענען פארבליבן פאר אונדז, ווייל די רעזולטאטן פון דעם דורכפאל זענען נאר צייטווייליקע, און דער נצחון איז א נצחון פון דער יונגער פוילישער דעמאקראטיע איבער דעם אלטן אריסטאקראטישן פוילן".
(קארל מארקס און פרידריך ענגעלס, 5־טער באנד, מאסקווע־לענינגראד אויסגאבע, 1929, ז' 264.) (רוסיש).

קאַפּיטל פיר

דער אָנהייב פון „פּעלקער־פּרילינג" מייזעלס — דער רעוואָלוציאָנערער פּאַטריאָט

דעם 11־טן נאָוועמבער 1846 איז דער געביט פון דער געוועזענער קראָקעווער רעפּובליק, לויטן הסכם פון די דריי אָקופּאַנטן־מלוכות, פאַראייניקט געוואָרן מיט גאַליציע און דערמיט געוואָרן א באַשטאַנד־טייל פון דער עסטרייכישער אימפּעריע.

די דאָזיקע איינגלידערונג האָט נישט געבראַכט קיין פאַרבעסערונג אין דער עקאָנאָמישער לאַגע פון דעם קראָקעווער געביט, נאָר פאַרקערט: אויסגעגלייכט דעם געביט מיטן „הונגעריקן גאַליציע", ווו די עקאָנאָמישע לאַגע איז געווען א פּאַטאַלע. די עסטרייכישע מאַכט, וואָס איז געשטאַנען אין דינסט פון רעאַקציאָנערסטן טייל פון דער שליאַכטע, האָט נישט דערלאָזט איינפירן אפילו קיין רעפאָרמען (ווי איבערגיין אויף צינז־סיסטעם) אין דער פּאַנשטשיזנע.[46*] אחוץ דעם איז די עסטרייכישע רעגירונג געווען פאַראינטערעסירט אויפצוהאַלטן דעם פּאַנשטשיזנע־סיסטעם, ווייל דורך דעם וועט די קאָנסערוואַטיווע שליאַכטע מוזן זוכן ביי איר שוץ קעגן דעם פּויערישן צאָרן און ממילא זיך פאַרוואַנדלען פאַר איר אין אַ גלען־באַזע אינעם אָקופּירטן געביט. צו דער אָרעמקייט און נויט,

---

[46*] שוין אין אָנהייב פון די פערציקער יאָר איז רייף געוואָרן ביי אַ טייל פון די פּוילישע פּריצים אין גאַליציע דער געדאַנק, אַז עס מוז אַריינקומען אַ ראַדיקאַלע ענדערונג אין דעם פּאַנשטשיזנע־סיסטעם, צוליב דעם, ווייל זיי האָבן אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, אַז דער פּאַנשטשיזנע־פּויער האָט אויפגעהערט צו זיין רענטאַבל פאַר זייער לאַנדווירטשאַפט און דער עיקר, צוליב דער מורא פאַר די בסדרדיקע פּויערים־בונטן. אפילו לעאָן סאַפּיעהאָ שרייבט אין זיינע זכרונות, זייט 201:

„אַלע האָבן אָנערקענט, אַז ביים פּאַנשטשיזנע־סיסטעם גייט פאַרלוירן אַ סך אַרבעטס־צייט. יעדער פּויער האָט זיך באַמיט אַפּצוטאָן וואָס ווייניקער אַרבעט און אויסנוצן אויף איר וואָס מער צייט".

וואס די פאנשטשיזנע האט געברענגט מיט זיך איז נאך צוגעקומען די צרה, וואס א גרויסער טייל פון די פעלדער אין גאליציע איז אין יאר 1846, צוליב די פוייערים־בונטן, געבליבן נישט באארבעט. דאס האט געבראכט מיט זיך א הונגער, פון וועלכן עס זענען אויסגעשטארבן גרויסע טיילן פון דער באפעלקערונג.[47]

פארשטייט זיך, אז אט די לאגע אויפן דארף האט שטארק פארערגערט די לאגע פונעם האנדל און דער מלאכה אין דער שטאט. אויף דער פארערגערונג פון דער עקאנאמישער לאגע אין קראקע האט געווירקט נאך איין סיבה: די ירידה פונעם עקספארט. ווי באוווסט, איז דער הויפטנערוו פון דעם האנדל אין דער פרייער שטאט קראקע געווען דער אימפארט פון שלעזישע סחורות, וועלכע די קראקעווער סוחרים האבן עקספארטירט (אדער געשמוגלט) קיין קאנגרעס־פוילן. מיט דעם איינגלידערן קראקע אין דער עסטרייכישער אימפעריע, זענען די פרייסיש־שלעזישע גרענעצן פארמאכט געווארן, און דעריבער האט קראקע אויפגעהערט צו זיין דער טראנזיט־פונקט צווישן די שכנותדיקע לענדער. ספעציעל האט עס שווער געטראפן די יידישע סוחרים, וועלכע האבן זיך אין דער גרעסטער מערהייט פארנומען מיט דעם עקספארט און אימפארט־האנדל.[48]

אזוי האט אין אלגעמיין אויסגעזען דער עקאנאמישער און פאליטישער מצב אין גאליציע און אין קראקע, בעת עס זענען אנגעקומען אין די ערשטע וואכן פון יאר 1848 ידיעות וועגן גאסן־אומרוען און מאניפעסטאציעס אין די איטאליענישע שטעט, ווי מילאן, ווענעציע, פלארענץ א. אנד., וועלכע זענען געווען אקופירט דורך עסטרייך. די אויפטרייסלענדיקע ידיעה וועגן דער רעוואלוציע אין פאריז האט אנגעזאגט, אז דאס יאר 1848 וועט זיין א יאר פון אייראפעישע רעוואלוציעס. און טאקע, דעם 13־טן מערץ איז אויסגעבראכן די רעוואלוציע אין ווין. מעטערניכס רעאקציאנערע רעגירונג איז געפאלן, דער קייסער

---

[47] אין יאר 1847 זענען געווען אין גאליציע 230,000 מער טויט־פאלן אין פארגלייך מיט א דורכשניט־יאר פון די פאריקע 15 יארן.
זע: קיענעוויטש:
„Galicja 1846—1848“ (Wiosna Ludów), tom I, str. 280.
אין קראקע זענען אויפן קריסטלעכן בית־עולם אין יאר 1845 געווארן באגראבן 1569 נפשות און אין יאר 1847—3930.
זע: וויקטאר קאפף, ד.צ.וו. ז' 105.

[48] א העלפט פון גאנצן שלעזישן עקספארט איז אין יאר 1844 געגאנגען קיין קראקע. זע:
Józef Feldman: „Sprawa polska w roku 1848“. Kraków 1933, str. 79.

איז געווען געצוווּנגען צוצוזאָגן א קאָנסטיטוציע, פרייהייט פון פרעסע א. א. וו.[49]

די פאָלקס־מאסן אין קראָקע און לוואָוו (דעמלטיקע הויפּט־שטאָט פון גאליציע) זענען סטיכיש ארויס אין די גאסן און געפאָדערט צו עפענען די טויערן פון די תפיסות און באפרייען די פאָליטישע ארעסטירטע. דער מאגנאט אדאם פאָטאָצקי איז אין קראָקע געגאנגען צום קעניגלעכן קאָמיסאר פון דער שטאָט, גראף דעים, און געעצהט ער זאָל נאָכגעבן די פאָדערונגען פון דעם פאָלק, כדי אויסצומיידן א רעוואָלוציע. אין לוואָוו האָבן די ליבעראלן סמאָלקא און זשעמיאלקאָווסקי אויף שנעל אָנגעשריבן צום קייסער אן „אדרעס”, אין וועלכן עס זענען ארויסגערוקט געוואָרן די פאָלגנדיקע פאָדערונגען: א ליבעראלע וואל־אָרדינאציע, דערלויבן צו שאפן א נאציאָנאלע גוואַרדיע, גלייכהייט פון געזעץ פאר די בירגער פון אלע שטאנדן און רעליגיעס, ליקווידאציע פון דער פאנשטשיזנע, אויטאָנאָמיע פאר גאליציע, באזעצן די רעגירונגס־אמטן דורך אָרטיקע בירגער. אין משך פון עטלעכע שעה האָבן זיך אין לוואָוו אונטערגעשריבן 70 טויזנט בירגער אונטער דעם „אדרעס”, דעם 26־טן מערץ איז מיט דעם דאָזיקן „אדרעס” ארויסגעפאָרן פון לוואָוו א דעלעגאציע קיין ווין.[50]

אויפן וועג קיין ווין האָט די דעלעגאציע גערופן די באפעלקערונג אין די שטעט און שטעטלעך פון גאליציע צו אָרגאניזירן נאציאָנאלע קאָמיטעטן און נאציאָנאלע גוואַרדיעס. ווען די לוואָווער דעלעגאציע איז אָנגעקומען קיין קראָקע האָט דער קראָקעווער בירגער־קאָמיטעט צוקאָאָפּטירט צו דער אלגעמיינער גאליצישער דעלעגאציע 16 מאן, צווישן זיי הרב מייזעלס, וועלכע האָבן געדארפט, לויט דעם אָנווייז פון דעם קראָקעווער קאָמיטעט, איבערארבעטן צוזאמען מיט די איבעריקע מיטגלידער פון דער גאליצישער דעלעגאציע דעם „אדרעס” אין א מער ראדיקאלער ריכטונג.[51] די ענטוזיאסטישע באגריסונג, מיט וועלכער דאָס רעוואָלוציאָנערע ווין האָט באגעגנט די פוילישע דעלעגאציע, האָט איבער־

[49] די ערטער אין דעם קאַפּיטל, וו ס'איז נישט אָנגעגעבן קיין מקור פון די געברענגטע פאַקטן, זענען גענומען פון דער טאָג־צייטונג „יוטזשענקאָ”, ארויסגעגעבן אין קראָקע אין יאָר 1848.

[50] מיט דער דעלעגאַציע האָט אָנגעפירט פירשט לובאָמירסקי (פירשט לעאָן סאַפּיעהא האָט זיך אָפּגעזאָגט צו נעמען אָנטייל אין דער דעלעגאַציע און צו אָנפירן מיט איר). צווישן די דעלעגאַטן פון לוואָוו זענען געווען די פאָלגנדיקע יידן: ראַבינער אברהם כהן, מיזעס, הורוויטש, בערנשטיין, מינץ, נירנשטיין.

[51] פלאָריאַן זשעמיאַלקאָווסקים זכרונות, טייל II, 1848, ז' 16.

ציינט די דעלעגאטן, אז די פאַרטרעטונגען פון דעם צונויפגעשטעלטן „אַדרעס" אין לוואָוו זענען טאַקע צו מעסיקע און אַנטשפּרעכן נישט נישט דעם רעוואָלוציאָנערן גייסט פון דער צייט און נישט די פּוילישע פאָלקס־אינטערעסן.

די דעלעגאַציע האָט באַשלאָסן אָנצושרייבן אַ צווייטן „אַדרעס". דער פּראָיעקט פונעם „אַדרעס" אין דער נייער רעדאַקציע איז דיסקוטירט געוואָרן במשך 5 טעג אויף די זיצונגען פון דער צאַלרייכער דעלעגאַציע, וואָס איז באַשטאַנען פון קרוב 100 מאַן. די עיקר־דיסקוסיע איז געפירט געוואָרן אַרום דער פאָרמולירונג פון די פאָלגנדיקע פּונקטן: אָפּשאַפונג פון פאַנשטשיזנע, אָרגאַניזירונג פון פּוילישע נאַציאָנאַלע קאָמיטעטן און דאָס איבערגעבן זיי די אַדמיניסטראַטיווע און פּאָליציייִשע מאַכט אויף די ערטער.

קעגן דער פאָדערונג פון אַ תיכפדיקער ליקווידירונג פון דער פאַנשטשיזנע זענען אַרויסגעטרעטן די פּריצים, וועלכע האָבן גענומען אַן אָנטייל אין דער דעלעגאַציע. דער פּונקט וועגן די „נאַציאָנאַלע קאָמיטעטן" האָט אויך אַרויסגערופן טיפע חילוקי־דעות צווישן די דעלעגאַטן, צוליב זיין ברייטן פּאָליטישן באַדייט, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין די פאָלגנדיקע וויכטיקע מאָמענטן:

1. לויט דער אינטענץ פון די פּוילישע דעמאָקראַטן און ליבעראַלן האָבן די נאַציאָנאַלע קאָמיטעטן געזאָלט מיט זיך פאָרשטעלן דעם עמבריאָן פון דער ווידעראויפלעבנדיקער נאַציאָנאַלער פּוילישער רעגירונג (אויך די עסטרייכישע רעגירונג האָט זיי אַזוי אָפּגעשאַצט).[52] ממילא האָבן די קאָנסערוואַטיווע מיטגלידער פון דער דעלעגאַציע געהאַלטן דאָס אַריינגעמען אַזאַ פּונקט אינעם „אַדרעס" פאַר צו־רעוואָלוציאָנער.

2. די יורידישע אָנערקענונג פון די נאַציאָנאַלע קאָמיטעטן, ווי די נאַציאָנאַלע פאָרשטייערשאַפט פון גאַליציע, וואָלט פאָרמעל באַטייט די ליקווידירונג פון דער פּריווילעגירטער פּאָליטישער פּאָזיציע פון פּריציש שטאַנד און שליאַכטיש סיים, מחמת אין די דאָזיקע קאָמיטעטן האָט די מערהייט געבילדעט דער שטאָטישער שטאַנד. צוליב דעם איז דער פאָרזיצער פון דער דעלעגאַציע, פירשט לובאָמירסקי, אויך אַרויסגעטרעטן קעגן דעם דאָזיקן פּונקט.

ווי איז געווען די באַציאונג פון די יידישע דעלעגאַטן צום ענין נאַציאָנאַלע קאָמיטעטן?

[52] דאָרטן, ז' 66.

די יידן־דעלעגאטן פון לוואָוו זענען געווען איינגעשטעלט קאָנסערוואטיוו און האָבן געשטימט קעגן דעם פּונקט וועגן די נאציאָנאלע קאָמיטעטן.

מייזעלס דאקעגן האָט מיט אייפער פּארטיידיקט די פּאָדערונג וועגן די נאציאָנאלע קאָמיטעטן.[53] אין רעזולטאט פון דער דיסקוסיע איז באַשטימט געוואָרן די נייע רעדאקציע פון דעם „אדרעס”. דער הויפּט־אונטערשייד פון דעם איצטיקן, אזוי גערופענעם „ווינער אדרעס” און דעם פריערדיקן, דעם לוואָווער, איז באשטאנען אָט אין וואָס: די פריערדיקע רעדאקציע האָט אויסגעמיטן די פראגע וועגן ווידעראויפשטעלן די פּוילישע מלוכה, און די פראגע וועגן ליקווידירן די פאנשטשיזנע איז ארויסגערוקט געוואָרן בלויז ווי א דעזידעראט, וועלכן ס'דארף אדורכפירן די עסטרייכישע מאכט. דאקעגן דער איצטיקער „אדרעס” האָט אקצענטירט די ווידעראויפלעבונג פון דער פּוילישער מלוכה ווי אן ענדציל און פאָרלאנגט, אז די לעזונג פון דער פּויערים־פראגע זאָל איבערגעגעבן ווערן אויסשליסלעך אין די הענט פון דעם פּוילישן נאציאָנאלן קאָמיטעט.

מייזעלס רעוואָלוציאָנערער פּאטריאָטיזם איז געקומען צומבולטסטן צום אויסדרוק אין זיין שטעלונג וועגן דעם אופן פון פירן אונטערהאנדלונגען מיט דער עסטרייכישער מאכט. ער איז געשטאנען אויף דעם שטאנדפּונקט פון ווינציקער דיפּלאָמאטעווען מיט דער רעגירונג, האָט געטענהט נישט צו בעטן, און אפילו נישט פּאָדערן פון דער עסטרייכישער אָקופּאנטישער מאכט קיין נאציאָנאלע און פּאָליטישע רעכט פארן לאנד, נאָר פּשוט דערקלערן: „איר האָט צעשטערט אונדזערע אומאָפּהענגיקייט און נאציאָנאלע אינסטיטוציעס, גיט אָפּ!”.[54]

מייזעלס רעוואָלוציאָנער־פּאטריאָטישע שטעלונג האָט מצד די איבעריקע דעלעגאטן ארויסגערופן רעספּעקט צו אים, און ווען די דעלעגאציע האָט פון צווישן זיך אויסגעוויילט א דעפּוטאציע פון 12 מאן, וועלכע

[53] זשעמיאלקאָווסקי גיט איבער וועגן מייזעלס שטעלונג צו דער פראגע וועגן די נאציאָנאלע קאָמיטעטן אָט וואָס: „... Meizels do upadłego bronił komitetu, gdy trutynowano adres. Kohn i Horowitz byli mu przeciwni i żądali, by ich veta zapisać wyraźnie w protokole, nawet Meizels, który z nich najszczerszy, odwołał swoje votum i przystąpił do zdania Kohna. Czwarty był Lubomirski, co nie chciał komitetu. (Pamiętniki Floryana Ziemiałkowskiego. Ibidem, str. 69).

[54] דאָרטן ז' 69.

האָבן געדאַרפט איבערגעבן דעם קייסער דעם „אַדרעס", איז הרב מייזעלס געווען צווישן זיי.

אינצווישן האָט דער עסטרייכישער גובערנאַטאָר פון גאַליציע סטאַדיאָן (זיין זיץ־אָרט איז געווען לוואָוו) אַלץ געטאָן, כּדי צו אָרגאַניזירן אַ קאָנסערוואַטיוון פראָנט קעגן די פּאַטריאָטישע פאָלקס־כּוחות. ווען ס'איז דעם ערשטן אַפּריל אָנגעקומען אַן איינלאַדונג פון דער פּראָווינץ „נידער־עסטרייך", אַז וועלכער די סיימען פון די אַנדערע פּראָווינצן פון דער עסטרייכישער אימפּעריע ווערן געבעטן צו שיקן דעלעגאַטן קיין ווין אויף אַ באַראַטונג, האָט סטאַדיאָן צונויפגערופן אַ טייל מיטגלידער פון גאַליציש שליאַכטישן סיים, וואָס זענען געווען אין לוואָווער קרייז, און אויף זיין פאַרלאַנג האָבן זיי אַרויסגעשיקט קיין ווין אַ דעלעגאַציע אונטער דער אָנפירונג פון פירשט סאַפּיעהאַ.

די דעלעגאַציע פון דעם שליאַכטישן סיים האָט, לויט סטאַדיאָנס סוגעסטיע, געדאַרפט זיין אַ באַווייז, אַז די, וועלכע זענען געפאָרן קיין ווין איבערגעבן דעם „אַדרעס", זענען נישט די איינציקע פאָרשטייער פון פאָלק, און די אַרויסגערוקטע פּאָסטולאַטן פון דעם „אַדרעס" ווערן נישט געשטיצט דורך דעם גאַנצן פוילישן פאָלק. ווען סאַפּיעהאַ מיט זיין דעלעגאַציע זענען אָנגעקומען קיין ווין, זענען זיי געוואָרן אויפגעפאָדערט דורך דער „אַדרעס־דעלעגאַציע צו קומען אויף אַ געמיינזאַמער זיצונג.

וועגן דעם גאַנג פון אָט דער זיצונג גיט איבער לעאָן סאַפּיעהאַ אין זיינע זכרונות אָט וואָס:

„יעזשי לובאָמירסקי, וועלכער האָט געוואָלט שלום מאַכן צווישן אַלע, האָט אונדז צוגערעדט, מיר זאָלן קומען אויף דער זיצונג פון דער דעלעגאַציע. מיר האָבן געגעבן אונדזער הסכמה, נישט פאָרזעענדיק, וואָס עס דערוואַרט אונדז. ווען מיר זענען אַריין אין זאַל, וו ס'איז פאָרגעקומען זייער פאַרזאַמלונג, האָבן מיר זיי געטראָפן אַלע זיצן אַרום. די פאַרזאַמלונג האָט געפירט לעשעק באָרקאָווסקי. לעבן אים זענען געזעסן: דזשעשקאָווסקי פון איין זייט, פון דער אַנדערע — שלמה מייזעלס, אַ וואַרשעווער ייִד און מיטגליד פון דער קראָקעווער דעלעגאַציע. דזשעשקאָווסקי האָט אונדז אויפגענומען מיט אַ לאַנגער רעדע, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ באַשולדיקונגס־אַקט קעגן אונדז. נאָך אים האָט גענומען דאָס וואָרט מייזעלס. אין אַ געוואַלדיקער רעדע האָט ער אונדז אָנגערופן פאָטערלאַנד־פאַררעטער און נישט פּאַטריאָטן, וואָס בונטעווען זיך קעגן דער דעלעגאַציע, וועלכע דאָס פאָלק האָט אויסגעוויילט. די רעשט

דעלעגאטן, צווישן זיי א סך בירגער, מיינע גוטע באקאנטע, זענען געזעסן און סיהאָט אויסגעזען ווי זיי וואָלטן מיט אים איינגעשטימט".[55]

פלאָריאן זשעמיאַלקאָווסקי גיט איבער וועגן דער זעלבער זיצונג, אז די דעלעגאציע פון דער קאָנסערוואטיווער שליאכטע איז שארף אטאַקירט געוואָרן דורך א טייל דעלעגאטן, וועלכע האָבן זיי אויפגעפאָדערט זיך צו דערקלערן פאר אומקאָמפּעטענט צו רעדן אין נאָמען פון פוילישן פאָלק אין גאליציע. ווען די דיסקוסיע, וואָס האָט געדויערט עטלעכע שעה, און די פארהאנדלונגען מיט סאפּיעהאן און מיט די איבעריקע מיטגלידער פון זיין דעלעגאציע האָבן נישט געגעבן קיין רעזולטאט, האָבן אלע ארויסגעזאָגט: „אָט האָט איר א טארגאָוויצע".

זשעמיאַלקאָווסקי שרייבט ווייטער, אז „מייזעלס, דער קראָקעווער רב, האָט פאָרגעשלאָגן, מע זאָל די דאָזיקע הערן פּראָקלאָמירן פאר פאָטער־לאנד־פארעטער, ווייל זיי וואגן צו שטעלן סטאדיאָנס באפעלן, אָדער די אָנווייזונגען פון דער שליאכטישער פארטיי, העכער פון דעם פאָלקס־ווילן און דעם ווויל פונעם לאנד".[56]

בעת דער טעטיקייט פון הרב מייזעלס אין ווין אין דער „אדרעס"־דעלעגאציע איז ער ווי א פאָרשטייער פון דער קראָקעווער גרופּע ארויסגעטרעטן קעגן דעם אווזורפּירן דורך דעם לוואָווער נאציאָנאל־ראט די אויסשליסלעכע מאכט איבער אלע נאציאָנאלע קאָמיטעטן אין גאליציע. ער האָט געפאָדערט גלייכצושטעלן די רעכט פון קראָקעווער נאציאָנאלן קאָמיטעט מיט דעם לוואָווער, ד. ה., אז זיי זאָלן ביידע ווערן אָנערקענט ווי א צענטראלע אינסטאנץ פאר די געשעפטענע אין די גאליצישע שטעט און דערפער נאציאָנאלע קאָמיטעטן.[57] זיין פאָרשלאג האָט ער באגרינדעט מיט דעם, וואָס קראָקע ווי די אמאָליקע הויפּטשטאָט פון פוילן איז פאר יעדן פּאָליאק דער סימבאָל פון פוילישער מלוכהשאפט. כדי צו פארשטיין די וויכטיקע פּאָליטישע באדייטונג פון מייזעלס פאָדערונג און פון זיינע מאָטיוון, מוזן מיר זיך קלאָר מאכן:

1. אז צווישן די פּאָליאקן זענען געווען רעאקציאָנערע פּאָליטיקער, וועלכע האָבן ארויסגערוקט דעם לאָזונג „גאליציע פאר גאליציאנער",

[55] Leon Sapieha, książę, Wspomnienia z lat od 1803 do 1863. Lwów, str. 202.

ער גיט על־פּי־טעות אָן מייזעלס א נישט ריכטיקן נאָמען (שלמה).

[56] זשעמיאַלקאָווסקי, דאָרטן, ז' 75.

[57] דאָרטן, ז' 68.

וואָס האָט באדייט א רעזיגנאציע פון דער שטרעבונג צוריק צו פאר־אייניקן דאָס פוילישע פאָלק, קענען וואָס די ליבעראלן און דעמאָקראטן האָבן געקעמפט.

2. אז דער קראָקעווער נאציאָנאַלער קאָמיטעט, בפרט איצט נאָך זיין רעאָרגאניזאציע און אריינגעמען אין זיין באשטאנד די פאָליטישע עמי־גראנטן, וועגן וואָס מיר וועלן שרייבן ווייטער, איז געווען מער רעוואָ־לוציאָנער געשטימט איידער דער לוואָווער און האָט ארויסגערופן צו זיך צוטרוי מצד די ראדיקאלערע טוער אין לאנד.

פון דעם געזאָגטן איז צו זען, אז אין דעם ארויסטריט פון מיי־זעלסן איז געלעגן א טיפער רעוואָלוציאָנער־פאטריאָטישער תוך און אז ער איז נישט דיקטירט געוואָרן גלאט דורך א לאָקאל־פאטריאָטישער אמביציע. מייזעלס שטעלונג איז אקצעפטירט געוואָרן דורך די רעלע־גאטן.

ווי מיר וועלן ווייטער זען, האָט די אנטוויקלונג פון די געשעענישן אין קראָקע צונישט געמאכט דעם פלאן פון שאפן אין קראָקע אן אָנפירנ־דיקן צענטער.

קאַפּיטל פינף

די רעוואָלוציאָנערע געשעענישן אין קראָקע אין אַפּריל 1848

אין דער זעלביקער צייט, ווען די „אדרעס"־דעלעגאַציע האָט אין ווין געפירט אונטערהאַנדלונגען מיט דער רעגירונג אָן וועלכן ס'איז ממשותדיקן רעזולטאַט, זענען אין די שטעט פון גאַליציע געשאַפן געוואָרן נאַציאָנאַלע קאָמיטעטן און אָפּטיילונגען פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע. די נאַציאָנאַלע גוואַרדיע איז ס'רוב אנטשטאַנען קעגן דעם ווילן פון דער אָרטיקער אדמיניסטראַטיווער מאכט.

די רעוואָלוציאָנערע שטימונג אין לאַנד האָט געהאַלטן אין שטייגן, בפרט אין איצט קראָקע געוואָרן דער הויפּט־צענטער פון די פּאָליטישע רעעמיגראַנטן, וועלכע האָבן דאָרטן געשאַפן א רעוואָלוציאָנערע אטמאָספער.

די קראָקעווער באַפעלקערונג האָט זיי אויפגענומען מיט ענטוזיאַזם. באַזונדערס זענען וואַרעם אויפגענומען געוואָרן די טראַנספּאָרטן מיט די געוועזענע אָנטיילנעמער אין דער רעוואָלוציע פון יאָר 1846, און אויך מיט פריער־פאַרמשפטע בונטאַרן, וועלכע זענען איצט באַפרייט געוואָרן פון די עסטרייכישע תפיסות. זיי זענען פייערלעך אָפּגעוואַרט געוואָרן דורך דער באַפעלקערונג אויפן וואָקזאַל. די קראָקעווער פרויען האָבן געשאַפן א קאָמיטעט, וועלכער האָט געזאַמלט און פאַנאַנדערגעטיילט מאַטעריעלע הילף צווישן די געוועזענע אַרעסטירטע. די יידישע פרויען האָבן גענומען אַן אקטיוון אָנטייל אין דער אַרבעט פון דעם קאָמיטעט, ספּעציעל זענען אקטיוו געווען: זאָפיע קאַלישער און שרה־אסתר באָרנשטיין (מייזעלס שוועגערין).

די יידישע באַפעלקערונג האָט אַריינגעשיקט אין דעם פרויען־קאָמיטעט דעם געזאַמלטן סכום פון 400 זלאָטעס צוזאַמען מיט אַ הייסן פּאַטריאָטישן בריוו.[58]

די געוועזענע פּאָליטישע אַרעסטירטע און די פּאָליטישע רעמיגראַנטן טרעטן תיכף צו צו פּראַקטישער אָרגאַניזאַציאָנעלער אַרבעט. אַזוי האָט לעאָן זשיענקאָוויטש גלייך אונטערגענומען אַן אַקציע צו אָרגאַניזירן אַ נאַציאָנאַלן קאָמיטעט אויפן אָרט פון דעם פריערדיקן בירגער־קאָמיטעט, וואָס איז אָפּגעשטעלט געוואָרן אין זיין טעטיקייט דורך דעם עסטרייכישן קאָמיסאַר אין קראָקע, דעים Deym.[59]

אויף דער מאַסן־פאַרזאַמלונג, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 5־טן אַפּריל, איז לויט זשיענקאָוויטשעס פאָרשלאָג באַשלאָסן געוואָרן צו רעאָרגאַניזירן דעם פריערדיקן שטאָטישן בירגער־קאָמיטעט דורך צוקאָאָפּטירן אַ ריי נייע מיטגלידער פון צווישן די געוועזענע אַרעסטירטע און עמיגראַנטן. צווישן זיי האָבן זיך אויך געפונען די יידן: יוזעף קשעפּיצקי און ד"ר יוזעף עטינגער.[60] די מאַסן־פאַרזאַמלונג האָט אויך באַשלאָסן צו ענדערן דעם נאָמען פון „בירגער־קאָמיטעט" אויף „נאַציאָנאַלן קאָמיטעט". ווען אַ דעלעגאַציע איז אַוועק צום פאָרטרעטער פונעם שטאָטישן קאָמיסאַר, באַראָן קריג, און האָט אים איבערגעגעבן דעם באַשלוס פון דער פאַרזאַמלונג, האָט ער קאַטעגאָריש פאַרבאָטן אַריינצונעמען אין קאָמיטעט געוועזענע פּאָליטישע עמיגראַנטן און אויך צו ענדערן דעם נאָמען פונעם קאָמיטעט.[61]

כדי צו דעמאָנסטרירן די סאָלידאַרישע אייניקייט פון אַלע קראָקעווער פּוילישע בירגער אין דער פראַגע פון רעאָרגאַניזירן און פון שאַפן דעם „נאַציאָנאַלן קאָמיטעט" קעגן דעם פאַרבאָט פונעם עסטרייכישן קאָמיסאַר, האָט אַ דעלעגאַציע פון יידישע פאָרשטייער זיך געווענדעט צום נאַציאָנאַלן קאָמיטעט. זי האָט אים פאַרזיכערט די פולע אונטערשטיצונג, אויסדריקנדיק דערביי דעם פאַרלאַנג, אַז די אָנגעהעריקע צו דער יידישער רעליגיע זאָלן געניסן גלייכע רעכט מיט די אָנגעהעריקע צו דער קאַטוילישער רעליגיע. דער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט האָט פאַרזיכערט דער דעלע־

---

[58] דער פולער טעקסט פונעם בריוו, זען בײלאַגע 4.

[59] די צייטונג יוטזשענקאַ, נר' 14 פון 6.4.1848.

[60] יוטזשענקאַ, נר' 15, פון 7.4.1848: פאַרגלייך וויקטאָר קאָפּף ד. צ. וו.: ז' 112—113.

[61] פאַראָרדענונג אַרויסגעגעבן דעם 6־טן אַפּריל, יוטזשענקאַ, נר' 17. פון 10.4.1848.

נאַציע, אַז ער וועט אַלץ טאָן, כדי צו פאַרשפּרייטן די אידעע פון גלייכ־קייט צווישן די בירגער.[62]

אין די ערשטע טעג פון אַפּריל איז אויך פאָרגעקומען די רעאָרגאַני־זאַציע פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע, וועלכע איז איינגעטיילט געוואָרן לויט שטאָט־רעווירן, ד. ה. אין 4 אָפּטיילונגען. די 4־טע אָפּטיילונג איז באַשטאַנען כמעט פון בלויז יידן, ווייל זי האָט אַרומגענומען דעם יידישן קוואַרטאַל.

אין דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע זענען געוויילט געוואָרן „סעטני־קעס", אויף דער אַלגעמיינער צאָל פון 36 זענען געוויילט געוואָרן 16 יידישע „סעטניקעס".

אָבער די פּאָליטישע לאַגע אין לאַנד האָט זיך אַנטוויקלט אין אַן אַנדער ריכטונג. אין דער צייט, ווען און ווין איז די צענטראַלע רעגירונג געווען געצוווּנגען אונטערן דרוק פון רעוואָלוציאָנערן פאָלק אָנצונעמען אַ ליבעראַלן קורס און אַרויסגעבן אַ ריי ליבעראַלע פאַראָרדענונגען, צווישן וועלכע עס איז אויך געווען אַ פאַראָרדענונג, וועלכע האָט געגעבן די פעלקער פון דער עסטרייכישער אימפּעריע דאָס רעכט צו גרינדן נאַציאָ־נאַלע קאָמיטעטן און נאַציאָנאַלע גוואַרדיעס, האָבן אָבער די עסטרייכישע שטאָט־האַלטערס און די אָרטיקע אַדמיניסטראַציע־באַאַמטע ווייניק זיך גערעכנט מיט די פאָרמעלע[62*] צענטראַלע פאַראָרדנונגען און געטאָן אַלץ, כדי צו דערשטיקן די נאַציאָנאַל־באַפרייערישע באַוועגונגען אין די באַזונדערע לענדער פון דער אימפּעריע און צו ליקווידירן די אַנטשטאַנע־נע נאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס.

אַזוי האָט די אַדמיניסטראַטיווע און מיליטערישע מאַכט אין קראָקע אָנגעהויבן קעגנצווירקן דער פרייהייטס־באַוועגונג און ליקווידירן די גע־שאַפענע נאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס. אויפן סמך פון דער פאַראָרדענונג פון 10־טן אַפּריל, וואָס די צענטראַלע רעגירונג אין ווין האָט אַרויסגע־געבן און וועלכע דערלויבט די נאַציאָנאַלע קאָמיטעטן אויף איינער האַנט

---

62 „יוטזשענקאָ", נר. 20 פון 13 אַפּריל 1848.

62* מיר שרייבן אונטער פאָרמעל, ווייל פאַקטיש האָט די רעאַקציאָנערע צענ־טראַלע רעגירונג אין געהיים אָנגעפירט מיט דער אַקציע, ווי אַ באַווייז דערצו קאָן דינען דער פאַקט, וואָס דעם 18־טן אַפּריל האָט גענ' קאַסטיליאַנע דערהאַלטן אַ געהיימע פאַראָרדענונג, אַז ער באַקומט די רעכט צו באַנוצן קעגן די פּאָליאַקן אַלע מיטלען, וועלכע ער האַלט פאַר נויטיק, כדי נישט צו דערלאָזן צו אַן אויפ־שטאַנד.

(קיענעוויטש ד.צ.וו. ז' 303).

צו אָרגאַניזירן די נאַציאָנאַלע גוואַרדיעס, ד. ה. נישט אונטער דער קאָנטראָל פון די אָרטיקע מאַכט־אָרגאַנען, — איז דער קראָקעווער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט צוגעטרעטן צו באַוואָפּענען די נאַציאָנאַלע גוואַרדיע (אָגב, האָט דערווייל נאָר געקאָנט זיין אַ רייד וועגן באַזאָרגן די גוואַרדיסטן מיט געווער פון אָרטיקער אויסאַרבעטונג, ווי פּיקעס, קאָסעס און ענלעך קאַלט געווער). די נאַציאָנאַלע גוואַרדיע האָט אויך אָנגעהויבן אויסצוברייטערן איר געזעלשאַפטלעכע באַזע דורך אַריינעמען אין אירע רייען געוועזענע פּאָליטישע עמיגראַנטן.[63] אַזוי אַרום האָט די נאַציאָנאַלע גוואַרדיע אין קראָקע געקאָנט ווערן אַן ערנסטער רעוואָלוציאָנערער פאָלקס־פאַקטאָר, אָבער די אָרטיקע אַדמיניסטראַציע האָט באַשלאָסן צו שטערן איר אַנטוויקלונג. זי האָט אַרויסגעגעבן דעם 21־טן אַפּריל אַ פאַראָרדענונג, לויט וועלכער די ווייטערדיקע מענטשן־ווערבירונג אין דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע ווערט אָפּגעשטעלט. דעם 22־טן האָט זי קאַטעגאָריש פאַרווערט די ווייטערדיקע באַוואָפענונג פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע מיט „אויפשטענדלער“־געווער, ד. ה. מיט קאָסעס.[64]

די אַלע אַנטי־נאַציאָנאַלע פאַראָרדענונגען זענען באַגלייט געוואָרן מיטן כסדרדיקן אַריינפירן קיין קראָקע נייע מיליטערישע אָפּטיילונגען. די באַפעלקערונג האָט אין דעם אַלעמען געזען אַ בולטן באַווייז, אַז די עסטרייכישע מאַכט גרייט צו אַ פּראָוואָקאַציע און וויל אַרויסרופן בלוטיקע אומרוען. בפרט האָבן באַאומרואיקט די קלאַנגען, אַז עס גרייט זיך אַ גזירה קעגן די פּאָליטישע עמיגראַנטן, וועלכע האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט דעם לעבעדיקסטן נערוו פון דער נאַציאָנאַלער אויפוואַכונגס־באַוועגונג אין שטאָט.

דעם 23־טן אַפּריל איז דורך פּאַטריאָטישע עלעמענטן איינגעאָרדנט געוואָרן אַן ערבֿ־פּסח־אויפנאַמע פאַר די פּאָליטישע עמיגראַנטן (דער מיליטערישער גאַרניזאָן, וואָס האָט זיך געפונען אין שטאָט, האָט זיך אָפּגעזאָגט אָנצונעמען די איינלאַדונג). דורך דעם מאַסן־אָנטייל אין דער אויפנאַמע האָט די באַפעלקערונג מאַניפעסטירט אירע ברידערלעכע גע־

63 לויט דער ציטווייליקער פאַראָרדענונג פון דער אַדמיניסטראַטיווער מאַכט אין קראָקע, דעם 31-טן מערץ 1848, וועגן דער אָרגאַניזירונג פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע, האָבן צו איר געקאָנט געהערן נאָר מיטגלידער פון באַזיצנדיקן אָדער אינטעליגענטן שטאַנד. („דזשענניק זשאָנדאָווי“ 1848, זייט 294) קעגן דער פאַראָרדענונג האָט פּראָטעסטירט דער ליבעראַלער אָרגאַן „יוטזשענקאַ“, זע: „יוטזשענקאַ“ נר' 9.

64 פאַראָרדענונג אין „דזשענניק זשאָנדאָווי“ 1848, זייט 370.

פילן צו די עמיגראַנטן. די הויפּט־טאַסטן אויף דער אויפנאַמע האָבן געהאַלטן: מאַוריצי קשעפּיצקי, לעאָן זשיענקיעוויטש א. א.[65]

דעם 25־טן אַפּריל זענען פאָרגעקומען וויכטיקע פּאָליטישע געשעענישן, וועלכע האָבן אויפגעשטורעמט די קראָקעווער באַפעלקערונג. אין דעם טאָג איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן דער קייזערלעכער רעסקריפּט, וואָס האָט געגעבן צו וויסן, אַז דער קייזער באַפרייט די פּויערים אין גאַליציע און אין קראָקע פון דער פּאַנשטשיזנע.

ווי מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן, איז די אָקופּאַנטישע מאַכט געווען טאָפּלט פאַראינטערעסירט אין דערהאַלטן דעם פּאַנשטשיזנע־סיסטעם אין גאַליציע, און אין הסכם מיט דעם האָט דער אינערן־מיניסטער, פּילערסדאָרף, קורץ פאַרן אַרויסגעבן דעם קייזערלעכן רעסקריפּט געגעבן דעם קראָקעווער נאַציאָנאַלן קאָמיטעט דעם פּאָלגנדיקן ענטפער: „די רעגירונג קאָן נישט מסכים זיין מיט דער פאָדערונג פון דעם קראָקעווער נאַציאָנאַלן קאָמיטעט צו דערלויבן אים אָפּצושאַפן די פּאַנשטשיזנע אין דעם קראָקעווער געביט, ווייל דער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט קאָן זיך נישט נעמען דאָס רעכט צו שענקען דאָס אייגנטום פון די גוט־באַזיצער א.א.וו. דער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט האָט דערהאַלטן דעם אָפּזאָג־ענטפער, וואָס האָט געטראָגן די דאַטע פון 13־טן אַפּריל, ערשט דעם 24־טן אַפּריל, ד. ה. אין טאָג פאַרן פאַרעפנטלעכן דורך דער עסטרייכישער רעגירונג דעם דעקרעט וועגן ליקווידירן די פּאַנשטשיזנע אין גאַליציע. די שנעלע ענדערונג פון דער שטעלונג פון דער עסטרייכישער רעגירונג איז געקומען, קודם־כל, אין רעזולטאַט פון איר פּחד, עס זאָלן זיך נישט געפינען אַמאָל ביי די פּאָליאַקן אַזעלכע רעוואָלוציאָנערע דעמאָקראַטן, ווי עס זענען געווען אין יאָר 1846 עדוואַרד דעמבאָווסקי און יוליאַן גאָסליאַר, וועלכע וואָלטן זיך געקאָנט שטעלן אין שפּיץ פון די פּויערים און פאַראייניקן דעם קאַמף קעגן דער אָקופּאַנטישער מאַכט מיט אַן אַגראַרער רעוואָלוציע. די ליבעראַלן און אַפילו די דעמאָקראַטן שנײַדע, זשיענקיעוויטש א. א. האָבן אָבער אויסגענוצט די נייע פאַראָרדענונג אין דעם זין, אַז די רעגירונג וויל אַזוי אַרום נעווינען די פּויערים און נישט דערלאָזן צו אַ קאָנסאָלידאַציע פון פּוילישן פּאָלק, ד. ה. פון די פּויערים און פּריצים, פאַר דעם אומאָפּהענגיקייט־קאַמף.[66]

---

[65] יוטשזשענקא, נר׳ 29 פון 25-טן אַפּריל 1848 יאָר.

[66] זע וועגן דעם ביי Miller U. C. „Nakanunie otmeny barszcziny w Galicyi". Uczonyje zapiski Instituta Słowianowiedienija, Tom I, str. 237. Izdatielstwo Akadiemii Nauk w SSSR. Moskwa—Leningrad 1949.

דער קראָקעווער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט האָט פאַרעפנטלעכט צו די פויערים אַן אויפרוף, אין וועלכן ער ווייזט אָן אויף דעם, אַז נישט דער עסטרייכישער קייזער האָט זיי באַפרייט, נאָר די נאַציאָנאַלע קאָמיטעטן האָבן שוין פון פריער געהאַט באַשטימט מיט די פריצים פריוויליק אדורכצופירן די ליקווידאַציע פון דער פּאַנשטשיזנע. דער אויפרוף רופט צו אייניקייט פון גאַנצן פאָלק.

פון דעם געזאָגטן איז צו זען די פּראָוואָקאַטאָרישע טענדענץ, וועלכע די פוילישע טוער האָבן געזען אין דעם קייזערלעכן רעסקריפט, און די טיפע אויפרעגונג, וואָס ער האָט אַרויסגערופן. אַ נאָך גרעסערע אויפרעגונג האָט אַרויסגערופן די צווייטע געשעעניש אין דעם זעלבן טאָג. אין די פרימאָרגן־שעהן פון 25־טן אַפּריל האָט די קראָקעווער באַפעלקערונג אָפּגעוואַרט אַ פרישן טראַנספּאָרט עמיגראַנטן. סך־הכל זענען אָבער אָנגעקומען קיין קראָקע בלויז פיר פּערזאָן, וועלכע האָבן איבערגעגעבן, אַז בלויז זיי, וועלכע באַזיצן ענגלישע פּעסער, האָט די גרענעץ־וואַך אַריינגעלאָזט קיין קראָקע, דאַקעגן 66 עמיגראַנטן, וועלכע האָבן זיך אויסלעגיטימירט מיט פראַנצויזישע פּעסער, זענען פאַרהאַלטן געוואָרן אויף דער פּרייסישער גרענעץ אין מיסלאָוויץ.[67]

דערהערט די ידיעה איז די באַפעלקערונג, וועלכע איז געווען פאַרזאַמלט אויפן וואַוועל, תיכף אַוועק צום נאַציאָנאַלן קאָמיטעט און געפאָדערט באַלדיקע אינטערווענץ ביי דער אַדמיניסטראַטיווער מאַכט. דער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט האָט אויסגעקליבן אַ דעלעגאַציע, וועלכע איז באַשטאַנען פון די פּערזאָנען: פאָרזיצער קושיזשאַנאָווסקי, נאַרקאָווסקי, מאָשינסקי (שעף פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע), אַדאַם פּאָטאָצקי און הרב מייזעלס.[68] זיי זענען אַוועק צום פאַרטרעטער פון רעגירונגס־קאָמיסאַר, באַראָן קריג. נאָך צוויי שעה אונטערהאַנדלונגען, וועלכע האָבן נישט געגעבן קיין רעזולטאַט, האָט די מאַסע, וואָס האָט אָפּגעוואַרט די דעלעגאַציע, זיך אַריינגעריסן אין דער וווינונג פון באַראָן קריג, אים אַרעסטירט און אָפּגעפירט אין בנין פון נאַציאָנאַלן קאָמיטעט, וווּ ער האָט געגעבן זיין ערן־וואָרט אַריינצולאָזן די פאַרהאַלטענע עמיגראַנטן און אַרויסצוגעבן געווער דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע.

אָבער דער קאָמענדאַנט פון דעם קראָקעווער מיליטערישן גאַרניזאָן, גענעראַל קאַסטיליאַנע, האָט זיך אָפּגעזאָגט אויסצופירן דעם ערן־צוזאָג

---

[67] דזשענניק פּאָליטישני, ז׳ 7.

[68] דאָרטן.

פון דעם באראן קריג און איבערגענומען אין די אייגענע הענט אויך די אדמיניסטראטיווע מאכט פון שטאט.

דעם 26־טן אינדערפרי, ווען דער נאציאנאלער קאמיטעט איז זיך צו־נויפגעקומען אויף א זיצונג, כדי צו באטראכטן די געשאפענע לאגע, האט ער באקומען אליארמירנדיקע ידיעות, אז די פריש־אנגעקומענע מי־ליטערישע אפטיילונגען האבן פאנאנדערגעטריבן דעם יאריד אין פאדגו־זשע (א פארשטאט פון קראקע אויף דעם מזרח־ברעג פון ווייסל) און דערנאך זיך אריינגעריסן אין יידישן קווארטאל, וווּ זיי האבן געשלאגן ביז בלוט דארטיקע איינוווינער. דאס מיליטער האט אויך אפגעשניטן דעם פארקער מיטן קוזמירער קווארטאל. דער נאציאנאלער קאמיטעט האט דעלעגירט מאוריצי קשעפיצקין אין יידישן קווארטאל אריין, ער זאל אויספארשן די געשעענישן אויפן ארט. ער איז צוריקגעקומען, נישט ברענגענדיק קיין גענויע אינפארמאציעס. ערשט די צווייטע דעלעגאציע, וועלכע דער נאציאנאלער קאמיטעט האט דעלעגירט אין די פערזאנען פון: מייזעלס, יאן לעדוכאווסקי און פראנציישעק טשטשישינסקי,[69] האט גע־בראכט גענויע ידיעות וועגן דעם אנפאל פונעם מיליטער אין יידישן קווארטאל, און געמלעך: דאס מיליטער האט צעשלאגן און פארוווּנדעט עטלעכע איינוווינער און געצוווּנגען די קרעמער צו פארמאכן די קראָ־מען.[70] אין דער זעלבער צייט זענען געקומען פוילישע טרעגער אין נאַ־ציאנאלן קאמיטעט און האבן איבערגעגעבן וועגן אנפאל פון מיליטער אויף פוילישע הארעפאשניקעס. דער ווידערשטאנד פון דער באפעלקערונג האט זיך אנגעהויבן ערשט ארום דריי נאכמיטאג ביי די פאלגנדיקע אומ־שטענדן: דער פאליציי־קאמיסאר דערדער איז געקומען אין שפיץ פון א האלבן באטאליאן מיליטער צום שמיד מיללער צוצונעמען ביי אים די פיקעס, וועלכע ער האט אויסגעארבעט פאר דער נאציאנאלער גווארדיע.

[69] יאן לעדוכאווסקי און פראנצישעק טשטשישינסקי זענען געווען צוריקגעקו־מענע פאליטישע עמיגראנטן. לעדוכאווסקי איז באקאנט ווי דער דעפוטאט פון צאר ניקאלאי בעת דעם נאוועמבער-אויפשטאנד אין ווארשע און שפעטער ווי אן אקטיווער טוער פון דער דעמאקראטישער באוועגונג אויף דער עמיגראציע.

פראנצישעק טשטשישינסקי איז געווען פון די עטלעכע און צוואנציק נאוועמ־בער-העלדן, וועלכע האבן אדורכגעפירט דעם באוווסטן אנפאל אויפן בעלוועדער אין דער נאכט פון 29-טן נאוועמבער 1830. זע:
Dr. B. Limanowski: „Historya demokracji polskiej w epoce porozbio-rowej“. Zurich, 1901, str. 87, 147, 179, 280.

[70] Maurycy Krzepicki: „Wydarzenia Krakowskie“. Kraków, 1848, str. 11.

דער שמיד האָט זיך אָפּגעזאָגט ארויסצוגעבן די פּיקעס און זיך גענומען אמפּערן מיט די סאָלדאַטן. אויף די הילף־רופן פון דעם שמיד איז זיך צונויפגעלאָפן די ארומיקע באַפעלקערונג: יידן, פרויען און קינדער, און זיך געוואָרפן אויף דעם מיליטער, כדי ארויסצורייסן ביי זיי די צוגענומענע פּיקעס.[71] דאָס מיליטער האָט געעפנט א שיסעריי אויף דער אומבאַוואָפנטער מאסע. איבער די קראָקעווער גאסן האָט זיך אדורכגעטראָגן דער רוף: „זיי מאָרדן אונדזערע". די באַפעלקערונג האָט אָנגעהויבן בויען באַריקאַדן, און ס'האָבן זיך אָנגעהויבן גאסן־קאַמפן, בעת וועלכע די באַפעלקערונג האָט באַקומען אן איבערגעוויכט און באַוויזן ארויסצוטרייבן דאָס מיליטער פון דעם שטאָט־צענטער.

אין די פאַרנאַכט־שעהן האָט דאָס מיליטער געפּרוּווט א צווייט מאָל זיך אריינצורייסן אין יידישן קוואַרטאַל, די עסטרייכער האָבן אָבער אָנגעטראָפן אויף א העפטיקן ווידערשטאַנד מצד די יידן, און נאָך א קורצן קאַמף האָט דאָס מיליטער זיך געמוזט צוריקציען.[72]

---

[71] איינעם דערמאָנטן באַריכט:
Dziennik Polityczny, Nr. 7, 1848, 11/V.

[72] „...W czasie, gdy powtórna delegacya z jenerałem na zamku, pomimo ogłoszonego zawieszenia broni, żołdactwo austryackie wpadło do przedmieścia Kazimierza, i tam między mieszkańcami wyznania mojżeszowego dopuściło się wszelkiego rodzaju gwałtów i rabunków, Żydzi do rozpaczy wreszcie przywiedzeni zebrali się tłumnie, i stanąwszy w obronie własnego życia i majątku, rzucili się mężnie na napastników, i po krótkiej walce zmusili ich do odwrotu".

(Sprawozdania Komitetu Narodowego Krakowskiego, tom III dzieła Edmunda Chojeckiego, pt. „Wizerunki polityczne dziejów państwa polskiego", wyd. przez Leona Zienkiewicza, Lipsk, 1865, str. 183).

...Podczas drugiej konferencji delegowanych, żołnierze na Kazimierzu, korzystając z nocnej ciemności, wpadali do mieszkań i popełniali w nich zwykłe gwałty oraz złodziejstwa. Żydzi do zgrozy doprowadzeni tą napaścią, uzbroili się naprędce i po krótkim boju wyparli Austryaków z przedmieścia.

Zwycięstwo to Żydów, jak i poprzednio przez chrześcijan w mieście odniesione, w niczem nie zmieniło przykrego położenia Polaków...

(Historia Powstania Narodu Polskiego w 1861—1864 r., Agaton Giller, Paryż, 1871).

דער גענעראַל קאַסטיליאָנע האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל צו באָמבאַרדירן די שטאָט. די באָמבאַרדירונג האָט אַריינגעבראַכט אַ שפּאַלטונג אין דער פּוילישער געזעלשאַפט. דער באַזיצנדיקער טייל האָט באַשלאָסן אויפצוגעבן דעם ווייטערדיקן קאַמף. אַדאַם פּאָטאָצקי און פּירשט יאַבלאָנאָווסקי האָבן זיך געלאָזן צום וואַוועל (דאָס זיץ־אָרט פון גענעראַל קאַסטיליאָנע) מיט אַ ווייסער פאָן.[73] דאָס האָט באַשטימט דעם גורל פון אויפשטאַנד.

די קאַפּיטולאַציע־באַדינגונגען זענען געווען שווערע, זיי האָבן געצילט צו דער ליקווידירונג פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין קראָקע. די הויפּט־פּונקטן פון דער קאַפּיטולאַציע זענען געווען פאָלגנדיקע: אויפלייזונג פון נאַציאָנאַלן קאָמיטעט; אַנטוואָפענען די נאַציאָנאַלע גוואַרדיע; אַלע עמיגראַנטן, וואָס זענען נישט קיין עסטרייכישע בירגער, מוזן תיכף פאַרלאָזן קראָקע.

דער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט האָט אָנגענומען די איבערגעצוואונגענע באַדינגונגען.

דער בלוטיקער סך־הכל פון דעם 26־טן אַפּריל איז געווען אַזאַ: מצד דעם מיליטער 8 טויטע און 50 פאַרוווּנדעטע און ביי דער באַפעלקערונג 32 טויטע.[74] אַ ספּעציעלע אויפרעגונג האָבן אַרויסגערופן ביי דער קראָקעווער באַפעלקערונג די אומשטענדן, ביי וועלכע עס זענען אומגעקומען דער יידישער גוואַרדיסט בירנבוים און שווער פאַרוווּנדעט געוואָרן די יידן־גוואַרדיסטן מילער און בלאַטוויים (שפּעטער געשטאָרבן פון די וווּנדן). די דערמאָנטע האָבן, בעת די קאַמפן אויף שטראַדאָמגאַס, געטראָפן ליגן אַ שווער פאַרוווּנדעטן עסטרייכישן אָפיציר. זיי האָבן אים גענומען און צוגעטראָגן צו אַ וואָגן אויסגעבעט מיט שטרוי און געבעטן ביי זייער „סעטניק״ אַ דערלויבעניש צו פאַרלאָזן די וואַך און צופירן דעם פאַרוווּנדעטן אָפיציר צו דער פּאָדגורזשער בריק, כדי אים איבערצוגעבן צוריק דעם עסטרייכישן מיליטער. נאָכן איבערגעבן דעם פאַרוווּנדעטן אין די הענט פון עסטרייכישן מיליטער, האָבן די יידישע גוואַרדיסטן זיך אומגעקערט אויף צוריק. דעמלט האָט דער עסטרייכישער וואַכמייסטער אויסגעשאָסן און בירנבוימען אַוועקגעלייגט אַ טויטן.

---

73 Stefan Kieniewicz, tom I. „Wiosna Ludów na ziemiach polskich", P.I.W., 1948, str. 304.

74 Helpert: Der Krakauer Emigranten Aufstand Krakau 1889, s. 66.

די זעלנער האָבן אויך שווער פאַרוווּנדעט מילערן און בלאַטווייסן. די צוויי יידישע גוואַרדיסטן איז געלונגען צו אַנטלויפן.[75]

אין דער לוויה, וואָס די קראָקעווער באַפעלקערונג האָט איינגעאָרדנט די קרבנות, האָבן זיך באַטייליקט כמעט אַלע איינוווינער פון שטאָט, זי איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ ריזיקער פאָלקס־דעמאָנסטראַציע. די „יוטשעַנקאַ" ווייזט אָן אין איר באַריכט וועגן דער לוויה, אויף די גרויסע שוועריקייטן, וואָס זענען אַנטשטאַנען פאַר די יידן, וועלכע האָבן געוואָלט אָנטייל נעמען אין דער לוויה־דעמאָנסטראַציע. קודם־כל האָט דאָס עסטרייכישע מיליטער אָפּגעשטעלט דעם פאַרקער צווישן דער שטאָט און קוזמיר, ווו דער רוב יידן האָט געוווינט. צווייטנס איז די לוויה אויסגעפאַלן אום שבת, וואָס האָט באַשווערט די יידן צו נעמען אַ מאַסן־אָנטייל און האָך, שרייבט די „יוטשעַנקאַ", האָט אַ טייל יידן זיך באַוויזן אַריינצובאַקומען אין שטאָט אַריין און זיך באַטייליקט אין דער לוויה.[76]

---

[75] יוטשעַנקאַ נר' 34, 9-טער מאַי 1848.
[76] יוטשעַנקאַ נר' 34, 9-טער מאַי 1848.

קאַפּיטל זעקס

מייזעלס ראָל אין קראָקע ביז אָקטאָבער 1848

ס'איז אפשר נישט קיין צופאַל, וואָס קראָקע איז געוואָרן אכזריות־דיק באָמבאַרדירט, און די באַפעלקערונג בארויבט פון די דעראָבערטע פריוויליעגיעס דווקא אין דער צייט, ווען דער קייזער האָט „באַשאָנקען" די פעלקער פון דער עסטרייכישער אימפעריע מיט א קאָנסטיטוציע (דעם 25־טן אפריל). דער פאַקט האָט אויפגעדעקט פאַר דער וועלט די אמתע כוונות פון דער עסטרייכישער רעאַקציע מיטן קייזער בראש. מיט רעכט האָט דער קראָקעווער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט דעם 27־טן אפריל, אין זיין רוף צו איראָפּע, געשריבן צוו. א.:

> „די אומגעזעצלעכקייט און די רציחות אין פּויזן און אין קראָקע זענען בלויז א קליינער שפּליטער, אָבער א בולטער באַווייז פונעם ריזיקן פאַרמעסט פון דער אנטי־איראָפּעישער קאָנטר־רעוואָלוציע. דער ענדגילטיקער ציל פון דער קאָאַליציע (געמיינט דעם „הייליקן בונד" פון רוסלאַנד, פּרייסן און עסטרייך — א. ק.) איז געווענדט קעגן פראַנקרייך און קעגן אלע פרייהייטס־כוחות אין דער וועלט".[77]

צום העכסטן אַקאָרד פון פּאַטריאָטיזם האָט זיך דערהויבן דער רוף, וועלכן די יידישע רעוואָלוציאָנערן פון קראָקע האָבן אַרויסגעשיקט דעם 3־טן מאַי 1848 צו די יידן פון פּויזנער פירשטנטום.[78] דאָס איז געווען

---

[77] יוטזשעַנקאָ נר' 34, 9-טער מאַי 1848 יאָר.

[78] דער פולער טעקסט פונעם רוף ווערט אָנגעגעבן אין דער ביילאַגע 5.

[79] מאיר באַלאַבאַן גיט אָן פאַר די מחברים פון דער ווענדונג די פירער פונעם „קלוב צו שטיצן די גייסטיקע און מאַטעריעלע אינטערעסן פון די יידן": קזשעפּיצקי, וואַרשאַוער און עטינגער
Historia Żydów w Krakowie, t. II, str. 681.

אין די שווערע טעג פאַרן פּוילישן פאָלק אין פּויזנער געביט — אָנהייב מאַי 1848 — ווען די פּוילישע באַוואָפנטע אָפּטיילונגען האָבן אויפגע־הויבן אַן אויפשטאַנד ווי אַן ענטפער אויף די פּראָוואָקאַציעס פון די פּרייסישע גענעראַלן, וועלכע האָבן געהאַט פאַר אַ ציל אָפּצונעמען די דעראָבערטע פרייהייטן ביי די פּאָליאַקן און דערשטיקן די נאַציאָנאַלע פרייהייטס־באַוועגונג אין פּויזנער קאַנט. די פּרייסיש־יונקערישע מאַכט האָט דעמאָלט גענומען חנדלען זיך צו די יידן, כדי עס זאָל דורכן אָפּ־רייסן די יידן פון די פּאָליאַקן לייכטער אָנקומען דאָס דערשטיקן דעם אויפשטאַנד.[79]

דער רוף, וואָס איז געווען געשריבן אין אַ פלאַמיקן פּאַטריאָטישן טאָן, וואָרנט די יידישע באַפעלקערונג פון פּויזנער געביט, זי זאָל זיך נישט לאָזן אויפן וועג פון פאַראַט. נאָך דעם ווי דער רוף רעדט אַרום די שווע־רע ליידן פון פּוילישן פאָלק פאַר די לעצטע 80 יאָר, נאָכן פאַרלירן די זעלבשטענדיקייט; און נאָך דעם ווי ער אַקצענטירט דעם געמיינזאַמען גורל, וואָס פאַרבינדט די פּוילישע יידן מיטן לאַנד, — זאָגט ער ווייטער:

„ברידער, צי מעגן מיר זיך כאָטש אויף איין מאָמענט קווענק־לען מקריב צו זיין אונדזער בלוט, אונדזערע פאַרמעגנס פאַר דער הייליקער און גערעכטער זאַך פון דעם איידעלן פּוילישן פאָלק? צי מעגן מיר נאָך אויף אַ מאָמענט פאַרשפּעטיקן מיט אונדזער דער־פאַרונג? צי דאַרפן מיר פאַררעכנט ווערן פאַר פּאָליאַקן צי פאַר דייטשן? מיר גיבן אָפּ כבוד דעם דייטשישן פאָלק, דעם גרויסן פאָלק פון אינטעליגענץ און אינדוסטריע, אָבער פאַר די אויגן פון דעם זעלבן פאָלק דערנידעריקן מיר זיך און מאַכן זיך צו שפּאָט ווי

דאַנקען אורבאַך גיט אָן פאַר דעם מחבר — מייזעלסן.
Udział Żydów w walce o niepodległość Polski, str. 57.
לויט אונדזער מיינונג, איז די ווענדונג אויסגעאַרבעט געוואָרן געמיינזאַם דורך מייזעלסן און די דערמאָנטע פירער פון קלוב, וועלכע האָבן נאָך אין דער צייט געמיינזאַם אָנגעפירט מיט אַלע פּאַטריאָטישע אַקציעס אויף דער יידישער גאַס.

[79] ענגעלס ווייזט אָן, אַז די דייטשן האָבן געוואָלט אויסנוצן די יידן פון פּויזנער געביט אויף צו באַרעכטיקן זייער רויבעריש אַנעקסירן די פּוילישע טע־ריטאָריע, דורך דעם, וואָס זיי רעכענען אַריין די יידן פאַר אַ דייטשן עלעמענט. צוליב דעם גיבן זיי אָן די צאָל פון דייטשן אין פּויזנער געביט אויף 50 פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער צאָל באַפעלקערונג אין דער צייט, ווען די פאַקטישע צאָל פון די דייטשן דאָרט דערגרייכט נישט מער ווי 1/6 פון דער באַפעלקערונג.
(מאַרקס, ענגעלס, VI באַנד ז' 154 (רוסיש).

פחדנימדיקע פארעטער, אין פאל אויב מיר זאָגן זיך אָפ פון יעדן געפיל פאר אונדזער פאָטערלאנד, פון יעדער דאנקבארקייט און מיטבאטייליקונג אינעם אומגליקלעכן גורל פון אונדזערע ברידער פון צפון און דאָס נאָר, כדי מאָמענטאל צו דינען דעם עגאָיסטישן און שלעכט פארשטאנענעם אינטערעס".

דער רוף ענדיקט זיך מיטן דערמאָנען די פויזנער יידן די פולע פרייהייט, וואָס זיי האָבן דערגרייכט אין דער גרויסער וואָך פון דער קראָקעווער רעוואָלוציע אין יאָר 1846.

אָט די רופן זענען כמעט די לעצטע אקאָרדן פון דער פאטריאָטישער באוועגונג אין קראָקע, וועלכע האָט געליטן א שווערן קלאפּ. ווי מיר האָבן שוין אויבן דערמאָנט, האָט א גרויסע צאָל עמיגראנטן, וועלכע זענען געווען דער ראדיקאלסטער טייל פון דער רעוואָלוציאָנערער באוועגונג אין קראָקע, געמוזט פארלאָזן די שטאָט. אויך די איינציקע פוילישע אָנפירנדיקע אינסטאנץ, דער נאציאָנאלער קאָמיטעט, איז נישט בלויז וואָס ער איז דורך דער מאכט אויפגעלעזט געוואָרן, נאָר ער האָט שפּעטער ארונטערגעריסן זיין אייגענעם אויטאָריטעט. א טייל מיטגלידער (23 אויף 50) האָט פארלאָזט קראָקע צוזאמען מיט די עמיגראנטן, כדי הערמיט צו מאניפעסטירן פאר דער וועלט, אז ער וואַרפט זיך נישט אונטער די אויפגעצוואונגענע קאפּיטולאציע־באדינגונגען, און כדי פון אויסלאנד ווייטער אָנצופירן מיט דער רעוואָלוציאָנערער באוועגונג, אָבער אין עטלעכע וואָכן ארום זענען די הויזיקע מיטגלידער פון נאציאָנאלן קאָמיטעט איינציקווייז צוריקגעקומען קיין קראָקע. דעם הויזיקן פאקט האָבן אויסגענוצט די קאָנסערוואטיוו־בירגערלעכע עלעמענטן ווי א געלעגנהייט צו באשמוצן דעם געוועזענעם נאציאָנאלן קאָמיטעט, וועלכער איז ווי זיי האָבן געשריבן, געווען באהערשט דורך קאָמוניסטן.[80] זיי האָבן דערמיט געוואָלט דיסקרעדיטירן סיי די ראדיקאלע טוער און סיי די רעוואָלוציאָנערע באוועגונג בכלל.

אין אָט דער צייט, ווען די אינערלעכע רעאקציע האָט געפּרוווט אויפצוהייבן דעם קאָפּ, און די שטאָט האָט זיך געפונען אונטערן טעראָר פון אויסנאמס־צושטאנד, האָבן די יידישע רעוואָלוציאָנערע טוער געהאלטן פאר נייטיק איינצואָרדענען אין קוזמיר א יידישע גאסן־דעמאָנסטראציע, געווענדעט קעגן דער היימישער רעאקציע און קעגן די פּעאָדאלע תקיפים.

---

[80] Fryderyk Hechel: „Kraków i Ziemia Krakowska w okresie Wiosny Ludów, Pamiętniki. „Wrocław — 1950, Wydawnictwo Zakładu im. Ossolińskich. str. 158 i 172.

א געלעגנהייט דערצו האָט געגעבן דאָס קעגנשטעלן זיך פון א טייל דאָרטעם דעם פּראָיעקט פון ליקווידירן דעם כשר־פלייש־שטייער, וואָס האָט געהעכערט דעם פרייז פון פלייש און דערמיט געמאכט אוממעגלעך פאר דעם אָרעמאַן און אפילו מיטעלן פאָלקס־ייד צו עסן פלייש.

וועגן דער איינספירירונג און צוגרייטונג פון דער פאָלקס־אַרויסטרעטונג גיט איבער אן אַנאָנימער שרייבער (אונטערגעשריבן מיט די איניציאַלן נ. ם.) אין דעם „דזשענניק פּאָליטיטשני“ אַט וואָס:

„...די עיקר־ספּרוזשינע פון אלע אומרוען איז געווען דער רב מייזעלס. כדי צו באלייכטן די גאנצע זאך, ברענגען מיר די פאָלגנדיקע דערקלערונג, וואָס שטיצט זיך נישט אויף בלויזע השערות, נאָר אויף באשטעטיקונגען פון באגלייבטע עדות, וועלכע דער הי' מייזעלס האָט איינגעלאדן צו זיך און צוגערעדט זיי צו געמיינע ארויסטרעטונגען. אין פארשטענדיקונג מיט סאלאָמאָן דייכעס, וואָהל און י. שיימבערג האָט ער זיי פאָרגעשטעלט ווי אזוי ער צוזאמען מיט אנדערע קהלה־מיטגלידער האָבן געוואָלט אָפּשאפן דעם כשר־פלייש־שטייער, און אז דער הי' טאָרבע איז געווען קעגן. די אויפגערעגטע אָנוועזנדיקע, געפירט דורך א געוויסן ייד, א געוועזענעם פוילישן אונטעראָפיצער, האָבן באלד געפרעגט דעם הי' מייזעלס, צי דערלויבט ער זיי אָפּצורעכענען זיך מיטן הי' טאָרבע? — יאָ, האָט געענטפערט דער הי' מייזעלס, — נישט נאָר וואָס איך דערלויב, נאָר באפעל! און ער האָט נאָך באצייכנט דעם אופן פון דער נקמה, וועלכע איז באלד באשטעטיקט געוואָרן צום אדורכפירן.[81]

דער פארלויף פון דער דעמאָנסטראציע, אין וועלכער ס'האָבן זיך באטייליקט ארום טויזנט יידן,[82] איז, לויט ווי עס גיט איבער די „גאזעטא ווראָצלאווסקא“, 1848, נר. 128, געווען אזעלכע: די דעמאָנסטראנטן האָבן זיך פארזאמלט ביים בנין פון דער יידישער קהלה און געפאָדערט אראָפּצונעמען דעם כשר־פלייש־שטייער און באזייטיקן ל. טאָרבען פון דער גמינע־אָנפירונג. טאָרבע און זיינע אָנהענגער האָבן נישט געוואָלט נאָכ־

81 „דזשענניק פּאָליטיטשני“, נר' 35, 1848.

מ. באַלאַבאַן אין זיין „געשיכטע פון די יידן אין קראָקע“, 2-טער באַנד, זייט 680, שרייבט נישט ריכטיק צו די איניציאַטיוו פון קאַמף קעגן כשר-פלייש שטייער דער אינטעליגענץ, וועלכע איז געווען גרופּירט אַרום דער „טעמפּל-געזעלשאַפט“. ווי מיר זעען, איז דער פאַקטישער אָרגאַניזאַטאָר פון די מאַסן-אַרויסטרעטונגען געווען מייזעלס.

82 „יוטזשענקא“, נר' 44, 20.5.1848.

געבן די פאָדערונגען פון די פאָלקס־מאסן, זענען געלאָפן אין „שלאָס" אריין, און האָבן גערופן צו הילף דאָס עסטרייכישע מיליטער. הרב מ״ר זעלם האָט זיך געווענדעט צו די רעאקציאָנערע דאָזאָרעם מיט אָט די ווער־טער: „געדענקט, היינט איז נישט די צייט פון דראָען דעם פאָלק, היינט דאַרף מען אויפקלערן דעם פאָלק". דער ווייטערדיקער פאַרלויף פון דער דעמאָנסטראַציע ווערט אזוי געשילדערט אין דער „יוטזשענקא" נר. 46, פון 23־טן מאי:

„...דאָס קעגנשטעלן זיך דעם ווילן פון פאָלק מצד איינעם פון די מיטגלידער פון דעם אלטגלויביקן־קאָמיטעט איז נעכטן שיר נישט געוואָרן די סיבה פון בלוטיקע געשעענישן. איינער פון די קאַזש־מיערזש־סוחרים, שוין אן עלטערער מענטש, וועמען ס׳איז, ווי עס זעט אויס, שווער געווען צוצוגעווינען זיך צו די ענדערונגען פון אונדזער תקופה, מיינענדיק סתם, אז יעדער קהלה־שטייער האָט א שייכות מיט פאָליטישן גלויבן, וועלכן מע טאָר נישט בשום־אופן אָנרירן, האָט זיך געזאָלט קעגנשטעלן דעם אָפּשאפן פונעם דער־מאָנטן שטייער. ווי נאָר עס האָט זיך וועגן דעם פארשפרייט די שמועה,(אז א געוויסער דאָזאָר דערלאָזט נישט אָפּשאפן דעם שטיי־ער — א. ק.), האָבן גרויסע מאסן יידן זיך פארזאמלט פאר זיין געשעפט און פארלאנגט, ער זאָל זיך פארענטפערן פאר דעם קעגנ־שטעלן זיך איינער קעגן דעם כלל. ווען דער דערמאָנטער סוחר האָט אָבער נאָך מער אויפגערעגט דאָס פארזאמלטע פאָלק מיט זלזולים, האָט מען קעגן אים אָנגעווענדט ביי די קריסטן ביז איצט א נישט באקאנטן מין שטראָף — אָפּריכטנדיק זיין פירמע א לוויה, דהיינו, מע האָט אויפגעהאָנגען די אראָפּגעריסענע שילד פון זיין גע־וועלב אויף א מיטה און זי ארומגעטראָגן פייערלעך איבער אלע גאסן, זאמלענדיק אויפן וועג נדבות פאר דער נשמה זיינער (צדקה תציל ממות־געלד — א. ק.) און אויף דעם בית־עולם האָט מען דעם „מת" געזעגנט מיט א חוזקדיקער הספד־דרשה".

און די „יוטזשענקא" ענדיקט אזוי:

„דאָס פאָלק פון קאַזשימיערזש האָט געוויזן, אז עס פארשטייט זיין שטעלונג, און אז אין הסכם מיטן גייסט פון דער צייט מאכט עס א סוף צו זיין אונטערדריקונג און דערנידעריקונג און, ענדלעך, אז די לעצטע ביישפילן פון די אויפגעקלערטע פעלקער זענען ביי אים נישט געגאנגען לאיבוד".

אין אָט די לעצטע ווערטער גיט דער אָרגאַן פון דער קראָקעווער דעמאָקראַטישער באַוועגונג אָנצוהערן, אז אין דער יידישער מאַסן־דע־

מאַנסטראַציע דאַרף מען נישט זען קיין אַפּגעזונדערטן יידישן אַקט, נאָר ס'איז אַ באַווייז, אַז די שטרעבונגען צו דעמאָקראַטישע פרייהייטן זענען נישט אַפּגעטייט געוואָרן ביי די פאָלקס־מאַסן. דאָס זענען אָבער געווען נאָר פאַראיינצלטע פאַלן. אין אַלגעמיין האָט איצט, אין רעזולטאַט פון די פריער אָנגעגעבענע סיבות, געהערשט אַ פּאָליטישע דעזאָרגאַניזאַציע אין קראָקע.

ביי אַזאַ פּאָליטישער אַטמאָספער האָבן געדאַרפט פאָרקומען די וואַלן צום ערשטן עסטרייכישן פּאַרלאַמענט, צו וועלכן קראָקע האָט געקאָנט שיקן 4 דעפּוטאַטן. צו די וואַלן פון די עלעקטאָרן איז דורך קיין שום גרופּירונג נישט געוואָרן אַרויסגעשטעלט וועלכע נישט איז פּאָליטישע פּלאַטפאָרם. די צייטונג „יוטזשענקאַ“, וואָס איז אָנגעגאַנגען פאַרן אָר־גאַן פון די ליבעראַלן און דעמאָקראַטן, שרייבט אין דעם לייט־אַרטיקל, געווידמעט די וואַלן פון די עלעקטאָרן, צוו. אַנד. אַט וואָס:

„איבערמאָרגן וועלן מיר זיך שטעלן ווילן הונדערט און עט־לעכע צענדליק ערלעכע מענטשן, נישט וויכטיק צו וועלכער פּאַרטיי זיי געהערן. אויב איר מיינט, אַז ביי אונדז עקזיסטירן נאָך אָדער שוין פּאַרטייען; ערלעכע מענטשן קאָנען איצט נישט געהערן צו קיין שום פּאַרטיי, ווייל מיר האָבן נישט איצט קיין ענטוויקלטע פּאָ־ליטיש לעבן“.[83]

די ליבעראַלע און דעמאָקראַטישע טוער האָבן פון ערשטן טאָג אָן פון דער רעוואָלוציע אויסגעלאָזט דעם גרעסטן טייל פון זייער ענערגיע איינצושטעלן אַ שלום צווישן די פּויערים און דער שליאַכטע, ווייל, ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט, האָבן זיי געזען די מעגלעכקייט פון אַ נצחון פונעם אויפשטאַנד נאָר דעמאָלט, ווען ער וועט האָבן די אונטערשטיצונג גלייכצייטיק פון גאַנצן פאָלק. צוליב דער פאַרשטאַרקונג פון דער פער־פידער אַגיטאַציע מצד די אָקופּאַנטישע באַאַמטע, וועלכע האָבן אויס־געניצט דאָס אָפּשאַפן דורכן קייזער די פאַנשטשיזנע ווי אַן אַגיטאַציע־מיטל צווישן די פּויערים, כדי צו פאַרוואַנדלען זיי אין געטרייע און דאַנקבאַרע אונטערטאַנער פון קייזער,[84] האָבן די ליבעראַלע און דעמאָ־

---

[83] „יוטזשענקאַ“, נר' 63. 1848.

[84] אַ סך ייִדן אין די דערפער האָבן גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דעמאַס־קירן די אַגיטאַציע פון די אָקופּאַנטן־באַאַמטע. אַזוי שיקט אַריין דוד זייפער (איינוווינער פון דאָרף קוניץ) אַ מעלדונג אין דער רעדאַקציע „יוטזשענקאַ“, אַז דער צירקול־באַאַמטער האָט צונויפגערופן די פּויערים און זיי געהעצט קעגן די פּריצים, וועלכע גרייטן צו אַ רעוואָלוציע. („יוטזשענקאַ“, נר' 148). יצחק שפּיראָ

קראַטישע קרייזן אַרויסגעשטעלט ווי אַ הויפּט־לאָזונג צו די וואַלן די „נאַציאָנאַלע אחדות". זיי האָבן אַרויסגעלאָזט אַן אַנאָנימען רוף, אַדרעסירט „צו די ליבע ברידער פּויערים", אין וועלכן עס ווערן אַרויסגערוקט די פאָלגנדיקע הויפּט־טעזן:

1) די פּויערים, שטאָטישע בירגער, פּריצים, פּירשטן, יידן — האָבן אַ געמיינזאַמען אינטערעס אין פאַרקלענערן די שטייערן און פאַרביליקערן די מלוכהשע פּראָדוקטן, ווי זאַלץ א. א.

2) דאָס באַאמטנטום דערלאָזט נישט פאַרקלענערן די שטייערן און דעם צאָל צוליב דער מורא, אַז דאָס וואָלט הערפירט צו אַ רעדוקציע פון די צאָל באַאַמטע.

3) נאָך דער ליקווידאַציע פון דער פּאַנשטשיזנע זענען די פּריצים גלייך מיט די פּויערים און האָבן מיט זיי געמיינזאַמע אינטערעסן. דעריבער דאַרפן די פּויערים האָבן צוטרוי צו די פּריצים, וועלכע קאָנען מיט זייער בילדונג און פאַרשטאַנד אַ סך אויפטאָן פאַר דעם געמיינזאַמען וווּל.

אין דעם אַלגעמיינעם טאָן פון אויפרוף איז צו זען, אַז די מחברים האָבן זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צו שאַפן אַ „בורג־פרידן" צווישן די פּויערים און דער שליאַכטע.

וואָס נוגע דער וואַלן־פראַגע גופא, האָבן זיי געוואָלט ווירקן אויף די פּויערים, זיי זאָלן וויילן פאַר דעפּוטאַטן די שטאָטישע אינטעליגענץ און פּריצים. די הויפּט־סכנה האָבן זיי געזען אין דעם, אַז די פּויערים קאָנען אַמאָל וויילן פאַר דעפּוטאַטן באַאַמטע פון אָקופּאַנטישן אַפּאַראַט. די מחברים פונעם אויפרוף האָבן אויך נישט געוואָלט זען פּויערים פאַר דעפּוטאַטן מחמת מורא, אַז זיי וועלן זיך לאָזן אויסנוצן דורך דער אָקופּאַנטישער מאַכט. אין אַן ענלעכן גייסט איז געוואָרן אַרויסגעגעבן אַן אויפרוף אין דער יידישער שפּראַך אונטער דעם קעפּל: „לאחינו בני ישראל היושבים בכפרים" (צו אונדזערע ברידער, וואָס וווינען אין די דערפער), אין וועלכן עס ווערט צוו. אנד. פעסטגעשטעלט, אַז:

1) אין דעם רייםן אַזוי פיל שטייערן זענען שולדיק די באַאַמטע, זיי לאָזן נישט אָפּשאַפן אַ טייל שטייערן, ווי פּאַכט־שטייער און ענלעכע,

---

גיט איבער דעם פּאָליציי־ריכטער, אָזאָרסקי, וועגן אַ בריוו, וואָס עס האָט אַריינגעשיקט דער דעפּוטאַט סטאַריץ צו דעם פּויער באַרטלאָמעי פּאָדראַזאַ, אין וועלכן דער דעפּוטאַט גיט איבער וועגן דער בלוט־פאַרגיסונג, וואָס עס קומט פאָר אין ווין, און פאָדערט אויף די פּויערים, זיי זאָלן זיך האַלטן אַזוי גוט, ווי בעת דער רעוואָלוציע פון יאָר 1846 טריי דעם קייזער. „יוטזשעגקאַ", נר' 174).

מורא האָבנדיק, אַז דורך דעם פּאַרקלענערן די שטייערן וועט אָפּגעשאַפט ווערן אַ טייל פון די באַאמטע.

2) עס איז נייטיק, אַז אַלע קלאַסן זאָלן זיין ביי איין דעה לטובת הכלל.

3) די פּריצים האָבן געשענקט די פּאַנשטשיזנע און שלום געמאַכט מיט די פּויערים און אויך מיט די יידן. אין דעם נייעם פּאַרלאַמענט וועלן די פּריצים זיין דערפאַר, מע זאָל די יידן געבן פרייהייטן, ווי למשל, פּאַכטן די שענקען און אַנדערע פּרנסות.

4) די יידן קאָנען געהאָלפן ווערן, ווען אַלע מענטשן וועלן זיך פאַראייניקן.

5) נאַרישע מענטשן זאָגן, אַז די פּריצים ווילן אָפּנאַרן די יידן און די פּויערים, כדי זיי צו געווינען קענען דעם קייזער. אָבער עס איז נישט אמת, ווייל די פּריצים האָבן זיך אַליין געווענדעט וועגן דעם, אַז זיי ווילן שענקען די פּאַנשטשיזנע, נאָר זיי האָבן עס נישט געוואָלט טאָן אָן דעם ווילן פון קייזער.

6) די אויפגאַבע פון די יידן אין דאָרף איז מיטצווווירקן, עס זאָל זיין שלום צווישן די פּויערים און פּריצים.[85]

---

[85] ס'איז פאַראַן צווישן די יידישע בירגערלעכע היסטאָריקער אַ מיינונגס-פאַרשיידנקייט וועגן דעם, ווער עס זענען די מחברים פונעם רוף „לאחינו בני ישראל היושבים בכפרים". מאיר באַלאַבאַן שרייבט („היסטאָרישע שריפטן" ב' 1, ייוו"א אויסגאַבע 1929, ז' 739), אַז דעם רוף האָבן אַרויסגעלאָזט די פּריצים, ווייל זיי האָבן געציטערט, אַז די פּויערים זאָלן זיך נישט וואַרפן אויף זייערע מאַיאָנטקעס, אַזוי ווי אין יאָר 1846. אין זיין בראָשור „זשידזשי וו פּאָווסטאַניו 1863", 1938, שרייבט באַלאַבאַן צו דעם אויפרוף דעם לוואָווער „נאַציאָנאַל-ראַט". יעקב שאַצקי ווידער („געשיכטע פון יידן אין וואַרשע", ב. 2, ייוו"א, 1948, ז' 232), שרייבט צו דעם אויפרוף מייזעלסן, אָבער ער גיט נישט אָן פון וואַנען ער האָט עס גענומען. שאַצקי שרייבט, אַז ער האָט געזען דעם אויפרוף אינעם אַרכיוו פון די בלאָמבערגס, (מחותנים פון מייזעלסן). ער איז איבערגעגאַנגען צום פּראָפּ. אשכנזי. און עס האָט זיך אויף אים געפונען אַ באַמערקונג, אַז מייזעלס איז דער מחבר. בכן דאַרפן מיר אָננעמען מייזעלסן פאַר דעם מחבר, הגם די שפּראַך-טער-מינען פונעם רוף, זענען נישט קיין ענלעכע צו די שפּראַך-טערמינען פונעם רוף, וואָס מייזעלס האָט אַרויסגעלאָזט אין 1861 יאָר, למשל, אינעם רוף „לאחינו בני ישראל היושבים בכפרים" ווערט באַנוצט לגבי די פּויערים, דער טערמין „עובדי אדמה" און אינעם רוף „אחינו בני ישראל יושבי ארץ פולין", ווערט באַנוצט דער טערמין „איכרים". דאָקעגן איז כדאַי אָפּצושטעלן זיך אויף דעם, וואָס שאַצקי שטעלט נישט בלויז פעסט, אַז אויף דער פּויערים-פראַגע האָט זיך מייזעלס „לגמרי נישט פאַרשטאַנען" (וועגן דעם וועלן מיר וויטער שרייבן),

אחוץ דעם הויפט־קאמף וועגן געווינען די פּויערים, וואָס האָט זיך פאַרשטאַרקט אין צוזאַמענהאַנג מיט די וואַלן, האָבן די טוער פון גע־וועזענעם נאַציאָנאַלן קאָמיטעט אין קראָקע זיך באַמיט צו באַאיינפלוסן די עלעקטאָרן פון קראָקעווער וואַל־קרייז, זיי זאָלן אויסוויילן פאַר דע־פּוטאַטן די געוועזענע מיטגלידער פונעם פאַנאַנדערגעלאָזטן נאַצ. קאָ־מיטעט. דער אויסוואַל האָט געדאַרפט דעמאָנסטרירן פאַר דער אָקופּאַ־ציע־מאַכט, אַז די באַפעלקערונג האָט דעם פולן צוטרוי צום געוועזענעם נאַצ. קאָמיטעט און איז אַנטשיידן קעגן דעם פאַנאַנדערלאָזן אים. בכלל האָט דאָס וויילן די געוועזענע מיטגלידער פון נאַצ. קאָמיטעט פאַר דע־פּוטאַטן געדאַרפט זיין אַ דעמאָנסטראַציע קעגן די אַרויפגעצוווּנגענע קאַפּיטולאַציע־באַדינגונגען בעת די געשעענישן פון 26־טן אַפּריל. די אַרויסגעשטעלטע קאַנדידאַטן זענען געווען:[86] יוזעף קשיזשאַנאָווסקי (געוו. פּאָרזיצער פונעם נאַצ. קאָמיטעט), קאַראָל לאַנגע (געוו. סעקרעטאַר פו־נעם נאַצ. קאָמיטעט), אַדאַם פּאָטאָצקי און הרב מייזעלס.

די ערשטע דריי קאַנדידאַטן זענען געוואָרן אויסגעוויילט, אָבער הרב מייזעלס, וואָס האָט קאַנדידירט אין צווייטן רעוויר, וווּ דער רוב עלעקטאָרן זענען געווען יידן, איז דורכגעפאַלן. ס'איז אויסגעוויילט גע־וואָרן זיין קאָנטר־קאַנדידאַט דער משומד יוזעף יאַקובאָווסקי.[87] ווען מיר

נאָר אויך, אַז „אין זייַנע אויגן זענען די פּריצים געווען די אמתע פּאָליאַקן, דאָס איבעריקע — סתם פאָלק". ס'איז גענוג זיך צו באַקענען מיט מייזעלס אַרויס־טריט קעגן סאַפּיעהאַ. כדי זיך צו איבערצייגן, אַז מייזעלס האָט געזען אין דער שליאַכטע נישט די „אמתע פּאָליאַקן" נאָר בלויז אַ שטאַנד פון פאָלק, וועלכער איז צוליב די אייגענע אינטערעסן פעיק צו פאַראַטן די אינטערעסן פון פאָלק. מיר מיינען אַזוי אַרום, אַז דער רודף־שלומדיקער אינהאַלט פונעם רוף „לאחינו בני ישראל היושבים בכפרים" איז אַ רעזולטאַט פון דער פאַלשער און נישט קאָנסעק־ווענטער אייַנשטעלונג פון די דעמאָקראַטן אין גאַליציע אין יאָר 1848.

[86] וויקטאָר קאָפּף, ד. צ. וו. ז' 125—126.

[87] ס'איז כדי אונטערצושטרייכן, אַז דער אויסוואַל פון יאַקובאָווסקין האָט אַרויסגערופן צופרידנקייט ביי דעם אולטראַ־רעאַקציאָנער וויקטאָר קאָפּף, וועל־כער איז געווען זייַנער אַ נאָענטער באַקאַנטער. מיר באַגעגענען יאַקובאָווסקין און וויקטאָר קאָפּף ווי דעלעגאַטן פון די שטאָטישע מלוכה־באַאַמטע, נאָך די געשעע־נישן פון 26־טן אַפּריל, צום גענעראַל שליק (וואָס האָט איבערגענומען, נאָך דעם פאַרווונדעטן גענעראַל קאָסטיליאָנע די מאַכט איבער דער שטאָט), ווען זיי האָ־בן געבעטן, ער זאָל נישט באַשולדיקן אין אַנטי־רעגירונגס־אַרויסטרעטונגען בעת די געשעענישן פון 26־טן אַפּריל, אַלע באַאַמטע, ווייל עס זענען געווען אַזעלכע

געמען אין באטראכט, אז קיין שום פראָמינענטער יידישער דעמאָקראַטישער טוער פון קראָקע, ווי למשל, יוזעף עטינגער, יונתן וואַרשעווער (דער לעצטער האָט פאַרעפנטלעכט אַ דערקלערונג אינעם „דזשעננניק פּאָליטיטשני", נר. 35, אַז עס איז נישט אמת, ער זאָל האָבן מסכים געווען צו קאַנדידירן), האָט נישט אַרויסגעשטעלט זיין קאַנדידאַטור קעגן מייזעלסן, — מוזן מיר פעסטשטעלן, אַז די סיבה פון מייזעלס דורכפאַל איז געווען נישט העכער, וואָס ער איז געווען פאַר די עלעקטאָרן צו ווייניק דעמאָקראַט און פּאַטריאָט, נאָר וויל זיי, די עלעקטאָרן, האָבן געהערט צו דער קהלה־קליקע, וועלכע איז געווען פאַרבונדן מיט דער פעאָדאַלער שליאַכטע און מיט די רעאַקציאָנערע פּאַטריצער־משפחות אין דער יידישער סביבה. בפרט זענען קעגן מייזעלסן געווען די חסידים־עלעקטאָרן, וועלכע האָבן אים — ווי מיר האָבן שוין באַוויזן אין ערשטן קאַפּיטל — בכלל געהאַסט און נאָך מער איצט, נאָך זיין אָרגאַניזירן די דערמאָנטע פאָלקס־דעמאָנסטראַציע קעגן זייערע דאָזאָרעס.[88] אויך די עקסטרעמע אַסימילאַטאָרן זענען געווען קעגן מייזעלסן, אויף וואָס עס קאָן עדות זאָגן די ווענדונג, וועלכע אַ טייל עלעקטאָרן פון צווייטן ראַיאָן האָבן פאַרעפנטלעכט נאָך די וואַלן צו די אויסגעוויילטע דעפּוטאַטן פון קראָקע. עס זאָגט זיך דאָרטן צוו. אַנד.:

באַאַמטע, וואָס האָבן פּינקטלעך אויסגעפירט זייער אַרבעט. (פון די אויבן ציטירטע זכרונות פון פרידעריק העבל, ז' 166).

אויך אין זיין טעטיקייט אין פּאַרלאַמענט האָט יאַקובאָווסקי זיך אַרויסגעוויזן, פאַר אַ צו שוואַכן קעמפער פאַר דער דעמאָקראַטיע, ווי ס'איז צו זען פון די דערמאָנטע זכרונות פון פ. העבעל, ז' 209 און פון דעם ציטירטן ווערק פון וויקטאָר קאָפּף, ז' 131, וועגן יאַקובאָווסקיס אַנטלויפן פון ווין בעת עס זענען פאָרגעקומען די רעוואָלוציאָנערע קאַמפן, דעם 21-טן סעפּטעמבער, ווי אויך וועגן יאַקובאָווסקיס פאַרלאָזן די זיצונגען פון פּאַרלאַמענט, ווען עס זענען געשטעלט געוואָרן צו אָפּשטימונג וויכטיקע פּאָליטישע פראַגן אין קאַמף קעגן דער פאַרפאַרשטאַרקטער רעאַקציע. זע: „יוטזשענקאַ" נר' 204, און „דזשענניק" פון פראַנציזשעק סמאָלקאַ, 1848—49, לוואָוו, 1913, ז' 142.

[88] די אויבן דערמאָנטע ידיעה וועגן מייזעלסן ווי דעם אָרגאַניזאַטאָר פון דער מאַסן-דעמאָנסטראַציע קעגן טאָרבען איז געוואָרן פאַרעפנטלעכט אין פאָרם פון אַן אַרטיקל אין „דזשעננניק פּאָליטיטשני" אַ טאָג פאַר דעם צונויפקומען זיך פון די עלעקטאָרן אויסצוויילן די דעפּוטאַטן, דאָס הייסט, מיט אַ בפירושער כוונה אויפצוהעצן קעגן מייזעלס קאַנדידאַטור די רעאַקציאָנערע עלעקטאָרן. עס ווייזט אָבער אויס, אַז מייזעלס פּאָפּולאַריטעט צווישן די פאָלקס-מאַסן אין קראָקע איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז די רעדאַקציע האָט זיך באַלד אויף צו מאָרגנס געמוזט אַנטשולדיקן פאַר אָפּדרוקן דאָס אַרטיקל.

„מיר האָבן זיך באמיט איז דעם צווייטן רעוויר קודם־כל (אונטערגעשטראָכן דורך מיר — א. ק.), אז מיר זאָלן מיט אונדזער אויסוואל נישט איבערוועגן די מיינונג פון אונדזערע קריסטלעכע ברידער און געשטימט אזוי, אז אלע בירגער זאָלן זיין צופרידן...".

און ווייטער זאָגט זיך דאָרטן:

„מיר ריידן צו אייך נישט ווי יידן, נאָר ווי פּאָליאַקן, ווייל פּרי־ער האָט אונדז די פּוילישע לופט ארומגענומען, איידער מיר האָבן אָנגענומען וועלכע עס איז פאָרם פון א רעליגיע".[89]

פון דער ווענדונג איז צו זען, אז די מחברים זענען זיך פאנאנ־דערגעגאנגען מיט מייזעלסן אינעם אויפפאסן דעם מהות פון נאציאָ־נאלן פּאטריאָטיזם פון א פּוילישן בירגער א ייד. מייזעלס האָט געהאלטן, אז יידישקייט שטערט אים נישט צו זיין א פּוילישער פּאטריאָט, און ממילא קאָן ער פאַרטרעטן די אלגעמיינע אינטערעסן פון פּוילישן פאָלק, ווייל זיי טיילן זיך נישט אויף יידישע און נישט־יידישע פראגן. אויפן באָדן פון אזוי פארשטיין די פּוילישע נאציאָנאלע אינטערעסן קאָן און דאָרף, לויט זיין מיינונג, פאַרקומען די פּויליש־יידישע פארברידערונג. דאקעגן די מחברים פון דער ווענדונג, וועלכע זענען אויך געווען מיט־גלידער פון דעם עלעקטאָרן־באשטאנד, האָבן געהאלטן, אז די פּויליש־יידישע פארברידערונג קאָן באקומען איר בעסטן אויסדרוק נאָר אין דעם, וואָס די יידן וועלן שיקן ווי זייערן א פארטרעטער א ייד לויטן אָפּשטאם און א קריסט לויט דער רעליגיע. אָט די מיינונגס־פארשידנקייטן האָבן דעצידירט ביי א טייל עלעקטאָרן אָפּצוּוואַרפן מייזעלס קאנדידאטור ביי די איצטיקע פארלאמענט־וואלן.

דער אויסגאנג פון די וואלן פונעם 14־טן יוני אין צווייטן רעוויר איז אלענפאלס א באווייז פון פּאָליטישער דעזאָרייענטאציע אין דער יידי־שער געזעלשאפט אין קראָקע. אָט די אָפּשוואכונג פון פּאָליטישער אקטי־וויטעט האָט דערפירט צום אראָפּקייקלען זיך צו קליינלעכע רעליגיעזע קאמפן, וועלכע קומען צום אויסדרוק אין די פאָלגנדיקע פאקטן: דעם 26־טן יולי 1848 האָט די „יידישע געזעלשאפט פאר וויסנשאפטלעכער הילף" (וואָס אין איר שפּיץ זענען געשטאנען: מאוריצי קשעפּיצקי, יוזעף עטינגער און יונתן ווארשעווער) געעפנט א שול פאר דערוואַקסענע, וועל־כע האָט ארויסגעוויזן ווייטגייענדיקע אסימילאטאָרישע טענדענצן, ווי

---

[89] זע „יוטשעָנקא", נר' 68.

למשל, דער פאקט פון אנגאזשירן גלחים פאר לערער.[90] הרב מייזעלס איז ארויסגעטרעטן אין עפנטלעכע דרשות קעגן דער שול און אין זיין קאמף קעגן רעליגיעזע רעפארמען דערגאנגען אזוי ווייט, ביזן ארויסטרעטן אפילו קעגן ענדערן די יידישע הלבשה. עס אנטשטייט דעריבער צווישן מייזעלסן און די איבעריקע יידישע דעמאקראטישע און ליבעראלע טוער א תהום, וועלכער האט זיכער נישט געהאלפן דער מאביליזירונג פון די יידישע פאלקס־מאסן צום קאמף קעגן אקופאנט. אבער די יידישע פאלקס־מאסן האבן, נישט געקוקט אויף דעם טעראר מצד דעם אקופאנט, נישט איינמאל ארויסגעוויזן זייער קאמפס־גרייטקייט אין משך פון 1848־טן יאר. פון צווישן די פילמאליקע ספאנטאנישע קאמפס־ארויסטרעטונגען פון די יידישע פאלקס־מאסן אין קראקע איז כדאי צו דערמאנען דעם פאקט, וועלכן ס'גיט איבער די „יוטזשענקא" פון 19־טן סעפטעמבער 1848. די קראקעווער באפעלקערונג האט געהאט אויסצושטיין מצד דעם סטאציאנירנדיקן עסטרייכישן מיליטער כסדרדיקע שיקאנעס און חוצפהדיקע אנגריפן אפילו נאכן פארמעלן אראפנעמען דעם באלאגערונגס־צושטאנד אין דער שטאט. ספעציעל איז אויסגעקומען צו ליידן דער קוזמירער יידישער באפעלקערונג, וועלכע האט זיך פון צייט צו צייט אפגערעכנט מיט די כוליגאנישע סאלדאטן. איינעם דערמאנטן נומער „יוטזשענקא" ווערט געשילדערט אזא קאמף:

„זונטיק, 8 אזייגער אין אָוונט זענען עטלעכע זעלנער אריינגעפאלן אין א שענק אין דעם יידישן קווארטאל און, לויט זייער שטייגער, געוואָלט צורויבן דאָס געלייזטע געלט פון א גאנצן טאָג. דער שענקער האָט זיך אנטקעגנגעשטעלט און נישט אָפּגעגעבן זיי דאָס געלט. וועלנדיק זיך נוקם זיין פאר דעם דורכפאל, האָבן די סאָלדאטן גענומען שלאָגן דורכגייענדיקע פרויען און זקנים. עס האָט זיך אנטוויקלט א פאָרמעלער קאמף, דער אָנגעקומענער מיליטער־פאטראָל האָט זיך אָפּגעטראָגן, ווי זייער שטייגער איז, כדי נישט צו דארפן שטערן זייערע קאָלעגן אין דער „ארבעט". די יידן האָבן באוויזן צו אנטוואָפענען צוויי סאָלדאטן.

אין עטלעכע מינוט ארום איז די אנטוואָפנטע אָנגעקומען צו הילף מחנות מיליטער פון פארט־פולק פון דער ארטילערישער אָפּטיילונג, און סיהאָט זיך אָנגעהויבן אן אמתע מלחמה. די יידן, באוואָפנט מיט שטיינער און אייזערנע פרענטן (וואָס דינען צו פאר־

[90] „יוטזשענקא", נר' 141, 1848.

מאכן די לאָדנס), האָבן געיאָגט די זעלנער ביז דער שטראָדאָם־בריק. די פאטראָלן, וועלכע זענען געשטאנען ביי דער בריק, האָבן כלור־מרשט ארעסטירט די זעלנער, אָבער זיי גלייך באפרייט. ערשט די אָנקומענדיקע אָפיצערן האָבן זיך געשטעלט ביי דער בריק, און די דורך די יידן געיאָגטע זעלנער זענען פארהאלטן געוואָרן.

די זעלנער, מורא האָבנדיק פאר א שטראָף, האָבן זיך געוואָרפן אויף די אָפיצערן, און ס'איז אויסגעבראָכן צווישן זיי א געשלעג. ערשט נאָכן ארעסטירן די זעלנער־כוליגאנעס האָבן די יידן איבערגעגעבן די אָפיצערן די באגנעטן, וועלכע זיי האָבן צו־גענומען ביי די זעלנער בעת דעם קאמף און וועלכע זיי האָבן לכתּחילה געהאט בדעה איבערצוגעבן דעם גובערנאטאָר, כדי דערמיט צו באווייזן און דעמאָנסטרירן קעגן די מעשים פון אָקופאנטישן מיליטער".

די ספּאנטאנישע מוטיקע קאמפן פון די יידישע פאָלקס־מענטשן זאָגן עדות וועגן די עקזיסטירנדיקע מעגלעכקייטן צו מאביליזירן דאָס פאָלק פארן קאמף פון נאציאָנאלער באפרייונג. צו דעם איז נייטיק געווען א רעוואָלוציאָנער־דעמאָקראטישע אָנפירערשאפט, וואָס האָט אָבער, ווי מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, דעמלט געפעלט.

קאפיטל זיבן

מייזעלס אויף דעם לינקן פליגל הארבסט 1848

אינעם פאריקן קאפיטל האבן מיר זיך באמיט אויפצוקלערן די לאגע אין קראקע אין דער ערשטער צייט פון דער קאנטר־רעוואלוציאנער אקציע מצד דער אקופאנטישער מאכט. די דאזיקע אקציע האט אפגעשוואכט די פאטריאטישע טעטיקייט און דערפירט צו פאליטישער דעזארגאניזאציע סיי אין דער יידישער און סיי אין דער נישט־יידישער געזעלשאפט און ממילא געהאט איר אויסווירקונג אויף מייזעלס טעטיקייט. איצט וועלן מיר איבערגיין צו באהאנדלען דעם פעריאד, ווען די רעאקציע פון כמעט אלע פעלקער, וועלכע האבן זיך געפונען אין דער עסטרייכישער אימפעריע, איז צוגעטרעטן צו א גענעראלער קאנטר־רעוואלוציאנערער אטאקע, און ווי אזוי דאס האט זיך פארגעשטעלט אין קראקע.

כדי זיך צו אריענטירן אין את דער געשאפענער לאגע און אין מייזעלס ראל אין את דער צייט, איז נייטיק, כאטש אין עטלעכע ווערטער, זיך אפצושטעלן אויף דער טעטיקייט פונעם קאנסערוואטיוון לאגער אין קראקע, בעת דעם רעוואלוציאנערן אויפשוואונג, ד. ה. אין דער ערשטער רעוואלוציאנערער צייט אין מערץ־אפריל 1848. די קאנסערוואטיסטן האבן זיך, לפנים, מיטבאטייליקט אין דער פאטריאטישער באוועגונג (כדי זי צו דעמאראליזירן), און נאך די געשעענישן פון 26־טן אפריל האט זיך זיי אפילו איינגעגעבן איבערצונעמען פארמעל די פארשטייערשאפט פון דער קראקעווער באפעלקערונג, ווי, למשל, ביים „משפטן" זיך ביי דער צענטראל־עסטרייכישער רעגירונג מיט אנקלאגעס קעגן דער קראקעווער מיליטערישער און אדמיניסטראטיווער מאכט. אזוי ארום איז די קאנסערוואטיסטן געלונגען אויסצוברייטערן זייערע איינפלוסן. אבער אין יענער צייט האבן זיי נאך נישט געוואגט ארויסצוטרעטן עפנטלעך פאר שלום מאכן מיטן אקופאנט און פאר מיטארבעטן מיט אים, ד. ה.

נישט געוואגט אנצוהייבן אין עפנטלעכע אטאקע קעגן דער נאציאנאל־רעוואָלוציאָנערער באוועגונג.

אין די ערשטע טעג פון אָקטאָבער האָט זיך די פּאָליטישע לאגע אין דער עסטרייכישער אימפּעריע ראדיקאל געענדערט. מיט דער דערקלערונג פון דער עסטרייכישער רעגירונג, אַז זי איז אין קריגס־צושטאנד מיט אונגארן, האָט זיך אָנגעהויבן אַן אָפענסיווע פון דער מיליטערישער רעאקציע קעגן דער רעוואָלוציע. אין די ערשטע טעג פון נאָוועמבער האָט זיך אָנגעהויבן אַ גענעראל־אטאקע. גענעראל ווינדישגרעץ האָט דעראָבערט ווין, און האמערשטיין האָט באָמבארדירט לוואָוו. אין דער צייט האָט אויך דער פּוילישער רעאקציאָנערער און קאָנסערוואטיווער לאגער באשלאָסן איבערצוגיין צו אַן אָפענעם אָנגריף קעגן די דעמאָקראטישע און ליבעראלע כוחות אויפן אידעיש־פּאָליטישן באָדן. אזוי האָט דער גאליציאנער מאגנאט לעאָן סאפּיעהא אָנגעהויבן מאָנטירן די „טאָוואזשיסטוואָ פּאָליטיטשנאָ־דעמאָקראטיטשנע” („פּאָליטיש־דעמאָקראטישע געזעלשאפט”). די נייע געזעלשאפט האָט געשטעלט פאר זיך די אויפגאבע — אונטער שיין־קלינגעוודיקע פראזן וועגן אויסקעמפן אויטאָנאָמיע פאר גאליציע און וועגן בילדונג פארן פאָלק — צו פּראָפּאגירן צווישן די פאָלקסמאסן די אידעע פון דער אזוי גערופענער עסטרייכיש־סלאווישער פעדעראציע. די אידעע האָט זיך באזירט אויף דער רעאקציאָנערער איינשטעלונג פון די קאָנסערוואטיווע פּאָליטיקער, אַז דער אויסגאנגפּונקט פאר דער ווידעראויפלעבונג פון פּוילן איז נישט דאָס שטיצן זיך אויף דעם באפרייונגס־קאמף פון די פעלקער, נאָר דאָס אָנשפּארן זיך אויף פארשיידענע דינאסטיעס. אין איינקלאנג מיט דעם האָט גאליציע געדארפט ווערן אַ מיטגליד פון אַ פעדעראציע, וועלכע וועט ארומנעמען אלע פעלקער, וואָס געפינען זיך אין דער עסטרייכישער אימפּעריע, אונטער דער ממשלה פון דער האבסבורגישער דינאסטיע (דער פּראָגראם פאר דער „פעדעראציע” איז געשאפן געוואָרן ביי דער מיטבאטייליקונג פון מארקגראף אלעקסאנדער ווילאָפּאָלסקי.[91]

אין קראָקע האָבן זיך געפונען די הויפּטטוער פון דער „עסטרייכיש־סלאווישער פעדעראציע”, ווי: אַנטאָני העלציעל, אדאם פּאָטאָצקי א. א. ספּעציעל האָט אין קראָקע פארשפּרייט זיין נעץ דער אגענט פון קאָנסערוואטיוון „האָטעל לאמבערט” (אדאם טשארטאָריסקיס רעזידענץ

[91] Wilhelm Feldman: „Dzieje polskiej myśli politycznej w okresie porozbiorowym“, tom I (do r. 1863). „Książka“, Kraków 1913, str. 299.

אין פּאריז), מאיאָר פאָרסטער, וועלכער האָט, אגב, נישט געשפּאָרט קיין מי צו געווינען מייזעלסן פאר דער פעדעראציע־אידעע.[92] א געלעגנהייט אָנצוהייבן דעם אידעיש־פּאָליטישן קאַמף קעגן די דעמאָקראטיש־ליבע־ראלע כוחות האָבן געגעבן די נייע צוגאָב־וואלן, וועלכע האָבן געדאַרפט פּאָרקומען אין קראָקע, דעם 17־טן נאָוועמבער. אויפן אָרט פון אָפּטרע־טנדיקן דעפּוטאט יוזעף קושיזשאַנאָווסקי האָט ארויסגעשטעלט זיין קאַנ־דידאטור דער פירער פון די קראָקעווער קאָנסערוואטיסטן אנטאָני העל־צעל. אין דער פּראָקלאמאציע, וואָס ער האָט ארויסגעלאָזט אונטערן נאָ־מען „גלאָס", איז ער ארויסגעטרעטן קעגן דעם רעוואָלוציאָנערן געדאַנק פון קאַמף קעגן אָקופּאנט און ברייט אנטוויקלט די פּלאטפאָרם פון דער „עסטרייכיש־סלאווישער פעדעראציע".[93]

אנטאָני העלצעל איז אויסגעוויילט געוואָרן כמעט איינשטימיק. די קאָנסערוואטיסטן האָבן אין דעם אויסגאַנג פון די וואלן געזען א סימן, אז זייער „פעדעראציע"־אידעע באהערשט א גרויסן טייל פון דער קראָ־קעווער באפעלקערונג. אדאם פּאָטאָצקי באשליסט אָפּן איבערצוגיין אויף דער זייט פון די „פעדעראליסטן" און רעזיגנירט פון זיין דעפּוטאטן־מאנדאט, כדי ארויסצושטעלן אויפסניי זיין קאנדידאטור אויף דער ליסטע פון דער „עסטרייכיש־סלאווישער פעדעראציע". אויך ד"ר יוזעף יאַקור־באָווסקי רעזיגנירט פון זיין מאנדאט. צוליב דעם זענען אויף דעם 21־טן דעצעמבער 1848 באשטימט געוואָרן אין קראָקע צוגאָב־וואלן אויסצווויילן דעפּוטאטן אויפן אָרט פון די אָפּטרעטנדיקע. מייזעלס האָט אויך איצט ארויסגעשטעלט זיין קאנדידאטור, האָבנדיק צוויי קאָנטר־קאנדידאטן: ד"ר עטינגער (א פירער פון דער דעמאָקראטישער ריכטונג און טוער פון דער „יידישער געזעלשאפט צו שטיצן די וויסנשאפט", וועגן וועלכער מיר האָבן אויבן געשריבן), וואָס זיין קאנדידאטור האָט ארויסגעשטעלט די „פּוילישע געזעלשאפט אויפצוהייבן דעם מאטעריעלן און מאָראלישן מצב פון די יידישע מיטבירגער", און אדאם פּאָטאָצקי דער קאנדידאט פון די פעדעראליסטן.

ד"ר עטינגער האָט פארעפנטלעכט זיין פּאָליטישע דעקלאראציע, וואָס האָט באקומען די פולע אפּראָבאטע מצד דער ליבעראלער „יוטזשענ־

---

[92] ראפּאָרט פון מאיאָר פאָרסטער צו אדאם טשאַרטאָריסקי פון 1848, 12 17, נר' 9. טעקע: 5364, כתב-יד געפינט זיך אין טשאַרטאָריסקים ביבליאָטעק אין קראָקע.

[93] זע: וועגן דעם אין „יוטזשענקא", נר"נר 198, 196, 195.

טא". אויך מייזעלס האָט אין זיין „וואָרט צו די עלעקטאָרן", וואָס ער האָט פאנאנדערגעטיילט צווישן די עלעקטאָרן, געבראכט צום אויסדרוק זיין פּאָליטישן קרעדאָ. ער האָט געשריבן צוו. אנד.:

„אזוי ווי איך באמי זיך אויך היינט צו געווינען אייער צוטרוי, וועלכן איר האָט מיר שוין א סך מאָל געשאָנקען, האלט איך פאר מיין חוב קורץ אָבער דעצידירט צו זאָגן אויף וואָס פאר אן אופן איך פארשטיי צו רעפרעזענטירן אייך אין דעם קרעמזירער סיים: איך וויל דאָרטן (זיין דער שליח) נישט בלויז פון די מיטגלויביקע, (וואָס זענען) די מערהייט פון מיינע וויילער, נאָר אויך א דעפּוטאט אין פולן זין פון דעם וואָרט.

פון דעם מאָמענט ווען איך וועל געניסן פון אייערע שטימען, וועל איך האָבן פאר מיינע אויגן נישט בלויז די ענינים פון מיינע מיטגלויביקע, נאָר גלייכצייטיק די זאך פון כלל, וועלכע איך וועל לויט מיין בעסטן איינזען אונטערשטיצן".

און ווייטער זאָגט מייזעלס אין זיין וואָרט אָט וואָס:

„אין הסכם מיט מיין אייגענער איבערצייגונג און דערלערנטער דערפארונג אָנרעקען איך, אז די צוקונפט פון אונדזער פּויליש פּאָטערלאנד ליגט נישט אויפן וועג פון געזעלשאפטלעכער צעפאלנקייט, נאָר זי קאָן ווערן פארזיכערט אויפן אָרגאנישן וועג. צוליב דעם וועל איך זיך שטענדיק האלטן ביי די פרינציפן און מענטשן, וועלכע וועלן צו דעם צולייגן א האנט. פארשטייענדיק די באדערפענישן פון דער מענטשהייט אין דעם איצטיקן פעריאָד פון איר איבערגעשטאלטונג, בין איך אן אויפריכטיקער אָנהענגער פון די פרייהייט־פרינציפן, פון דער פאנאנדערשפרייטונג פון די פּאָליטישע רעכט און פון דער מיטבאטייליקונג פון אלע בירגער אין די ענינים. און פונקט ווי אין מיין גאנץ לעבן, אזוי וועל איך אויך אין פארלאמענט פארטיידיקן די פרינציפן מיט דער גאנצער אויפריכטיקייט און געוואגטקייט לויט מיינע מעגלעכקייטן.

די פרינציפן באטראכט איך פאר עכט דעמאָקראטישע, וועלכע דערנידעריקן גאָרנישט, נאָר הייבן אויף אלץ העכער, טוען נישט בלויז צעשטערן נאָר שטעלן אויף א נייע געביידע און קאָנסאָלידירן זי מיט עכטער ליבע. אין נאָמען פון אָט די דאָזיקע פרינציפן וויל איך זיין דעפוטאט. די מיטלען זיי צו דערגרייכן וועלן ארויסדרינגען פון דער אנטוויקלונג פון די באדינגונגען".[94]

[94] היסטאָרישע שריפטן, 1-טער באַנד, ייוו"א, ווארשע, 1929, ז' 738.

דער אויסגאנג פון די וואלן איז געווען: פון די אפגעגעבענע 57 שטימען האט מייזעלס באקומען 31, אדאם פאטאצקי — 13, יוזעף עטינגער — 12 און דער געוועזענער דעפוטאט יאקובאווסקי — 1 שטימע. אין צוזאמענהאנג מיטן אויסגאנג פון די וואלן איז די „יוטזשענקא" ארויס מיט צוויי לייט־ארטיקלען (אין די נומערן 221 און 222), וועלכע האבן שארף אטאקירט מייזעלסן. דער עיקר ווערט אנגעגריפן מייזעלס „וואָרט" צוליב זיין דערקלערן זיך פאר אן אנהענגער פון „ארגאנישן וועג" און „נישט צו שטערן". דער מחבר ווייזט אָן, אז אָט די אויסדרוקן פון מייזעלס „וואָרט" פאלן זיך צונויף מיט דער טערמינאָלאָגיע פונעם לייט־ארטיקל, וואָס איז מיט א טאָג פריער (ד. ה. פאר דעם פארעפנטלעכן דורך מייזעלסן זיין „וואָרט") דערשינען אין קאָנסערוואטיוון „טשאס", דער אָרגאן פון דער „עסטרייכיש־סלאווישער פעדעראציע". די פאָרווורפן פון דער „יוטזשענקא" קעגן מייזעלסן זעען אויס צו זיין וואָגיקע, און מיר וואָלטן זיי געדארפט נעמען גאנץ ערנסט, ווען נישט דאָס, וואָס דער טאָן און די פאָרם פון אטאקירן מייזעלסן דורך דעם מחבר פון די לייט־ארטיקלען רופן ארויס א פארדאכט, אז דער מחבר האָט זיך נישט באמיט צו פארשטיין מייזעלסן. אויסער די פערזענלעכע אנפאלן קעגן מייזעלסן לייענען מיר אין די דערמאָנטע ארטיקלען, צוו. אנד., אזעלכע זאצן:

„מיר זאָגן נישט, אז מייזעלס איז נישט קיין פאטריאָט, ווייל ווער וואָלט זיך היינט געוואָלט דערקלערן פאר נישט קיין פאטריאָט, ווען ס'איז אזוי לייכט מיט דעם איינעם וואָרט „איך בין", זיך פארזיכערן אכטונג ביי די מיטבירגער, נישט אויסשטעלנדיק זיך דורך דעם אויף פארפאָלגונגען מצד דער רעגירונג".

אין צווייטן לייט־ארטיקל לייענען מיר:

„די מערהייט פון די, וועלכע האָבן געשטימט פאר מייזעלסן, זענען צוגעוווינט צו סוחרישער ספעקולאציע. זיי האָבן זיך געלאָזט פארפירן דורך אילוזיעס, אז מע קאָן מאכן א שנעלן סוף צו דער איצטיקער סטאגנאציע דורך אונטערשטיצן אָן באדינגונגען די עקזיסטירנדיקע אדמיניסטראציע".

ווי מיר זעען, ווערט מייזעלס בכלל פארגעשטעלט אין דעם ארטיקל ווי א קעגנער פון באפרייונגס־קאמף, ווי אזא, וואָס זיינע אנהענגער זענען די באנקירן און סוחרים, וואָס שרעקן זיך פאר די קרבנות, וועלכע

זיי וואָלטן געדאַרפט ברענגען אין דעם נאַציאָנאַלן קאַמף. אַזעלכע פאַר־וואָרפן און פּערזענלעכע זלזולים קעגן מיזעלסן, וועלכער האָט שוין גע־האַט הינטער זיך יאָרן פון פּאַטריאָטישער טעטיקייט און האָט צוזאַמענ־געאַרבעט מיט די דעמאָקראַטן, וואָס דער מחבר פונעם אַרטיקל מוז אַליין מודה זיין.[95] גיבן אונדז דעם פולן יסוד אָנצונעמען, אַז די הויפּט־אַטאַקע איז געקומען נישט צוליב מיזעלס פּאָליטישער ליניע, נאָר ווי אַ פּועל־יוצא פון דער „רעליגיעזער מלחמה". ווי אַ באַפעסטיקונג פאַר אונדזער מיינונג קאָן נאָך דינען דער פאָלגנדיקער ציטאַט פון ערשטן לייט־אַר־טיקל:

„מייזעלס ווי דער אויסדריקער פון דער אלטער אָבערגלויביקער שול צווישן זיינע מיטגלויביקע, אין קאָנסעקווענץ פון זיין דענקען און אויפפירן זיך, מוז דאָך געווי אָפּהיטן די אלטע פאָרמען און זיך צובייגן גיכער צו די רעאקציאָנערן איידער צו די פאָרגעשרי־טענע".

אַבסטראַהירנדיק פון די „יוטזשענקאַ"־פאָרווורפן, שטייט פאַר אונדז די אויפגאַבע צו ענטפערן אויף דער פראַגע: צי האָט מייזעלס אין אַ געוויסן מאָמענט פּאַקטיש נישט אונטערגעהאַנדלט מיט די „פעּ־דעראַציע"־טוער?[96] דעם חשד רופט אַרויס נישט בלויז די צופרידנקייט פון „טשאַס" מיט מייזעלס געווילט ווערן, נאָר אויך דער ראַפּאָרט פון דערמאָנטן מאַיאָר פאָרסטער צו אַדאַם טשאַרטאָריסקי וועגן דעם קראָ־קעווער וואַל־אויסגאַנג, אין וועלכן ער שרייבט צוו. אַנד.:

---

[95] „. . . bo szczęśliwy kandydat choć niedawnemi jeszcze czasy do naszych przyznawał się zasad, dziś dla niewiadomych nam powodów, obóz nasz opuścił i jeżeli do nieprzyjacielskiego z całemi nie przeszedł jeszcze bagażami, to już bez żadnej wątpliwości bitym do niego śpieszy gościeńcem" . . . (Jutrzenka, Nr 222, z dnia 23. (XII.) 1848 r. Kraków).

[96] מע דאַרף געדענקען, אַז אַפילו אַ טייל ליבעראַלע טוער האָבן געבלאָנדזשעט אין דעם ענין פון סלאַווישן פעדעראַליזם. אָט וואָס עס שרייבט וועגן דעם אין זיינע זכרונות גענעראַל יוזעף וויסאָצקי:
„. . . Kwestya mianowicie słowiańska wielu w błąd wprowadziła, i nie jeden nawet z ludzi dobrej wiary pchany następstwami pierwszej zasady za daleko w niej zabrnął" . . .
(Pamiętnik Jenerała Wysockiego, Poznań 1850, str. 1).

„מייזעלס איז צוגעגרייט דורך מיר צו דער סלאָוויאַנשטשיז־נע־אידעע און אין פארלאמענט וועט ער שטימען אונטער אונדזער פאָן".[97]

אָבער אין ליכט פון אנדערע ידיעות, וועלכע ווערן געבראַכט אינעם זעלבן ראַפּאָרט קומען מיר צו דער איבערצייגונג, אַז ער קאָן נישט דינען ווי אַ באַגלייבטער מאַטעריאַל צו שטיצן זיך אויף אים. אין דעם זעלבן ראַפּאָרט שרייבט פאָרסטער וועגן סאַנאָצקין, וואָס האָט באַזיגט אין זיין וואַל־קרייז אַדאַם פּאָטאָצקין, אַז ער געפינט זיך אונטער דער ווירקונג פון די פעדעראַליסטן און וועט אין פּאַרלאַמענט שטימען מיט זיי. אין דער זעלבער צייט יובלט די „יוטזשענקאַ" מיט דעם אויסוואַל פון ד"ר סאַנאַצקי ווי אַ קעגנער פון דער „פעדעראַציע".[98] פון דעם איז צו זען, אַז פאָרסטער האָט פשוט געוואָלט זיך באַווייזן מיט זיינע דערגרייכונגען פאַר זיין ברויטגעבער אַדאַם טשאַרטאָריסקי און אויסגעטראַכט נישט באַ־גרינדעטע מיינונגען וועגן די פּאָליטישע איינשטעלונגען פון די מענטשן, וועגן וועלכע ער האָט געשריבן.

מייזעלס פּאָליטישע שטעלונג קאָנען מיר פעסטשטעלן ערשט אין ליכט פון די פאָלגנדיקע פאַקטן: אַנטאָני העלצעל שרייבט אין זיין בריוו צו אַדאַם טשאַרטאָריסקין דעם 22־טן דעצעמבער אָט וואָס: „אין איינעם פון די צוויי וואַל־קרייזן, אין וועלכע אַדאַם פּאָטאָצקי קאַנדידירט, וועט ער זיכער געווילט ווערן. ס'וואָלט גוט געווען, ווען ער זאָל קאָנען שלאָגן מייזעלסן".[99] פון דעם איז קלאָר, אַז דער הויפּט־פּראָפּאַגאַטאָר פון דער עסטרייכיש־סלאַווישער פעדעראַציע־אידעע, העלצעל, האָט געוווּסט, אַז אויף מייזעלסן קאָר די רעאַקציע נישט רעכענען. אַ באַשטעטיקונג דערפאַר, אַז העלצעל האָט ריכטיקער אָפּגעשאַצט מייזעלס פּאָליטישע איינשטעלונג ווי די „יוטזשענקאַ", קאָן אונדז דינען דער קליינער אָבער כאַראַקטעריס־טישער עפּיזאָד, וואָס עס גיט איבער י. מ. צונץ:

„ווען מייזעלס איז געקומען אין קועמזער פארלאמענט, האָט ער זיך אוועקגעזעצט אויף די לינקע בענק, ד. ה. צוזאמען מיט דער אָפּאָזיציע. דאָס אוועקזעצן זיך פון א רב אויף די לינקע בענק האָט ארויסגערופן א פארוואונדערונג. אויף דער פראגע פון אן עסטרייכישן מיניסטער: „און איר, הער ראבינער, צווישן די לינקע?" האָט מיי־

[97] ראַפּאָרט נר' 10 פון 26־טן דעצעמבער 1848. טשאַרטאָריסקי־ביבליאָטעק אין קראָקע, טעקע נר' 5364.

[98] יוטזשענקאַ, נר' 221, 1848.

[99] טשאַרטאָריסקים ביבליאָטעק אין קראָקע, טעקע 13/2360.

זעלס קורץ געענטפערט: „ווייל מיר, יידן, האָבן נישט קיין רעכט".[100]

אין די עטלעכע ווערטער האָט מייזעלס געבראַכט צום אויסדרוק זיין טיפסטן „אני מאמין", צו וועלכן ער איז געקומען אין דער „גרויסער וואָך" פון דער רעוואָלוציע אין יאָר 1846, דהיינו — אז רעכט און פרייהייט פאַר די יידן אין פוילן קאָנען דערגרייכט ווערן „נישט דורך אונטערשטיצן אָן באַדינגונגען די עקזיסטירנדיקע אַדמיניסטראַציע", ווי דאָס האָט אויף אים אויסגעטראַכט אַ בלבול די "יוטזשענקא", נאָר דורך שטעלן זיך אין אָפּאָזיציע צו איר און דורך באַקעמפן זי. דאָס באַרעכטיקט אונדז צו זאָגן, אַז נישט געקוקט אויף די ענלעכקייטן פון די טערמינען פון מייזעלס „וואָרט" אין פאַרגלייך מיט דעם לייט־אַרטיקל פון דעם „טשאַס", איז זייער אינהאַלט אַן אַנדערער און אַז מייזעלס האָט זיך נישט נאָר אין קראָקע נישט פאַרבונדן מיט די קאָנסערוואַטיסטן, נאָר איז אויך אין פאַרלאַמענט נישט אַריבער צו די רעכטע, ווי ס'האָט געוואָלט איינרעדן אירע לייענער די „יוטזשענקא".

ביז איצט האָבן מיר באַטראַכט מייזעלס אָנטייל אין די עטלעכע פּאַטריאָטישע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען אין די פערציקער יאָרן. מיר ווילן זיך נאָך אָפּשטעלן אויף אַ געווויסער טעטיקייט פון בעריש מייזעלס, וועגן וועלכער ס'גיט איבער גאַנץ בקיצור ד"ר נ. מ. געלבער אויפן סמך פון אַ באַריכט פון דער לייפּציקער פּאָליציי. די ידיעה, וואָס איז דאָרטן אָנגעגעבן, קאָן אונדז העלפן צו שאַפן אַן אמתדיק בילד וועגן מייזעלס טעטיקייט אין דער באַהאַנדלטער צייט. אָט וואָס עס שרייבט ד"ר געלבער:

100 י. מ. צונץ: „עיר הצדק", ז' 168.

מ. באַלאַבאַן גיט נישט ריכטיק אָן אין זיין: „געשיכטע פון יידן אין גאַלוציע", אַז מייזעלס האָט זיך אין פּאַרלאַמענט געזעצט אויף די רעכטע בענק. ער שטיצט זיך דערבער אויף קאַראָל ווידמאַן, וועלכער האָט אין זיין ווערק איבער פראַנציַשעק סמאָלקאַ (ז' 845), אוועקגעזעצט מייזעלסן אויף די רעכטע בענק. ווען י. מ. צונץ וואָלט נישט ריכטיק איבערגעגעבן דעם ציטירטן עפּיזאָד, וואָלט אים דער מחבר פון „מפלת עיר הצדק" ח. נ. דעמביצער, וועלכע איז געשטאַנען אין אַ שאַרפע מחלוקה מיט מייזעלסן און באַמיט זיך אַרונטערצורייסן סיי מייזעלסן, סיי דעם „עיר הצדק", נישט אַדורכגעלאָזט דעם פאַקט און אָפּגעלייקנט אים. (זע: „מפלת עיר הצדק" מאת יואל דעמביצער, ז' 3). איבעריקנס, ווערט דער עפּיזאָד אויך אָנגעגעבן דורך ד"ר מאַרקוס יאַסטראָוו אין זיינע זכרונות איבער מייזעלסן און דער צייטשריפט: "Hebrew Leader" 1870.

> „אויך נאָך דעם יאָר 1848 שטייט מייזעלס אין ענגער פארבינדונג מיט די פוילישע רעוואָלוציאָנערן, ער פירט אריין אין פוילישן רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט, וועלכער געפינט זיך אין קראָקע, פערזאָנען, וועלכע זענען אים רעקאָמענדירט געוואָרן דורך דער רעוואָלוציאָנערין ליסאָווסקא, און ער געהערט צו אירע מיטהעלפער אויף דעם עסטרייכישן געביט. דער דערמאָנטער קאָמיטעט האָט אָנגעהאלטן א לעבעדיקע פארבינדונג מיט די פירער פון אונגארישן אויפשטאנד און מיט די רעוואָלוציאָנערן פון פאריז, דייטשלאנד און קאָנגרעס־פוילן. ער פירט אויך אָן מיט דעם איבערשמוגלען דורך מיסלאָוויץ קיין דייטשלאנד און קאָנגרעס־פוילן בריוו און פראָקלאמאציעס. מייזעלס נעמט אין אָט די ארבעטן פונעם קאָמיטעט א לעבעדיקן אָנטייל".[101]

כדי אָפּצושאַצן די וויכטיקייט פון דער קארגער מיטטיילונג, וועלכע ס'האָט איבערגעלאָזט דער באריכט פון דער לייפּציקער פּאָליציי, איז נייטיק, באַטש אין קורצע ווערטער, איבערצוגעבן אַן אינפאָרמאַציע וועגן דער רעוואָלוציאָנערין ליסאָווסקא און איר קאָנספּיראַטיווער טעטיקייט, אין וועלכער עס האָט זיך באַטייליקט אויך דער קראָקעווער רב מייזעלס.

אַנטאָנינא ליסאָווסקא,[102] א געבוירענע און דערצויגענע אין קראָקע, אָרדנט זיך איין נאָך א קורצן אויפהאַלט אין קאָנגרעס־פוילן אין מיסלאָוויץ (גרענעץ־פּונקט צווישן גאַליציע, פּרייסן און קאָנגרעס־פוילן), וווּ זי אַרבעט ווי א מאָדיסטין. שוין אין יאָר 1846 ווערט ביי איר איינגעאָרדנט דורך די עמיגראַנטישע רעוואָלוציאָנערע טוער א פאַרבינדונג־ביוראָ צווישן די פאַנאַנדערגעריסענע טיילן פון פוילן: „גאַליציע, פּויזנער געביט און קאָנגרעס־פוילן. אין יאָר 1848 געפינען זיך שוין אין אירע הענט אַלע פעדעם פון דער אונטערערדישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין די אָקופּירטע געביטן און פון דער פוילישער רעוואָלוציאָנערער עמיגראַציע. בפרט איז ליסאָווסקא געווען טעטיק צום סוף פון 1848

[101] Wiener Staatsarchiv. Informationsbureau: Papiere über Lissowska 1679. Bericht der Leipziger Polizei v. 20. Juni 1849. Die Juden und der Polnische Aufstand 1863, von dr. N. M. Gelber. Wien und Leipzig 1923.

[102] וועגן אַנטאָנינא ליסאָווסקא זע ביי
Anna Minkowska: „Organizacja spiskowa 1848 r. w Królestwie Polskim". Warszawa 1929, str. 53, 57, 59.

זע אויך
Feldman Józef: Sprawa polska w roku 1848. Kraków 1933, str. 292.

און אין אָנהייב פון יאָר 1849, ביים איבערטראַנספּאָרטירן פּוילישע קעמפער צו דער אונגאַרישער אויפשטאַנד־אַרמיי, און אויך ווי אַ פאַרבינדלערין און מיטאַרבעטערין פון דער רעוואָלוציאָנערער פּרוויזאָרישער אָרגאַניזאַציע „ענטוזיאַסטקי", וועלכע איז אָרגאַניזירט געוואָרן אויפן געביט פון קאָנגרעס־פּוילן און געווען אָנגעפירט דורך נאַרציזאַ זשמיכאָווסקאַ (אַ נאָענטע מיטאַרבעטערין פון עדוואַרד דעמבאָווסקי אין דער רעדאַקציע פון זיין „פּשעגלאָנד נאַוקאָווי" — ווּיסנשאַפטלעכער איבערבליק). בעת דעם פּלוצימדיקן אַרעסט פון אַנטאָנינאַ ליסאָווסקאַ אין העלפט יוני 1849, האָט די פּאָליציי געפונען ביי איר די קאָרעספּאָנדענץ פון דער פּוילישער אונטערערדישער באַוועגונג, פון דער קאָרעספּאָנדענץ האָבן זיך די אָקופּאַנטישע מלוכות דערוווסט וועגן דער פאַרצווייגטער אונטערערדישער טעטיקייט און רעוואָלוציאָנערער קאָאָרדינירטער אַרבעט אין די דריי אָקופּירטע פּראָווינצן, וואָס האָט ביי זיי אַרויסגערופן די גרעסטע שטוינונג און אויפרעגונג. די געפונענע בריוו האָט די פּרייסישע מאַכט איבערגעגעבן דער עסטרייכישער רעגירונג, וועלכע האָט זיי דערנאָך איבערגעשיקט קיין רוסלאַנד צו פּאַשקעוויטשן אויף זיין דרינגענדיקן פאַרלאַנג. לײדער, באַזיצן מיר נישט מער קיין מאַטעריאַלן, וועלכע זאָלן קאָנען געבן אַ גענוגנדיק בילד וועגן מייזעלס קאָנספּיראַטיווער טעטיקייט. אָבער שוין פון דעם, וואָס מיר זעען מייזעלסן ווי אַ פאַרטרויאונגס־מאַן פון דער ממש לעגענדאַרער רעוואָלוציאָנערין אַנטאָנינאַ ליסאָווסקאַ, ווערט אונדז קלאָר, אַז מייזעלס רעוואָלוציאָנערע טעטיקייט האָט ווייט איבערגעשטיגן די לאָקאַלע קראָקעווער גרענעצן.[103]

דאָס, וואָס איז אויבן געזאָגט געוואָרן וועגן מייזעלס טעטיקייט אין דער פּוילישער באַפרייונגס־באַוועגונג, בפרט אין יאָר 1848, דערלויבט אונדז צו מאַכן אַן אויספיר וועגן זיין פּאָליטישער טעטיקייט און פעסטצושטעלן, צו וועלכער פּאָליטישער ריכטונג ער איז, אין דעם פּעריאָד, געשטאַנען אַמנאָענטסטן. צו דעם וועט אונדז נישט ווייניק העלפן די זייער טרעפלעכע פאָרמולירונג וועגן דער פּאָליטישער און טאַקטישער

---

[103] ס'איז כדאי צו דערמאָנען אַ וויכטיקן דאָקומענט (אַ שאלה ותשובה) פון ביטאָמער רב, וואָס געפינט זיך אין אַרכיוו פון יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט אין וואַרשע נר' 1/43, פון וועלכן ס'איז צו זען, אַז יידישע איינוווינער פון כיסלאָוויצער געגנט זענען געפאַרן אין דער אונגאַרישער אויפשטענדלער־אַרמיי (ווי אויך אומגעקומען אין קאַמף). מע קאָן זיך משער זיין, אַז דאָס איז געשען אין רעזולטאַט פון מייזעלס ווירקונג אויף די מיסלאָוויצער יידן דורך ליסאָווסקיס פאַרמיטלונג.

שייד־ליניע צווישן די דריי פוילישע לאַגערן, וועלכע ס'צייכנט אָן דער סאָוויעטישער היסטאָריקער י. ס. מיללער.[104] דאָס זענען: דער דעמאָקראַטישער, דער ליבעראַלער און דער קאָנסערוואַטיווער לאַגער, וועלכע האָבן געווירקט אין גאַליציע אין יאָר 1848.

לויט י. ס. מיללער שטעלן זיך אַזוי פאַר די הויפּט־פּרינציפּן, וועלכע פאַראייניקן אָדער טיילן פאַנאַנדער די ריכטונגען:

1) די דעמאָקראַטן ווי אויך די בורזשואַז־פּריצישע ליבעראַלן האָבן געשטרעבט ווידעראויפצושטעלן אַן אומאָפּהענגיקע פּוילישע מלוכה. דאָס האָט זיי באַוואויגן זיך קעגנצושטעלן דער קאָנסערוואַטיווער אידעע פון אַן „עסטרייכיש־סלאַווישער פעדעראַציע”. דאָס האָט זיי אויך באַוואויגן צו פאַרנעמען זייערע ערטער אויף די לינקע בענק אין ווינער און אין קרעמזער פּאַרלאַמענט.

2) די דעמאָקראַטן האָט געטיילט פון די בורזשואַז־פּריצישע ליבעראַלן די איינשטעלונג אין דער פּויערים־פראַגע. בעת די ליבעראַלן האָבן מורא געהאַט פאַר דעם מאַסן־אַנטייל פון די פּויערים אין דער רעוואָלוציע און אַרויסגערוקט די פראַגע וועגן רעפאָרמירן דעם פּאַנשטשיזנע־סיסטעם בלויז ווי אַ מיטל זיי צו באַרואיקן, האָבן די דעמאָקראַטן געהאַלטן די ליקווידאַציע פון דער פּאַנשטשיזנע פאַר אַ וויכטיקן פּונקט פון זייער פּראָגראַם. אויף די פּויערים האָבן זיי געקוקט ווי אויף אַ וויכטיקן כוח, וועלכן מע דאַרף אַריינציִען אינעם קאַמף פאַר דער באַפרייונג. זיי האָבן זיך אָבער געלאָזט באַווירקן דורך די ליבעראַלן, וועלכע האָבן שפּעקולירט מיטן לאָזונג פון נאַציאָנאַלער איינִיקייט און אַרויסגערוקט דעם געדאַנק פון אָפּשאַפן די פּאַנשטשיזנע אויפן וועג פון פרייוויליקייט מצד די פּריצים און אויף אַזאַ אופן דערפירן צו אַ שלום צווישן די פּויערים און די פּריצים. אָננעמענדיק אָט דעם פּרינציפּ, האָבן די דעמאָקראַטן זיך אַרויסגעוויזן פאַר אָפּהענגיקע פון די ליבעראַלן און פּאַקטיש אַרויסגעלאָזט פון זייערע הענט די איניציאַטיוו פון לייזן די פּויערים־פראַגע.

3) דאָס פולשטענדיקע פאַנאַנדערגיין זיך פון די בורזשואַז־פּריצישע ליבעראַלן און די דעמאָקראַטן איז דעם טאַקטישן פּרינציפּ: אין דער צייט, ווען די דעמאָקראַטן האָבן ווייטער געצויגן דעם פאָדעם פון קאָנספּיראַטיווער טעטיקייט און ביי אַלע זייערע פעלערן דאָך זיך געהאַלטן

[104] J. S. Miller: „Nakanunie otmieny barszcziny w Galicji“ w żurnale: „Uconyje Zapiski Instituta Słowianowidienija“ tom I. Akademija Nauk SSSR. M — L 1949, str. 206—207.

ביי אַ רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראַטישער טאַקטיק, האָבן די ליבעראַלן עקשנותדיק און כסדר אָנגעוויזן אויף די לעגאַלע מעטאָדן פון קאַמף, און הגם זיי האָבן אָפּגעוואָרפן די פּריציש־קאָנסערוואַטיווע קאָנצעפּציע פון אַ שטאַנדן־פּאַרלאַמענט, איז אָבער זייער אידעאַל געווען דער בורזשואַזער פּאַרלאַמענט, און דעריבער האָבן זיי געוואָלט אַריינקוועטשן די רעוואָלוציע אין די ראַמען פון „פּאַרלאַמענטאַריזם".

אין ליכט פון אָט דער שייד־ליניע וועלן מיר באַטראַכטן, צו וועלכן לאַגער איז מייזעלס געשטאַנען צומנאָענטסטן. פון די אויבנגעזאָגטע פאַקטן זעען מיר, אַז: 1. מייזעלס איז געווען טריי דעם פּרינציפּ פון ווידער־אויפשטעלן אַן אומאָפּהענגיקע פּוילישע מלוכה, 2. ער איז אַרונטערגעפאַלן אונטער דער ווירקונג פון דער קאָנצעפּציע פון די ליבעראַלן, פון דער נאַציאָנאַלער איניקייט־אידעע, 3. ער האָט גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער קאָנספּיראַטיווער טעטיקייט און דערמיט זיך געהאַלטן ביי דער רעוואָלוציאָנערער טאַקטיק אינעם באַפרייונגס־קאַמף.

פון דעם געזאָגטן קאָנען מיר מאַכן דעם אויספיר, אַז הגם אַפילו ציעל איז ער נישט געווען אָנגעשלאָסן אין וועלכער ס'איז ריכטונג, האָט ער אָבער מיט זיין טעטיקייט בעת דעם אַזוי גערופענעם „קראָקעווער פּעריאָד" זיך פאַרדינט דעם נאָמען פון אַ דעמאָקראַטישן קעמפער פאַר פּוילנס באַפרייונג.

ביים שלום פונעם קאַפּיטל וועגן מייזעלס טעטיקייט בעת דעם „פעל־קער־פריילינג" איז כדאי צו ווידמען עטלעכע שורות דער נעגאַטיווער מיינונג וועגן מייזעלסן, וועלכע עס האָט אַרויסגעזאָגט פּראַנטשישעק סמאָלקאַ.[105] בפרט ווען די יידישע בירגערלעכע היסטאָריקער, ווי מ. באַלאַבאַן און אַנדערע, ציטירן אים אַזוי גערן אָן יעדער באַוואָרעניש און קאָמענטאַר.[106]

---

[105] פראַנטשישעק סמאָלקאַ, פירער פון די לעמבערגער פּוילישע ליבעראַלן, פאָרזיצער פון עסטרייכישן פּאַרלאַמענט.

[106] יעקב שאַצקי אין „היסטאָרישע שריפטן" 1-ער באַנד, ז' 444, שרייבט אַזוי: צו סמאָלקאַס נעגאַטיווע מיינונג וועגן מייזעלסן דאַרף מען נאָך צוגעבן אַ כאַראַקטעריסטישע מיינונג פון אַ באַקאַנטן וואַרשעווער פּאַטריאָט זשעליגסקי, וועלכער האָט זיך אויסגעדריקט, אַז מייזעלס איז אַן אָרנטלעכער מענטש, אָבער זיין קאָפּ איז „אָנגעשטאָפּט מיט תלמוד" (זע: באַראַנאָווסקי ז' 252). איך וויל נאָר צוגעבן, אַז וועגן דעם באַקאַנטן פּאַטריאָט זשעליגסקי גיט איבער דער זעל-בער באַראַנאָווסקי (דאָרט, ז' 255), אַז ער האָט זיך אויסגעדריקט אפילו וועגן די „רעוואָלוציאָנערע" פלעגער פון די „וויסע" אָט וואָס: „יאָ, מיר וועלן נאָך האָבן פיל מעגלעכקייטן אָפּצוטאָן זעלבסטמערדערישע נאַרישקייטן". אַזוי האָט אויסגעזען דער „פּאַטריאָטיזם" פון זשעליגסקין.

פראנטישישעק סמאָלקאַ שרייבט אין אַ בריוו צו זיין פרוי וועגן מייזעלסן אַט וואָס:

„...מיטן באַקומען מייזעלסן (אויפן אָרט פון פּאָטאָצקי'ן פאַר אַ דעפּוטאַט... — אַ. ק.) האָבן מיר זייער שלעכט אָפּגעשניטן. דאָס איז פּשוט אַ נאַרישער ייד, וואָס קאָן זיך נישט אויסדריקן נישט אויף פּויליש און נישט אויף דייטש. איך האָב געהאַט וועגן אים אַ גאַנץ אַנדערע פאָרשטעלונג, עס איז אַ חרפּה, וואָס קראָקע האָט נישט געקאָנט ווײלן קיין בעסערע אינטעליגענץ, און באַזונדער באַדויער איך, וואָס אַדאַם פּאָטאָצקי איז נישט געוויילט געוואָרן. איך האָב אים זייער ליב, כאָטש איך בין נישט מסכים מיט אים אין אַ סך פּרטים פון פּאָליטישע פּראָבלעמען...".[107]

כדי אָפּצושאַצן, וואָס פאַר אַ ווערט עס האָבן די אַרויסגעזאָגטע ווערטער, איז נייטיק זיך אָפּצושטעלן אויף דעם, צי האָט מייזעלס באמת נישט געקאָנט זיך אויסדריקן אין פּויליש און אין דייטש. ווי מיר האָבן דערמאָנט אין ערשטן קאַפּיטל, איז ער שוין אין יאָר 1833 געווען דער פאָרשטייער פון די קראָקעווער יידן אין ווין ביי דער רעזידענטן־קאָמיסיע און איז אין משך פון עטלעכע טעג צענדליקער מאָל אַרויסגעטרעטן מיט לענגערע און אויספירלעכע אויפקלערונגען. (ווי עס איז צו זען פון די פּראָטאָקאָלן, וועלכע זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן ביי ד"ר געלבער אין זיין אויבנדערמאָנטן בוך „אויס צוויי יאָרהונדערטן". ס'איז שווער צו גלויבן, אַז ער האָט גערעדט אַ שלעכטן דייטש. נאָך מער — מייזעלס, ווען ער איז נאָך נישט באַשטעטיקט געווען פאַר אַ רב, ווייל ער האָט נישט געהאַט דעם געפאָדערטן שול־צייגנ, איז אַרויסגעטרעטן פאַר דער קאָמיסיע מיט אַ פאָרשלאָג, עס זאָל פאַר די רבנים־קאַנדידאַטן איינגעפירט ווערן אויפן אָרט פון די געפאָדערטע שול־צייגענישן אַן עקזאַמען, וועלכער זאָל פעסטשטעלן, צי דער געגעבענער קאַנדידאַט באַזיצט די פּוילישע און דייטשע שפּראַך אין וואָרט און שריפט. מייזעלס איז זיכער נישט געווען אויף אַזוי פיל „גלופּי זשיד", ווי עס דריקט זיך אויס סמאָלקאַ, ער זאָל געבן אַ פאָרשלאָג, וועלכער וואָלט אים אַליין געקאָנט שאַטן ברענגען.

---

[107] Dziennik Franciszka Smolki 1848—1849, Warszawa 1913, str. 207.

ווייטער זעען מיר, אז סאפיעהא, פאר וועלכן אפילו ראטשילד איז געווען א „פארכעוואטער זשיד",[108] שרייבט מיט גאל וועגן דעם געוואגטן ארויסטריט קעגן אים מצד דעם ווארשעווער „זשיד" מייזעלס, אבער פון זיין פויליש לאכט ער נישט. דערביי איז כדאי צו באמערקן, אז זשעמיאלקאווסקי, וואס איז אזוי אנטציקט פון מייזעלס פאטריאטיזם, איז זייער פילבאר, ווען מע רעדט פויליש מיט א שלעכטן אקצענט און לאכט אויס דעם ד"ר שאססע צוליב זיין פויליש רעדן מיט א יידישן אקצענט.[109]

פון דעם געזאגטן קענען מיר ליכט ארויסדרינגען, אז מייזעלס האט יא באזיצט די פוילישע און דייטשישע שפראך אין ווארט און שריפט, אזוי אז מיר מוזן באטראכטן סמאלקאס ארויסגעזאגטע נעגאטיווע מיינונג וועגן מייזעלסן פאר א בילבול, וואס איז געקומען אין רעזולטאט פון זיין אויפרעגונג צוליב דעם וואל־זיג פון בעריש מייזעלס איבער זיין פריינד פאטאצקי. (איבעריקנס, דרינגט דאס ארויס פון דעם אינהאלט פונעם בריוו). ס'איז אויך כדאי צו באמערקן, אז סמאלקא איז ווייט נישט געווען פריי פון אנטיסעמיטיזם. מיר פילן עס ארויס פון זיין ענטפער צו די טישמיעניצער און זשולקעווער יידן, וועלכע האבן זיך געווענדעט צו אים ווי צום פארלאמענט־פארזיצער, ער זאל אונטערשטיצן די יידישע פאדערונג וועגן גלייכבארעכטיקונג. אין זיין ענטפער ווארנט סמאלקא די יידן, זיי זאלן פארזיכטיק אויסנוצן די רעכט, וואס זיי וועלן קריגן, און זיי נישט, גאט באהיט, אויסנוצן צום שאדן פון דער קריסטלעכער באפעלקערונג.[110]

נאך בולטער קומט ארויס די נישט פריינדלעכקייט פון סמאלקאן צו די יידן אין דעם פאקט, וואס עס גיט איבער פלאריאן זשעמיאלקאווסקי אין זיינע זכרונות.[111] בעת א נאך־וואל־„מאניפעסטאציע", וואס איז איינגעארדנט געווארן דורך סמאלקאס אנהענגער צוליב זיין געווילטווערן, האט מען געמאכט אויסרופן: „זאל לעבן סמאלקא!", — און גלייכ־

---

[108] „...Co sobie ten żyd parch myśli, że potrzebujemy jego protekcyi" (Leon xiąże Sapieha. Wspomnienia z lat od 1803 do 1863 r.). Lwów, str. 206.

[109] זשעמיאלקאווסקיס זכרונות, צווייטער טייל, ז' 60.

[110] „Franciszek Smolka" — skreślił Karol Widmann, Lwów 1891, str. 279.

[111] זשעמיאלקאווסקי אין זיינע דורך אונדז ציטירטע זכרונות, באנד 1, ז' 47.

ציימיס געהאקט שווּבן און דעמאָלירט יידישע געשעפטן במשך פון דריי טעג. סמאָלקא האָט אויף דעם ביזן דריטן טאָג לגמרי נישט רעאגירט. ערשט נאָך א ווונק פון אויבן האָט ער ארויסגעלאָזט א רוף, אין וועלכן ער האָט געבעטן, מע זאָל אויפהערן לכבוד אים מאַניפעסטירן (דאָס איז געווען אין יאָר 1868). פון דעם איז קלאָר, אז דאָס אָנרופן דעם פייער־דיקן פאטריאָט און די אָנפירנדיקע יידישע פערזענלעכקייט בעריש מייזעלסן „גלופי זשיד" איז געווען א רעזולטאט דערפון, וואָס סמאָלקא איז אליין געווען אן אנטיסעמיט און ממילא ווייט פון אויפריכטיקן דעמאָקראַטיזם[112].

[112] וועגן סמאָלקאס „דעמאָקראַטישער" איינשטעלונג שרייבט י. ס. מיללער אין זיין רעפליק קעגן פּראָפ. קיעניעוויטש, אַט וואָס: „וויַיזט אויס, אַז די לעגענדע וועגן דעם דעמאָקראַטיזם פון סמאָלקא און זיינע חברים-לדעה, לעבט נאָך אין דער פּוילישער היסטאָריאָגראַפיע פון אונדזער צייט".
י. ס. מיללער אין זיין אויבן ציטירטן ווערק, ז' 204.

קאפיטל אכט

די לאַגע פון די יידן אין קאָנגרעס־פוילן

די ענגע ראמען פון אונדזער ארבעט דערלויבן נישט זיך אפצושטעלן ברייטער אויף דער עקאָנאָמישער און סאָציאַלער לאגע פון דער יידישער באפעלקערונג אין קאָנגרעס־פוילן. דעריבער באגרענעצן מיר זיך צו עטלעכע אלגעמיינע ציפערן לשם אָריענטאציע.

די יידישע באפעלקערונג אין קאָנגרעס־פוילן האָט באטראָפן:[113]

			פון דער אלגעמיינער צאל באפעלקערונג
אין יאר	1843	523,936	1,1%)
" "	1856	571,678	(12,2%)
" "	1862	599,875	(12,6%)

די האָזיקע ציפערן זאָגן עדות וועגן א שטארקן וווקס פון דער יידישער באפעלקערונג אין קאָנגרעס־פוילן אין דער העלפט פון ניינצנטן יאָרהונ־דערט. זייער באשעפטיקונגס־סטרוקטור (אין אלע גובערניעס חוץ דער ווארשעווער) איז געווען אזעלכע:[114]

	האנדל	אינדוסטריע און האנטווערק	לאנד־ווירטשאפט	הויזדינסט	פרייע פראָפ.	אנדערע פראפעס. און אן פראָפ.
צאל	212,702	119.178	28,951	10,395	12,618	54,418
%	44,7	25,1	6,1	2,1	2,6	9,6

פון די ציפערן איז צו זען, אז אין דער אינדוסטריע און האנטווערק זענען דעמלט געווען באשעפטיקט איבער א פערטל פון דער יידישער

[113] Dr. Ignacy Schiper: Dzieje Handlu Żydowskiego na Ziemiach Polskich. Warszawa 1937, str. 461.

[114] דאָרטן, ז' 463.

באפעלקערונג. אין דער צאל איז שוין זיכער אריינגערעכנט אן אנזעעוודיקער פראצענט אינדוסטריע־ארבעטער, ווייל הגם, מיר האבן נישט קיין גענויע ציפערן וועגן דער צאל יידישע ארבעטער אין דער אינדוסטריע, האבן מיר אבער באווייזן וועגן דעם אנהייב פון פראלעטאריזירן זיך פון די יידישע מאסן אין דער העלפט פון ניינצנטן יארהונדערט. אזוי למשל באקלאגט זיך אין יאר 1856 די קאטוילישע קירך, אז אין די לאדזשער פאבריקן ארבעט מען אום זונטיק.[115] ס'איז קלאר, אז קריסטן האבן דעמלט זיכער נישט געארבעט אום זונטיק.

בנוגע דעם יידישן סוחרים־שטאנד אין די גובערניעס דארף מען באמערקן, אז ער איז נאך געווען א שטארק נישט פארמעגלעכער, און קאפיטאלן. אבער אין צוזאמענהאנג מיטן אנהייב פון דער קאפיטאליסטישער אנטוויקלונג אין קאנגרעס־פוילן באווייזט זיך א ריי רייכע סוחרים און אונטערנעמער. מיר באגעגענען אין וולאצלאוועק און אין אנדערע פראווינץ־שטעט יידן, וועלכע אנטוויקלען א מאדערנעם געלט־האנדל און אן אויסגעברייטערטן עקספארט־ און אימפארט־האנדל. בפרט איז דער עקספארט פון האלץ, קארטאפל און וואל געלעגן אין די הענט פון יידישע סוחרים.[116]

וועגן דער באשעפטיקונגס־סטרוקטור פון די ווארשעווער יידן האבן מיר ידיעות פון יאר 1862. ער שטעלט זיך פאר אט אזוי:[117]

	האנדל	אינדוסטריע און האנטווערק	לאנדוו.	ארבעטער	הויז־דינסט	פרייע פראפ.	אנדערע פראפ. און אן פראפ.
צאל	23,044	10,975	265	2,650	3,070	2,576	4,654
%	48,7	23,1	0,5	6.0	6 5	5,6	9,6

פון דער טאבעלע איז צו זען, אז כמעט א העלפט פון דער יידישער באפעלקערונג האט געלעבט פון האנדל און כמעט א פערטל — פון אינדוסטריע און האנטווערק. דערביי דארף ווערן אונטערגעשטראכן, אז אויך אין ווארשע איז געווען א באדייטנדיקע צאל יידישע פאבריקאר־בעטער, און א טייל פאבריקן האבן שוין באשעפטיקט צו 200 יידישע ארבעטער.[118]

---

[115] יעקב שאצקי אין „די יידן אין פוילן", ניו־יארק, 1926, ז' 634.

[116] דארטן, ז' 590.

[117] י. שיפער, דארטן, ז' 463.

[118] י שאצקי, דארטן, ז' 635.

אן אנדערער מקור גיט אָן די אַלגעמיינע צאָל פון יידישע הענדלער אין יאָר 1862 אויף 22,214. דערביי ווערט אָנגעגעבן אַן אינטערעסאַנטע פאַנאַנדערגלידערונג פון יידישן סוחרטום. פון אָט דער צאָל האָבן זיך 6,718 אָדער 30 פּראָצענט פאַרנומען מיט קרעדיט (באַנקירן) און הורט־האַנדל; 2,694 אָדער 12 פּראָצענט — מיט שענקעריי, וויין־האַנדל, אכסניות א. ד. גל. און די איבעריקע 12,802 ד. ה. 58 פּראָצענט — מיט קליין־האַנדל (קרעמערס, הענדלערס, פּאַכטער און פּאַרמיטלער.[119] פון די ציפערן דרינגט אַרויס, אַז העכער צוויי דריטל פון די יידישע סוחרים אין דער הויפּטשטאָט זענען געווען אָרעם און קאַפּיטאַלן.[120]

ס'דאַרף אָבער אונטערגעשטראָכן ווערן, אַז איין דריטל פון די וואַרשעווער רייכע יידישע באַנקירן און סוחרים האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ זייער וויכטיקן עלעמענט, וואָס האָט אַנטוויקלט אין אַ ברייטן און מאָדערנעם פאַרנעם דעם באַנק־וועזן און גרויס־האַנדל אינעם וויכטיקסטן צענטער פון לאַנד, אין וואַרשע. ס'איז גענוג צו דערמאָנען, אַז אינעם האַנדל מיט אויסלאַנד האָבן זיי פאַרנומען 65,3 פּראָצענט און אינעם קאָמיס 66 פּראָצענט.[121] אויף 24 גרעסערע באַנקהייזער זענען געווען 4 קריסטלעכע און 20 יידישע.[122]

די רעכטלעכע לאַגע פון די יידן אין קאָנגרעס־פּוילן איז געווען אַ קלאָגעוודיקע. אַלע פּראָיעקטן, וואָס זענען אויסגעאַרבעט געוואָרן אַרום דער פראַגע פון גלייכבאַרעכטיקונג פאַר יידן זינט 1807 יאָר, ד. ה. פון דער צייט, ווען מע האָט אויסגעמיטן די יידן אין דער קאָנסטיטוציע פון „וואַרשעווער פירשטנטום" און אין די „קאָמיסיעס פאַר יידישע ענינים", וועלכע זענען געשאַפן געוואָרן אין קאָנגרעס־פּוילן (אַדאַם טשאַרטאָריסקיס רעפאָרם־קאָמיטעט, נאָוואָסילצאָווס פּראָיעקט), ביז די ישועות, וועלכע האָבן געזאָלט קומען פון טורקעלס געשאַפענעם „קאָמיטעט צו באַרשן די יידן־רעכט פון קרוין־פּוילן און „קייזערטום־לענדער", און ביז

---

[119] י. שיפּער, דאָרטן, ז' 468.

[120] צווישן די דערמאָנטע אָרעמע סוחרים האָט זיך געפונען אַ גרויסער טייל פּויפּעריזירטע האַנטווערקער, וועלכע זענען אין רעזולטאַט פון ווירטשאַפט־לעכער אומשיכטונג געוואָרן „סוחרים". פון דער טאַבעלע, וואָס י. שיפּער (אין צ. וו., ז' 465), גיט אָן, איז צו זען, אַז במשך פון די צוואַנציק יאָר (1862—1843) איז דער פּראָצענט פון האַנטווערקער ביי די יידן אין וואַרשע געפאַלן פון 30,1% אויף 14,1%. אין דער זעלבער צייט איז דער פּראָצענט פון כאַשעפטיקטע אין האַנדל געשטיגן פון 30,1% אויף 42,4%.

[121] י. שיפּער, דאָרטן, ז' 474.

[122] דאָרטן, ז' 478.

די סאמע לעצטע האפענונגען, וואס א טייל יידן האבן פארבונדן מיט אלעקסאנדער דעם צווייטנס קומען אויפן טראָן, — האבן קיין וועזנט־לעכע ענדערונג נישט געבראכט.

וווין־רעכט:

פון 453 שטעט אין קאנגרעס־פוילן האבן יידן בלויז אין 246 גע־האט וווין־רעכט, יידן האבן בכלל נישט געטארט וווינען אויפן שטח פון 50 קילאמעטער ביים גרענעץ־פאס, און פון צייט צו צייט האט מען פון געוויסע געביטן סתם ארויסגעטריבן די יידן. אזוי, למשל, האט מען אין יאר 1856 פארטריבן 112 יידישע משפחות פון די בערג־בוי־צענטערן אין אפאטשנער און אפאטאווער פאוויאטן.[123]

עקאנאמישע באגרענעצונגען:

יידן האבן נישט געטארט קויפן קיין ערד, קיין הייזער אין די שטעט, וווּ זיי האבן נישט קיין וווין־רעכט. אין ווארשע טארן זיי נישט קויפן קיין אויסגעבויטע הייזער. זיי האבן אויך נישט קיין רעכט צו באזיצן ברויעריען, שענקען, אכסניות, אפטייקן.

שטייערן:

יידן האבן געצאלט ספעציעלע שטייערן, וואס האבן באטראפן ארום 600,000 רובל יערלעך, דערפון אין יאר 1856: כשר־פלייש־שטייער 350.000 רובל און טאג־צעטל־אפצאל 81,000 רובל.

דאס איז בלויז א קורצער צעטל פון די באגרענעצונגען פאר יידן. אמת פאר דער יידישער גרויס־בורזשואזיע זענען געמאכט געווארן אויס־נאמען, און זיי האבן זיך דערשלאגן צו די א. ג. בירגער־רעכט, אבער די ברייטסטע יידישע מאסן און בפרט די יידישע יוגנט, און אין דער ערשטער ריי די אקאדעמישע יוגנט, האבן געמוזט זוכן אן אויסוועג פון דעם אויסנאמס־צושטאנד, אין וועלכן זיי האבן זיך געפונען.

דעם אויסוועג האבן געוויזן די יידיש־פוילישע פאטריאטן אינעם געמיינזאמען נאציאנאלן באפרייונגס־קאמף פון די פאליאקן און יידן אין פארקנעכטעטן פוילן פאר נאציאנאלער און בירגערלעכער גלייכבא־רעכטיקונג.

---

[123] י. שאצקי, דארט, ז' 607.

קאפיטל ניין

מייזעלס פארלאָזט קראָקע

נאָכן טויט פון ווארשעווער רב הכולל, חיים דאווידזאָן, אין יאָר 1854, ווערט מייזעלס איינגעלאדן דורך דער ווארשעווער יידישער קהלה איבערצונעמען דעם אמט פון הויפט־רב אין ווארשע. די איינלאדונג ווערט דורך אים אָנגענומען.

ס'איז נייטיק זיך צו באקענען, כאָטש אין אלגעמיינע שטריכן, מיט דעם דעמלטיקן פּאָליטיש־געזעלשאפטלעכן מצב אין קראָקע און אין ווארשע, כדי צו פארשטיין, פארוואָס די גרעסטע יידישע קהילה אין פוילן האָט געהאלטן פאר פּאסיק איינצונעמען פאר א רב מייזעלסן, נישט געקוקט דערויף, וואָס עס איז איר זיכער געווען באוווּסט די קעגנערשאפט צו אים מצד די קראָקעווער אסימילאטאָרן פון איין זייט און פון די חסידים פון דער צווייטער (און ווי מיר וועלן ווייטער באווייזן, אפילו פון די מתנגדים). ס'איז אויך נייטיק אויפצוקלערן, וועלכע סיבות האָבן באוויגן מייזעלסן צו פארלאָזן קראָקע נאָכן אָפּלעבן דאָרטן עטלעכע און דרייסיק יאָר און נאָכן פארנעמען דעם רבנות־אמט אין משך פון עטלעכע און צוואנציק יאָר. מיר מוזן נאָך באטאָנען, אז לויט דער העכערע פון רבנות איז קראָקע געשטאנען אויף א העכערן שטאפּל ווי ווארשע, צוליב וועלכן מייזעלס האָט שוין זייענדיק אין ווארשע, זיך נאָך אלץ אונטערגעשריבן „קראָקעווער רב, וועלכער געפינט זיך אין ווארשע".[124]

ווי אזוי שטעלט זיך פאָר די דעמלטיקע לאגע אין גאליציע?

נאָכן אונטערדריקן די רעוואָלוציע פון יאָר 1848 אין די לענדער פון עסטרייכישן קייזערטום האָט א ריי יאָרן נאָך געבושעוועט דער טעראָר פון דעם עסטרייכישן פּרעמיער־מיניסטער באכס הוזארן. פּונקט ווי

[124] וועגן מייזעלס שטאַרקער צוגעבונדנקייט צו קראָקע, זע: י. ל. צונץ „עיר הצדק", ז' 169.

אין אַנדערע לענדער פֿון דער אימפּעריע, זענען אויך אין גאַליציע אָנ־געווענדט געוואָרן רעפּרעסיעס און אַרעסטן פֿון געוויסע טוער אַפֿילו פֿון קאָנסערוואַטיוון לאַגער, אויף וועלכע ס'איז נאָר געפֿאַלן אַ חשד פֿון פּאַטריאָטישער אַקטיוויטעט.[125] אָט דער אָקופּאַנטישער טעראָר, ווי אויך דער פֿאַקט, וואָס די היימישע רעאַקציאָנערן איז געלונגען, ווי מיר האָבן שוין אָנגעוויזן אין די פֿריערדיקע קאַפּיטלען, צו פֿאַרטומלען די מוחות פֿונעם פֿאָלק מיט דער נאַציאָנאַלער ישועה, וועלכע וועט קומען דורכן פֿאַרווירקלעכן די אידעע פֿון אַן עסטרייכיש־סלאַווישער פֿעדעראַציע אונטער די פֿליגל פֿון דער האַבסבורגער דינאַסטיע, האָט דערפֿירט צו דער פֿולשטענדיקער אָפּשוואַכונג פֿון דער נאַציאָנאַל־באַפֿרייערישער באַ־וועגונג. מע דאַרף דערביי געדענקען, אַז די פֿויערים־פֿראַגע, וועלכע איז געווען דער הויפּט־מאָטאָר פֿון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, איז געוואָרן „דערליידיקט" פֿון אויבן, דורך אַן „אַלהעכסטער" באַשטימונג, און האָט באַוויזן אויף דערווייל אָפּצושטעלן דעם רעוואָלוציאָנערן דראַנג פֿון דאָרף. דעם דאָזיקן צושטאַנד קאָנען באַשטעטיקן די פֿאָלגנדיקע פֿאַקטן:

די איינוווינער פֿון טאַרנאָוו האָבן זיך געווענדעט קיין ווין מיט דער בקשה אויסצוטיילן דעם טאַרנאָווער קרייז פֿון די אַנדערע טיילן פֿון גאַליציע און באַשענקען מיט ספּעציעלע קעניגלעכע פּריווילעגיעס, צוליב דעם, וואָס דער קרייז האָט אַרויסגעוויזן טרייהייט צו דער עסטרייכישער קרוין בעת דער רעוואָלוציע פֿון 1846־טן יאָר.[126] אין לעמבערג איז אין יאָר 1856 נישט מעגלעך געווען צונויפֿצוזאַמלען עטלעכע סטודענטן אויף אַ הזכרה־תּפֿילה לכבוד מיצקעוויטשעס אָנדענק.[127] וועגן דער לאַגע אין קראָקע שרייבט קאַלינקאַ אין זיינע „בריוו וועגן קראָקע" אָט וואָס: „יענע האָבן זיך גערופֿן פּאָליאַקן, אָבער איר? איך רופֿן בלויז די געאָגראַפֿן אָן פּאָליאַקן".[128]

אין אָט דער אַלגעמיינער דערדריקנדיקער און רעאַקציאָנערער אַט־מאָספֿער, וואָס האָט באַהערשט גאַליציע, האָבן אויך אין דער יידישער סביבה באַקומען די פֿולע שליטה איבער די רעליגיעזע פֿאָלקס־מאַסן

---

125 W. Tokarz: „Kraków w początkach Powstania Styczniowego". Kraków, 1914 r., str. 10.
W. Feldman: „Dzieje Polskiej Myśli Politycznej" str. 299.

126 וו. פֿעלדמאַן, ד. צ. וו. ז' 303:

127 וו. טאָקאַזש, ד. צ. וו., ז' 10:

128 אין דעם ציטירטן ווערק פֿון וו. פֿעלדמאַן אויף דער דערמאָנטער זייט.

(וועלכע האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט 95 פּראָצענט פון גאַליציאַנישן יידנטום) די חבנישע הויפן, ווי: סאדעגורע, בעלז, נייסאַנץ א. א. די קלעריקאַלע מתנגדים־פירער, ווי: שלמה קליגער [129] א. א. גיבן זיך פול־פולשטענדיק אונטער די חסידים, כדי געמיינזאם צו פירן א מיטלאַלטער־לעכן קאַמף קעגן אַלעם, וואָס האָט אין זיך א ניצוץ פון פּראָגרעסיווקייט. אויך אין קראָקע ווערט וואָס א מאָל שטאַרקער דער איינפלוס פון דעם חסידים־לאַגער אונטער דער אָנפירונג פון אויבן־הערמאָנטן שאול לאַנדע, וועלכער פאַרשטאַרקט אויך דעם קאַמף קעגן מייזעלסן. אויף זייער זייט גייט איבער דער קראָקעווער מתנגדים־פירער חיים נתן דעמביצער, וועלכער פאַרמסרט מייזעלסן פאַר שלמה קליגער פון בראָד, אַז ער פאַרנאַכלעסיקט די רעליגיעזע ענינים און פאַרנעמט זיך מיט פּאָליטיק.[129*] אויך די בורזשואזע „אויפגעקלערטע" גייען איבער אין זייער קאַמף קעגן מייזעלסן צו דער שענדלעכער טאַקטיק פון שיקן כסתר מסירות צו די מאַכט־אָרגאַנען, כדי צו באַקומען א בילד וועגן די מעטאָדן, וועלכע א טייל פון די „אויפגעקלערטע" האָט געפירט קעגן מייזעלסן, איז געגעבן איבערצוגעבן אין קורצן דעם אינהאַלט פון איין אָנקלאַגע,[130] וואָס יהושע פונק (א טוער פון די „אויפגעקלערטע") האָט אריינגעטראָגן דעם 30־טן נאָוועמבער 1852 אין דעם שטאָט־ראַט קעגן מייזעלסן. אין דער מסירה זאָגט זיך צוו. אנד. אָט וואָס:

אזוי ווי מייזעלס האָט פאַרעפנטלעכט א חרם קעגן די יעניקע יידן, וועלכע וועלן אויסדינגען א געשעפט אָדער א וווין־לאָקאַל אין א קריסטלעכן הויז דורך צאָלן העכער דירה־געלט, ווי ס'האָט געצאָלט דער ייד, וואָס האָט ביז איצט געוווינט, — איז ער דורך דעם באַגאַנגען דריי פאַרברעכנס: 1) לויטן פאַראַגראַף 10 פונעם סטאַטוט פון יאָר 1817 האָט א רב נישט קיין רעכט אַרויפצולייגן קיין חרם; 2) מיט דעם פאַר־

---

[129] אין די בריוו פון ש. ל. ראַפּאָפּאָרט (אַרכיוו פון ייה"א אין וואַרשע, בריוו 18/23). זע אויך ביי רפאל מאַהלער אין „השכלה און חסידות", ז"ז 7—196.

[129*] מ. באַלאַבאַן „יידן אין קראָקע", 2-טער באַנד, ז' 696.

וועגן דעם פאַרשטאַרקטן איינפלוס פון די חסידים אין קראָקע קאָן עדות זאָגן דער פאַקט, אַז נאָך מייזעלס אָפּפאָרן פון קראָקע איז געוויילט געוואָרן פאַר א רב אלכסנדר לאַנדע (זון פון מייזעלס קעגנער שאול לאַנדע). מיט א קורצער צייט שפּעטער, האָט דער קראָקאָווער רב שמעון סופר (א מתנגד), געגרינדעט צו־זאַמען מיט די חסידים די ערשטע קלעריקאַלע אָרגאַניזאַציע אין פוילן „מחזיקי הדת".

[130] אַרכיוו פון די קראָקעווער שטאָט-אַקטן אין קראָקע, נר' טעקע 73, אַקט 30,508.

באַט שטערט מייזעלס די פרייע קאָנקורענץ און ברענגט שאָדן די קריסטלעכע הויזבאַזיצער; 3) אין דעם פאַרעפנטלעכטן חרם רופט מייזעלס אָן די קריסטן „עכו"ם", ד. ה. „געצן־דינער", און דערמיט האָט ער באַליידיקט די הערשנדיקע רעליגיע. ווי אַ שטראָף פאַר די באַגאַנגענע פאַרברעכנס פאַרלאַנגט פונק, אַז מייזעלס זאָל באַזייטיקט ווערן פון זיין רבנות־פּאָסטן און צאָלן 1.000 זלאָטעס שטראָף.

דער דאָקומענט זאָגט נישט בלויז עדות וועגן די מיאוסע קאַמפּף־מעטאָדן קעגן מייזעלסן, נאָר ברענגט אויך צום אויסדרוק דעם עקאָנאָמישן גורם, וואָס האָט פאַראייניקט אַ טייל „אויפגעקלערטע" פּלוטאָקראַטן מיט די האַלב־פעאָדאַלע חסידיש־מתנגדישע פּאַטריציִשע פירער. אונטער דער מאַסקע פון נישט האַמעווען די „פרייע קאָנקורענץ" האָבן זיי געפירט אַ קאַמף קעגן די אַנגעוויטיקסטע אינטערעסן פון די ווייניקער באַמיטלטע פאָלקס־מאַסן און קעגן מייזעלסן, וואָס האָט זיך מערערע מאָל איינגעשטעלט פאַר אָט די פאָלקס־מאַסן.

ווי מיר זעען, האָט זיך קעגן דעם שוין יונגן גאון און פּלאַמפיערדיקן פּאַטריאָט געשאַפן אַ דריי־בונד, אָנהייבנדיק פון דעם חסידים־פירער שאול לאַנדע מיט דעם מתנגד דעמביצער ביז דעם „פּראָגרעסיסט" פונק. אָט די געשאַפענע לאַגע האָט כמעט איזאָלירט מייזעלסן און געמאַכט אים אוממעגלעך צו פירן אין קראָקע וועלכע ס'איז פּאָליטישע אָדער געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט.

גאַנץ אַנדערש איז געווען די לאַגע אין קאָנגרעס־פּוילן.

נישט געקוקט אויף דעם, וואָס לויט דעם דעקרעט פון נאַפּאָלעאָן דעם 1־טן פון יאָר 1807 זענען די פויערים אין ווארשעווער הערצאָגטום דערקלערט געוואָרן פאַר פרייע און גלייכבאַרעכטיקטע בירגער, איז דאָך זייער לאַגע דערמיט פּאַקטיש נישט בעסער געוואָרן.[130*] פּאַקטיש האָט אויפן דאָרף געהערשט דער פּאַנשטשיזנע־סיסטעם אַזוי, אַז אפילו איצט, ד. ה. שוין אין דער העלפט פון די פופציקער יאָרן, האָבן נאָך לגמרי נישט אָנגעוואָרן פון זייער אַקטואַליטעט די ווערטער פון קאַרל מאַרקס, וועלכער האָט געשריבן אין יאָר 1848: „די אַגראַר־רעוואָלוציע אין פוילן איז נישט בלויז די יסודותדיקע פראַגע פון פּאָליטישן, נאָר אויך פון געזעלשאַפטלעכן לעבן. ווייל אויב עס וועט נישט ליקווידירט ווערן די פּאַנשטשיזנע, וועט זי דערפירן צו רואין די לאַנדווירטשאַפט,

130* Dranicyn S. N.: Polskoje Wostanie 1863 goda i jewo klasovaja suszcznost' (Ł) Socegiz 1937.

וועלכע איז דער יסוד פון דער עקאָנאָמישער עקזיסטענץ פון פּוילישן פאָלק". דערביי שטרייכט מאַרקס אונטער: „אַז אין פּוילן איז אוממעגלעך אדורכצופירן די אַגראַר־רעוואָלוציע אָן דער גלייכצייטיקער דעראָבערונג פון דער נאַציאָנאַלער זעלבסטשטענדיקייט".[131] פון אָט די ווערטער ווערט אונדז קלאָר די טיפע און אומצערייסלעכע פאַרבינדונג פון די צוויי סאַמע וויכטיקסטע פּראָבלעמען, וועלכע דאָס פּוילישע פאָלק אין קאָנגרעס־פּוילן האָט געדאַרפט לייזן: די נאַציאָנאַלע באַפרייונג און די פּויערים־פראַגע.

ווי אַזוי איז געווען די לאַגע אין שטאָט? דאָס אַראָפּנעמען אין יאָר 1851 די צאָל־באַריערן צווישן קאָנגרעס־פּוילן און רוסלאַנד, און אויך די גרויסע באַשטעלונגען, וועלכע זענען געמאַכט געוואָרן ביי די פּוילישע אינדוסטריעלער דורך דער צאַרישער רעגירונג אין צוזאַמענהאַנג מיט דער קרימער מלחמה (1853—1855), האָבן טאַקע געגעבן אַ באַדייטנדיקן רוק פאָרויס די אַנטוויקלונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט פון קאָנגרעס־פּוילן. אָבער גלייכצייטיק זענען, אין רעזולטאַט פון דער פרייער קאָנקורענץ מצד דער רוסישער אינדוסטריע, אַ סך קליינע פאַבריקאַנטן און האַנטווערקער געצוווּנגען געווען צו פאַרמאַכן זייערע וואַרשטאַטן. צוליב אָט דער קאָנקורענץ האָט אויך דער פּוילישער פאַבריקאַנט נאָך מער אויסגענוצט דעם פאַבריקס־אַרבעטער.[132] די עקאָנאָמישע לאַגע פון קאָנגרעס־פּוילן צוזאַמען מיט דער שרעקלעכער נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג פון די צאַרישע סאַטראַפּן — איז געווען די סיבה, וואָס סיי די פּויערים און סיי די שטאָטישע קלייןבירגער און דער אויפקומענדיקער אַרבעטער־קלאַס, און אפילו דער מיטעלער בורזשואַזער שיכט — זענען געווען געשטימט פּאַטריאָטיש־רעוואָלוציאָנער און געוואָרן די

---

131 Dzieła Marksa i Engelsa. Tom VI, str. 397. Wydawnictwo Instytutu Karola Marksa i Fryderyka Engelsa, Moskwa, listopad 1940.

132 וועגן דער אויסערגעוויינלעכער עקספּלאָאַטאַציע פון די אַרבעטער אין קאָנגרעס־פּוילן זאָגן עדות די ציפערן, וועלכע ס'גיט אָן ראָזאַ לוקסעמבורג. אין קאָנגרעס־פּוילן האָבן אין יאָר 1857 — 56,364 פאַבריקס־אַרבעטער אויסגעאַרבעט פּראָדוקציע פאַר 42,5 מיליאָן רובל, בעת אין רוסלאַנד האָבן 513,375 אַרבעטער אויסגעאַרבעט בלויז פאַר 168 מיליאָן רובל, (וויניקער ווי אַ העלפט), אין דער צייט, ווען די טעכניק אין רוסלאַנד איז זיכער דעמלט נישט געשטאַנען ני־דעריקער ווי אין קאָנגרעס־פּוילן, אין רוסלאַנד האָבן אין דורכשניט געאַרבעט 47 אַרבעטער אויף אַן אונטערנעמונג, אין ק. פּ. בלויז 5—4 אַרבעטער.

זע: ר לוקסעמבורג „די אינדוסטריעלע אַנטוויקלונג פון קאָנגרעס־פּוילן, פּעטערבורג, 1898, ז' 15, 74 (רוסיש).

טרייבקראַפט צום נאַציאָנאַלן אויפשטאַנד. דערביי דאַרף אויך דערמאָנט ווערן, אַז די מפּלות פון צאַרישן מיליטער אויפן קרימער פראָנט האָבן נישט ווינציק געוועקט ביי די דערמאָנטע שיכטן די האָפענונג צו דערגרייכן די פּוילישע אומאָפּהענגיקייט.

אָט די מאָמענטן, וועלכע האָבן געשטויסן אַ באַדייטנדיקן טייל פון דער באַפעלקערונג אין קאָנגרעס־פּוילן און בפרט די וואַרשעווער איינווינער, צום נאַציאָנאַל־באַפרייערישן קאַמף, האָבן אויך געמוזט באַווירקן די יידישע באַפעלקערונג. אין דער יידישער סביבה קומט פאָר, גלייכצייטיק מיטן שנעלן אַרויפאַרבעטן זיך פון אַ היפּש גבירים, אַ פּויפּעריזאַציע און דעקלאַסירונג פון אַ גרויסן טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג.[133] דאָס איז גורם, אַז אַ גרויסער טייל פון די יידישע פאָלקס־מענטשן, וואָס זענען זייט יאָרן געווען פאַרבונדן מיט די פּוילישע נאַציאָנאַלע שטרעבונגען און אויפשטאַנד־טראַדיציעס, זאָלן זיך אָנשליסן אין דער אַלגעמיינער פּאַטריאָטישער באַוועגונג. די יידישע בורזשואַזיע האָט גענוג ניכטער דערשאַצט די רעוואָלוציאָנערע שטימונג פון פּוילישן פאָלק און די מעגלעכע פּאָליטישע ענדערונגען, און זי איז טיילווייז אַפילו באַאיינפלוסט געוואָרן פון זיי. דערביי דאַרף מען אונטערשטרייכן, אַז די קאַפּיטאַליסטיש־עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג פון קאָנגרעס־פּוילן האָט געהאַט איר אויסווירקונג אויך אויף די אינערלעכע באַציונגען אין דער יידישער סביבה. אין דער איצטיקער אַנטוויקלונג פון דער אויפקומענדיקער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט האָבן גענומען אָנטייל אָנגעזעענע יידישע משפּחות פון אַלע שטרעמונגען, וועלכע האָבן געווירקט אויף דער יידישער גאַס. דאָס הייסט: די פּראָגרעסיסטן, מתנגדים און חסידים. די קאַפּיטאַליסטישע ווירטשאַפטס־פאָרם האָט זיי פינאַנסיעל און געשעפטלעך צונויפגעפלאָכטן. אָט די עקאָנאָמישע פאַרבינדונג האָט געמוזט אָפּשטומפּן דעם רעליגיעזן און געזעלשאַפטלעכן קאַמף, וועלכן זיי האָבן געפירט צווישן זיך. דאָס איז געווען די הויפּט־סיבה, וואָס די קאַמפן צווישן די דערמאָנטע ריכטונגען אין וואַרשע האָבן קיינמאָל נישט אָנגענומען אַזעלכע שאַרפע און אַגרעסיווע פאָרמען, ווי צווישן זייערע אידעען־חברים אין עקאָנאָמיש אָפּגעשטאַנענעם גאַליציע. בפרט איז געקומען אין וואַרשע אַ נאָענטערער געזעלשאַפטלעכער צוזאַמענאַרבעט צווישן די מתנגדים און פּראָגרעסיסטן (און אַפילו חסידים) בעת דער קאַדענצייט פון מתנגדישן הויפּט־רב חיים דאַוויד־

133 יעקב שאַצקי „געשיכטע פון יידן אין וואַרשע“, 2־ער באַנד, ז' 195.

זאָן, וועלכער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט רעליגיעזער טאָלעראַנץ.[134] די חסידים, הגם זיי זענען געווען די צאָלרייכסטע צווישן די אַנדערע גרו־פּירונגען, זענען אָבער צוליב די אויבן דערמאָנטע סיבות געווען געצוווּנגען צו זיין טאָלעראַנט צו זייערע אידעישע קעגנער און נישט געפּרווט פאַרכאַפּן די מאכט אין די יידישע אינסטיטוציעס, (אין דער קהלה א. א.) פאַרקערט, אין א ריי פאַלן האָבן זיי זיך פּאָליטיש אונטערגע־אָרדנט זייערע קעגנער.

פון אָט דעם געזאָגטן ווערט קלאָר, פאַרוואָס בעריש מייזעלס, וועלכער איז שוין געווען באַקאַנט ווי א קעמפער פאַר דער אומאָפּהענ־גיקייט פון פּוילן און ווי אַן אָנהענגער פון דעם געדאַנק, אַז כדי צו דערגרייכן רעכט פאַר יידן אין פּוילן איז נייטיק וואָס ענגער זיך צו פאַרבינדן מיט דער נאַציע, מיט וועלכער יידן ווינען צוזאַמען שוין אַזויפיל הונדערטער יאָרן, איז געווען דער פּאַסיקסטער קאַנדידאַט פאַר א הויפּט־רב פון די וואַרשעווער יידן. דאָס קלערט אונדז אויך אויף, פאַרוואָס מייזעלס האָט אין דעם וואַרשעווער רבנות־אַמט געזען דאָס העכערע אָרט פאַר זיינע פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע אַספּיראַציעס.

---

134 ווי למשל, דאָס יתומים־הויז אין וואַרשע איז געגרינדעט געוואָרן דורך דעם פּראָגרעסיסט מאיר בערזאָן, מתנגד זלמן אבראַמזאָן און דעם חסיד מ. ש. רויך. חיים דאַווידזאָן האָט זיך באַטייליקט אין אַלע פייערונגען פון דער „דויטשישער" שול, ווייל דאָרט האָבן געדאַוונט זיינע בעלי־בתים. ער האָט אויך גע־געבן זיין הסכמה אויף ליבקינדס סידור אין דער פּוילישער שפּראַך.

קאפיטל צען

די ערשטע טעטיקייט פון בעריש מייזעלס אין ווארשע

אין יאר 1856 קומט מייזעלס קיין ווארשע. שוין אין דער ערשטער דרשה זיינער האט ער זיך געגעבן צו דערקענען, אז ער נעמט אויף זיך נישט בלויז די אויפגאבע פון א גייסטיקן, נאר אויך פון א פאליטישן מנהיג פונעם יידנטום אין פוילן. אין זיין דרשה האט ער גערופן די יידן אין ווארשע צו לעבן בשלום און מאכן א סוף צו קנאה־ושנאה.[134*] אבער דאס זענען נישט געווען קיין גלאט ווערטער פון א רודף־שלומ־ניק. און זיין רוף האט נישט געקלונגען אלטרבניש, ווייל גאט האט ליב שלום, נאר „ווייל דער בשותפותדיקער שונא נוצט אוים די אינער־לעכע ארומרייסעניש פאר אייגענע צילן". ווער עס איז דער שונא, האט מען אין ווארשע גוט פארשטאנען. אט די דרשה קאן פאקטיש באטראכט ווערן ווי דער ערשטער רוף פון נייעם הויפט־רב צו די יידן אין קאנ־גרעס־פוילן, צום קאמף קעגן דעם צארישן אקופאנט, וועלכער איז דער שונא פון די יידן און פאליאקן. מייזעלס האט אבער געזען, אז מיט בלויז דרשות קען מען נישט דורכפירן קיין ראדיקאלע ענדערונג אין דער פאליטיק פון די יידן אין קאנגרעס־פוילן.

קודם־כל מוז מען אריינפירן ענדערונגען אין דער טעטיקייט פון דער ווארשעווער יידישער קהלה־פארוואלטונג. מע מוז אריינגעמען אין איר ארבעטס־פלאן דעם קאמף קעגן דער יידישער פאליטישער רעכט־לאזיקייט. און איינקלאנג דערמיט האט מייזלס שוין אין תחילת פון זיין אמטירן, ד. ה. אין יאר 1856 צוגעשיקט צום פארזיצער פון דער ניי־געוויילטער קהלה־פארוואלטונג מאטיאס ראזען, א בריוו[135] אין וועלכן

[134*] ציטירט לויט יעקב שאצקי „געשיכטע פון יידן אין ווארשע" 2־טער באנד, ז' 228.

[135] דארטן, ז' 179.

ער ווייזט אָן, אז מע קאָן נישט האָפן מילדער צו מאכן די פיסקאלישע גזירות, כל־זמן עס בלייבט די פּאָליטישע רעכטלאָזיקייט. כדי צו קאָנען אָנהייבן דעם פּאָליטישן קאמף, איז — לויט מייזעלסן — נייטיק:

1). איבערצורייסן מיט דער שתדלנישער טאקטיק פון די ווארשעווער יידן, וואָס איז באשטאנען אין „אָפּשרייען גזירות דורך מענטשן מיט פּרעסטיזש און מיט קאָנטאקט אין די הויכע פענצטער".

2). די ווארשעווער קהלה־פּארוואלטונג דארף אָנהייבן א קאָאָרדינירטע אקציע און ארויסטרעטן נישט בלויז ווי א פאָרשטייער פון דער ווארשעווער קהלה נאָר ווי א „מוטער־קהלה" פון אלע יידישע קהלות אין פּוילן.

דער נייער וועג, וועלכן ס'האָט אָנגעוויזן מייזעלס, איז געוואָרן אָנגענומען דורך דער קהלה־פּארוואלטונג. דערויף זאָגן עדות די 4 מעמאָראנדומס, וואָס זענען ארויסגעשיקט געוואָרן צו די מאכט־אָרגאנען אין משך פון צוויי יאָר (אויף די מעמאָראנדומס איז דער ערשטער געחתמעט מייזעלס, ערשט דערנאָך קומט די אונטערשריפט פונעם ראש־הקהלה). כדי זיך צו באקענען מיט דעם טאָן און מיט די מאָטיווירונגען פון די ווענדונגען, ווען מיר געבן אין קורצן דעם אינהאלט פון דעם מעמאָראנדום, וועלכן די ווארשעווער קהלה האָט ארויסגעשיקט דעם 26־טן פעברואר 1857 דירעקט צום צאר אלעקסאנדער דעם צווייטן,[136] נאָך דעם ווי ס'איז נישט געקומען קיין תשובה אויף די ערשטע צוויי ווענדונגען.

אין אריינפיר דערקלערן די מחברים, אז ווי דער אָרגאן און די רעפּרעזענטאנץ פון דער גרעסטער יידישער קהלה אין קאָנגרעס־פּוילן נעמען זיי זיך דאָס רעכט צו רעדן אין נאָמען פון אלע יידן אין קאָנגרעס־פּוילן. נאָך דעם ווי ס'ווערט אָנגעוויזן, אז יורידיש גענומען האָבן די באגרענעצונגען פאר די יידן אין פּוילן געזאָלט טראָגן בלויז א צייטווייליקן כאראקטער, באטאָנען די מחברים:

„זינט ס'איז ארויס די פאראָרדנונג פון קייסער ניקאָלאַי דעם ערשטן פון סעפּטעמבער 1843, ווערן די יידן וואָס וווינען אין פּוילישן קעניגרייך, געהופן צו פערזענלעכע דינסטן אינעם מיליטער פון רוסישן קייסערטום. דערמיט זענען זיי געוואָרן אויסגעגלייכט

[136] דער טעקסט פון מעמאָראנדום איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן דורך י. קאָנדעל אין Kwartalnik poświęcony badaniu przeszłości Żydów w Polsce.

מיט די אנדערע איינוווינער אָן אונטערשיד פון גלויבן, און טראָגן אלע לאסטן. אין רעזולטאט פון אָט דער אלהעכסטער פאראָרדנונג האָבן אונדזערע מיטגלידער אין דער לעצטער שווערער פרוביר־צייט אויפגעשטעלט זייער ברוסט קעגן די קוילן פון די שונאים, וועלכע זענען באפאלן אונדזער פאָטערלאנד. מיט זייער פארגאָסן בלוט האָבן זיי מיטגעווירקט צום רום פון דעם נישט באזיגלעכן רוסישן געווער".

ווייטער זאָגט זיך אין דעם מעמאָראנדום, אז פון יאָר 1843 האָבן די יידן כסדר געהאָפט:

„עס וועט זיי געגעבן ווערן רעכט צוגלייך מיט די בירגער פון אנדערע גלויבנס, און דאָך איז ביז איצט די סיטואציע פון די אלט־גלויביקע נישט אויסגעבעסערט געוואָרן. די אויסנעם־רעכט און פריווילעגיעס, וואָס זענען אונטער געוויסע באדינגונגען געגעבן גע־וואָרן איינצעלנע פערזאָנען פון משהס גלויבן, זענען בלויז אַ פאר־לייכטערונג פאר אַ גאָר באגרענעצטער צאָל יחידים און האָבן נישט קיין אויסווירקונג אויף דעם מיטעלן און אָרעמען קלאס.

דער מעמאָראנדום שטעלט ווייטער פעסט:

„די יידן וווינען דאָ אין לאנד שוין אַן ערך פון אַ זעקס יאָר־הונדערט, האָבן זיך צוגעאייגנט די דאָזיקע ערד און שטעלן מיט זיך פאָר אַן אינטעגראלן טייל פון דער אלגעמיינער נאציאָנאלער גאנצקייט. זיי באזיצן אין דעם לאנד אַ סך אומבאוועגלעכע פאר־מעגנס, הייזער און פאבריקן. אַ וויכטיקער טייל פון דער אינדוס־טריע געפינט זיך אין זייערע הענט, און מיט די שטייערן, וואָס זיי צאָלן, פילן זיי אויס אַ נישט־קליינע רובריק אין דעם בודזשעט פונעם מלוכה־אוצר און פון דעם קעניגלעכן שטאָט".

ווייטער לייענען מיר אין מעמאָראנדום:

„הגם מע האָט צוגעשריבן די יידן אַן אומווילן צו באשעפ־טיקונגען, וואָס פאָדערן שווערע און דויערנדיקע מי, איז שווער נישט צו אָנערקענען, אז די אלט־גלויביקע גיסן זיך וואָס אמאָל מער צונויף מיט דעם רעשט געזעלשאפט, העלפנדיק זיך קעגנדייטיק אין פיזישער און מאָראלישער טעטיקייט. מיר זעען אַ באדייטנ־דיקן טייל פון זיי באשעפטיקט אין פאבריקן, זיי פירן אויס פארשידענע האנטווערקער־ארבעטן, טראָגן משאות, זענען פורמא־נעס און פארנעמען זיך מיט טראנספּאָרט־ארבעט, ארבעטן אין ציגל־פאבריקן, ביי שאָסיי־בוי און אנדערע ענלעכע ארבעטן. דער

דאָזיקער שיכט צייכנט זיך אויס מיט זיין ערלעכקייט, מיט א ניכ־טער און שפּאָרזאַם לעבן, און אויך מיט זאָרג פאר דער עקזיס־טענץ פון זיינע פאמיליעס, מיט וועלכע ער טיילט זיינע פאַרדינסטן. דאָס נעמלעכע איז אויף דעם געביט פון וויסנשאפט, בילדונג און קונסט. דאָרטן, וווּ זיי זענען נאָר פאר יידן צוטריטלעך, בלייבן די־די יידן נישט היינטערשטעליק איינעם פארמעסט מיט אנדערש־גלוי־ביקע. אַן אָנגעזעענער טייל פון דער יידישער יוגנט לערנט זיך אין אַלגעמיינע שולן, אָדער אין ספּעציעלע שולן פאר יידן, וועלכע גע־פינען זיך אונטער דער דירעקטער השגחה פון דער רעגירונג. צווישן די היגע אַלט־גלויביקע פעלן נישט קיין דאָקטוירים, אַגראָנאָמען, לערער, מאָלער, ליטאָגראַפן, דערפינדער, שרייבער פון וויסנשאַפט־לעכע ווערק, וועלכע האָבן באַקומען די אַלגעמיינע אָנערקענונג פאר זייערע פאַרדינסטן לטובת הכלל.

„אויב ביז איצט — לייענען מיר ווייטער — האָבן זיך נאָך נישט אַלע יידישע איינוווינער, און אויך נישט אין אַלץ, דערנענ־טערט איינעם שטייגער, אין געזעלשאַפטלעכן לעבן, צו די איבעריקע בירגער, ליגט די סיבה, לויט דער מיינונג פון דער קהלה־פאַרוואַל־טונג, נאָר אין דעם, וואָס ביי יעדער געלעגנהייט ווערן זיי אויס־געטיילט פון דער אַלגעמיינקייט (ציבור) דערמיט, וואָס מע באַ־שטימט פאר זיי באַזונדערע פאָרמען און פאָרשריפטן".

נאָכן אַריינפיר גייט דער מעמאָראַנדום איבער צו קאָנקרעטע פאָ־דערונגען וועגן באַזייטיקן די באַזונדערע אויסנאַם־געזעצן און ספּעציעל די יידישע שטייערן. ביים באַגרינדן די נויטווענדיקייט צו באַזייטיקן דעם כשר־פלייש־שטייער ווערט אונטערגעשטראָכן, אַז דער שטייער טרעפט צומשווערסטן דעם יידישן האַנטווערקער, פויער און שטיינהאַ־קער, וועלכע קאָנען נישט עסן קיין שטיקל פלייש צוליב דעם, וואָס דער שטייער פאַרטייערט עס. באַגרינדנדיק די נויטווענדיקייט צו ליקווידירן די רעווירן פאר יידן און די וויזן־באַגרענעצונגען אויפן דאָרף, שרייבט דער מעמאָראַנדום:

„די אַלט־גלויביקע אין דאָזיקן לאַנד שטעלן מיט זיך נאָר א מיטל־שיכט־באַפעלקערונג צווישן דער שליאַכטע און פויערים. ווען דאָס וווינען אין די שטעט און דערפער וואָלט געווען פאר זיי אומ־באַגרענעצט, וואָלטן זיי געקאָנט אומעטום אַנטוויקלען אַן אינדוסט־ריעלע און האַנטווערקערישע טעטיקייט, וואָס איז איינע פון די־

וויכטיקסטע באדינגונגען פארן ווילשטאנד פון לאנד און זיינע איינוווינער".

ווייטער ווייזט דער מעמאראנדום אן, אז דער פארבאט צו וווינען אין די דערפער האט אייגנטלעך פאראליזירט ביי די יידן דעם חוש פאר ערד־ארבעט. האקיגן:

„דאס דערנענטערן זיך פון די יידן צו די פויערים וואלט גע־קאנט ברענגען א סך גוטע פרוכטן, ווייל די ערשטע (ד. ה. די יידן — א. ק.) וואלטן זיך פארקוקט אויף דער ארבעט און אויף דעם לעבן פון פויער... די צווייטע (ד. ה. די פויערים — א. ק.) וואלטן געהאט פאר זיך א מוסטער פון שפארזאמקייט, פארזיכטי־קייט בנוגע דער צוקונפט און פון מקריב זיין די פרייע צייט פאר דער ארבעט אין דעם משפחה־קרייז ווי אויך פאר רעליגיעזע בא־טראכטונגען, און קודם־כל — א מוסטער פון באשיידענער ניכ־טערקייט, דאס, וואס פעלט דעם פויער, און איז גורם, אז ער פארשווענדט זיין גאנץ גוטס, וואס איז מיט אזויפיל שווייס איינ־געשאפט געווארן".

גאר אינטערעסאנט זענען אויך געוויסע מאמענטן פונעם צווייטן, לויט דער ריי, מעמאראנדום פון אנהייב יאר 1857, אין וועלכן די ווארר־שעווער קהלה פארופט זיך אויף דעם ביישפיל פון פויזנער געגנט, ווו יידן ווערן גוטע בירגער מאקע צוליב דעם, וואס מע האט זיי געגעבן בירגער־רעכט. אין דאזיקן מעמאראנדום ווערט שטארקער אונטערגע־שטראכן די נויטווענדיקייט פון אפשאפן דעם כשר־פלייש־שטייער. די קהלה לייגט פאר א פראקטישן פארשלאג: אויב דער פינאנס־אמט האלט, אז מע קאן צוליבן היזק פון דער מלוכה נישט אפשאפן דעם שטייער פאר כשר־פלייש, זאל מען ארויפלייגן א נייעם אלגעמיינעם אומדי־רעקטן שטייער אויף אלע איינוווינער פון לאנד: דאס וועט זיכער אריינברענגען מער איידער דער כשר־פלייש־שטייער.[136*]

די מעמאראנדומס פארמאגן, ווי מיר האבן געזען, א ריי פאלשע ארגומענטן, אבער איינצייטיק א ריי אזעלכע ארגומענטן, וועלכע דארפן אונטערגעשטראכן ווערן, ווי למשל:

1. דאס אונטערשטרייכן די היסטארישע רעכט פון די יידן אין פוילן צו דער פוילישער ערד;

[136*] יעקב שאצקי „געשיכטע פון יידן אין ווארשע", באנד 2, ז' 181.

2. דאָס קלאָרע דערקלערן פאַר דער רוסישער מאַכט, אַז די יידן אין פוילן באַטראַכטן זיך פאַר אַן אינטעגראַלן טייל פונעם פוילישן נאַציאָנאַלן כלל;

3. דאָס אָפּוואַרפן דאָס באַשענקען מיט רעכט און פּריווילעגיעס „פאַרדינטע יחידים";

4. דאָס ארויסהייבן די פאַרדינסטן פונעם יידישן אַרבעטער און האַנטווערקער, ווי א וויכטיקן מאָמענט ביים אויסקעמפן בירגער־רעכט פאַר די יידישע פאָלקס־מאַסן;

5. דער לייט־מאָטיוו פון אַלע צוגעשיקטע מעמאָראַנדומס איז דער פּראָטעסט־אויסדרוק קעגן דעם אויפגעצוווּנגענעם עקאָנאָמישן און קול־טורעלן געטאָ פון די יידן אין פוילן, וואָס איז אַ פּועל־יוצא, ווי עס שטרייכט אונטער דער ערשטער מעמאָראַנדום פון יאָר 1856, פון דער יידישער רעכטלאָזיקייט.

ס'איז קלאָר, אַז די מעמאָראַנדומס האָבן נישט געקאָנט געבן קיין ממשותדיקן רעזולטאַט, ווייל נישט בלויז די ארויסגערוקטע פאָדערונגען און זייערע מאָטיווירונגען זענען נישט געווען אָננעמבאַר פאַר דער צאַ־רישער מאַכט, נאָר שוין דאָס בלויזע נעמען זיך דורך דער וואַרשעווער קהלה דאָס רעכט צו רעדן אין נאָמען פון די יידן אין קאָנגרעס־פוילן איז זיכער באַטראַכט געוואָרן ווי אַ בונט.[137] עס דאַרף אָנגעוויזן ווערן, אַז נישט בלויז די אָקופּאַנטישע מאַכט איז נישט מסכים געווען מיט די יידישע מעמאָראַנדומס, נאָר אויך ביי די העכערע פוילישע באַאַמטע פון דער וואַרשעווער אָקופּאַנטישער רעגירונג האָבן די דרייסטע יידישע פאָ־דערונגען ארויסגערופן אויפרעגונג, און זיי האָבן גענומען אויף זיך די מיסיע ארויסצוטרעטן קעגן די יידישע פאָדערונגען און אָפּענטפערן דער וואַרשעווער קהלה.[138] אין דער זעלבער צייט האָט די וואַרשעווער פּרעסע („גאַזעטאַ וואַרשאַווסקאַ"), און אַפילו אַ טייל פון דער עמיגראַנ־טישער פּרעסע, אויפגעהויבן אַן אַנטי־יידישע העצע.[139] אויך פון דער

---

[137] אויף וואָס עס קאָן עדות זאָגן דעם נאָמיעסטניק גאָרטשקאָווס דערקלע־רונג וועגן דעם צאַרס אָפּוואַרפן דעם „אַדרעס" פון 1860, וועגן וועלכן מיר וועלן שרייבן אין די ווייטערדיקע קאַפּיטלען. זע וועגן דעם „היסטאָריאַ דוווך לאַט", באַנד II ז' 170.

[138] יעקב שאַצקי „געשיכטע פון יידן אין וואַרשע", 2 טייל, ז' 185.

[139] ווי דער אָרגאַן „פשעגלאָנד זשעטשי פּאָלסקיך" 1858, רעדאַגירט דורך סעווערין עליזאַנאָווסקי, אַרום וועלכן ס'האָבן זיך גרופּירט געג' וויסאָצקי, מילאָווסקי א. אַנד. ליבעראַלן.

פּראָווינץ זענען אָנגעקומען ידיעות וועגן אַנטי־יידישע ארויסטרעטונגען. אין שטעטל טורעק איז אפילו געקומען אום יום־כּיפּור צו א פּאָגראָם. חאָטש אַלץ האָט אָבער נישט באַוויזן אָפּצושוואַכן מייזעלס גלויבן אינעם זיג פון זיין הויפּט־אידעע, וואָס ער האָט געשטעלט פאר זיך: מיטצו־ווירקן צו דער פאַרברידערונג פון די יידן און פּאָליאַקן, וואָס זאָל דער־מעגלעכן אויפצוהייבן א געמיינזאַמען קאַמף קעגן דעם הויפּט־שונא, דעם צארישן אָקופּאַנט.

ד״ר מאַרקוס יאַסטראָוו דערמאָנט מיט א סך יאָרן שפּעטער יענע צייט, ווען ער איז אָנגעקומען קיין וואַרשע (1858 און האָט אָנגעהויבן צו אַרבעטן פאר א דערנעענטערונג צווישן יידן און פּאָליאַקן. ער שרייבט וועגן מייזעלס טעטיקייט אין דעם פּעריאָד אָט וואָס:

„דער וואַרשעווער רב מייזעלס האָט מיך אין דער זאַך פון דער יידיש־פּוילישער פאַראייניקונג אונטערגעשטיצט און, בעסער געזאָגט, ער איז געווען מיין פאָרגייער, וועלכן ס'איז דערנאָך אויס־געקומען צו פאַרלאָזן צוזאַמען מיט מיר דאָס אָרט, וווּ ליבע און אייניקייט איז געווען דער הייליקסטער ציל, צו וועלכן ער (מיי־זעלס), האָט געשטרעבט. אָט די ליבע און אייניקייט איז דער פּרעכטיקסטער דענקמאָל, וועלכן ער האָט נאָך זיך איבערגע־לאָזט...".[140]

מייזעלס האָט באַשלאָסן נישט צו באַגנוגענען זיך בלויז מיט פּראָ־פּאַגירן די פאַרברידערונג־אידעע, נאָר איבערצוגיין אויך צו מעשים. אין יאָר 1858 האָט מייזעלס פאַראָרדנט איינצופירן דעם לימוד פון פּויליש און חשבון אין די תלמוד־תורות, וועלכע זענען אויסגעהאַלטן גע־וואָרן דורך דער קהלה און האָבן זיך געפונען אונטער זיין, מייזעלס, קאָנטראָל. דער באַשלוס זיינער האָט געהאַט א קאָלאָסאַלע באַדייטונג נישט בלויז פאר וואַרשע, נאָר אויך פאר א סך יידישע קהלות אין דער פּראָווינץ.[141] שטיצנדיק זיך אויפן אויטאָריטעט פון מייזעלסן, האָבן זיי

[140] ציטירט לויט: M. Bałaban: „Żydzi w powstaniu 1863". Warszawa, 1938 r., str. 579.

[141] ד״ר י. שאַצקי גיט איבער, אַז אין פּראָפ. אַשכּנזים אַרכיוו האָבן זיך גע־פונען בריוו צו מייזעלסן פון לובלין און אַנדערע פּראָווינץ-שטעט, אין וועל־כע זיי פרעגן ביי אים וועגן דעם אופן פון איינפירן פּויליש אין די תלמוד-תורות.

אײַנגעפֿירט דעם לימוד פֿון פּויליש אין די תּלמוד־תּורות. די ייִדן האָבן פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס אײַנפֿירן פּויליש מיינט נישט בלויז אויסלערנען די קינדער די לאַנדשפּראַך, נאָר אויך דערציִען און אַדורכדרינגען זיי מיטן גייסט פֿון אַ געמיינזאַמער קולטור. אויף דעם קאָן עדות זאָגן דער בריוו פֿון אַ וואָלאַצלאַוועקער ייִד, וועלכער שרײַבט: „ס'איז שוין נישטאָ קיין הויז אין אונדזער שטאָט, וווּ קליינע קינדער זאָלן נישט זײַן דערצויגן מיט דער הילף פֿון דער פּוילישער שפּראַך".[142] דער שריט פֿון אײַנפֿירן פּויליש ווי אַ לימוד אין די תּלמוד־תּורות איז געווען פֿון מײַזעלס זײַט אַ געניאַל געוואַגטער, ווײַל ער האָט געוווּסט, אַז קעגן דעם וועלן שאַרף אַרויסטרעטן די חסידים. אים איז אויך געווען גוט באַקאַנט, אַז די צאַרישע אַקופּאַציע־מאַכט קוקט בייז אויף יעדער דערנענטערונג וואָס די ייִדן ווײַזן אַרויס צום פּוילישן פֿאָלק און זײַן קולטור און פֿאַרקערט. אָבער דער דאָזיקער אויפֿטו איז אין יענער צײַט געווען דער בעסטער ענטפֿער די הויכע פּוילישע באַאַמטע, וועלכע האָבן אין דינסט פֿון דער אַקופּאַציע־מאַכט געשריבן, אַז די ייִדן איז פֿרעמד די קולטור פֿון לאַנד און מע קאָן בכלל נישט האָפֿן, אַז זיי וועלן זיך אַמאָל צואייגענען די קולטור.[143]

מײַזעלסן איז נישט לאַנג אויסגעקומען צו וואַרטן אויף דער פּויליש־ייִדישער דערנענטערונג און אויף זייער געמיינזאַמער אַקציע קעגן דער אַקופּאַנטישער מאַכט. אָנהייב 1859 האָט די אַנטיסעמיטישע העצע דערגרייכט איר קולמינאַציע־פּונקט. דאָס איז געווען דער אָנגריף פֿון די אַנטיסעמיטישע רעדאַקטאָרן פֿון דער „גאַזעטאַ וואַרשאַווסקאַ" לעשניעווסקי און קעניג. דער אָנגריף איז — לויט מײַזעלס רעוועלאַציעס — פּלאַנירט געוואָרן דורך זיי צוזאַמען מיט דעם טרויעריק־באַרימטן דירעקטאָר פֿאַר אינערלעכע ענינים, מוכאַנאָוו.[144] די היימישע פֿאָלקס־פֿאַ־

---

[142] „יוטשזשענקאָ" נומ' 6, 1861. דערבײַ איז כּדאַי צו באַמערקן, אַז די ייִדן פֿון וולאָצלאַוועק האָבן זיך געפֿונען אונטער דער שטאַרקער השפּעה פֿון בעריש מײַזעלס. דאָס איז צו זען פֿון זייער קאָרעספּאָנדענץ מיט מײַזעלסן, וועלכע מיר וועלן ברענגען אין די ווײַטערדיקע קאַפּיטלען. אויך דער דערמאָנטער וולאָצלאַוועקער רב קאַראָ, וועלכער איז שוין געווען אַ מער אויפֿגעקלערטער מתנגד, טיטולירט אין זײַן ספֿר „קול אומר קרא" בעריש מײַזעלסן, ווי דעם פֿירער פֿון פֿאָלק, רבא דעמאָ, מדברנא דאומתא).

[143] יעקב שאַצקי: „געשיכטע פֿון ייִדן אין וואַרשע". 2־טער באַנד ז' 186.

[144] מײַזעלס שרײַבט אין זײַן אויפֿרוף פֿון 13.3.1861 צו די ייִדן פֿון קאָנגרעס־פּוילן, אַז מוכאַנאָוו איז געווען דער אינספּיראַטאָר פֿון דער אַנטיסעמיטישער

רעטער צוזאמען מיט די הויכע צארישע באאמטע האבן מיט זייער אנטיסעמיטישער פרעסע־אקציע געצילט צו שאפן אין ווארשע אזא שטימונג, אז די ווארשעווער יידן זאלן אריינגעצויגן ווערן אין א קאמף קעגן די פאליאקן און ממילא זיך קעגנשטעלן די פוילישע נאציאנאלע שטרעבונגען. וועגן די „דערגרייכטע דערפאלגן" האט דער שטעל־פארטרעטער פון נאמיעסטניק גענעראל־גובערנאטאר פאניוטין מיטגעטיילט קיין פעטערבורג.[145] זייערע פארעטערישע כוונות זענען דעמאסקירט געווארן דורך די רוסישע און פוילישע דעמאקראטישע פירער פון יענער צייט. דער באוווסטער רוסישער רעוואלוציאנערער דעמאקראט הערצען איז ארויס מיט אן ארטיקל אין זיין „קאלאקאל", אין וועלכן ער קריטיקירט שארף די פוילישע אנטיסעמיטן און דעמאסקירט זיי ווי אזעלכע, וואס פירן זייער אנטיסעמיטישע ארבעט אונטערן שוץ פון די צארישע באאמטע.[146] אויך דער גרייז־גראער לעלעוועל איז ארויסגעטרעטן מיט א גרעסערן בריוו, וועלכן ער ענדיקט מיט די פאלגנדיקע ווערטער: „ווען אין יאר 1794 האט א פארצווייפלונג ארומגעכאפט די הויפטשטאט, האבן יידן נישט ארויסגעוויזן קיין פחד פארן טויט. אויסמישנדיק זיך צוזאמען מיטן מיליטער און פאלק, האבן זיי באוויזן, אז קיין שום סכנה איז פאר זיי נישט שרעקלעך, ווייל די זאך פון פאטערלאנד איז זיי ליב".[147]

אונטערן דרוק פון הערצען און לעלעוועל און אונטערן דרוק פון דער פראגרעסיווער שטעלונג פון א באדייטנדיקן טייל פון פוילישן פאלק,

---

פרעסע־קאמפאניע. אז דאס איז אמת, קאן פעסטגעשטעלט ווערן דורך דעם פאקט, וואס עס גיט אן מאיר ראזענבלאט, אויפן סמך פון ארכיוואלע דאקומענטן, אז ווען די צענזור האט מער נישט דערלויבט צו שרייבן וועגן דעם ענין, האט מוכאנאוו געעצהט לעשניעווסקין צו דרוקן פלוגבלעטלעך, וועלכע (ער, מוכאנאוו) וועט דערלויבן צו קאלפארטירן. (מאיר ראזענבלאט אין זיין מאגיסטער־ארבעט: „ווארשעווער יידן ערב דעם יאנואר־אויפשטאנד". כתב־יד אין יוה"א אין ווארשע).

[145] דער עסטרייכישער גענעראל־קאנסול לעדערער האט דעם 1־טן פעברואר 1859, געשיקט וועגן דעם ענין לעשניעווסקי אן אויספירלעכן ראפארט קיין ווין, אין וועלכן ער שרייבט וועגן די שטימונגען, וואס די קאמפאניע שאפט און וועגן אירע פאלגן, און ער גיט אויך איבער, אז דער גענעראל־גובערנאטאר פאניוטין האט וועגן דעם אלעמען מיטגעטיילט קיין פעטערבורג.

[146] לויט ווי עס גיט איבער ווילהעלם פעלדמאן אין דער „געשיכטע פון פוילישן פאליטישן געדאנק", ז"ז 412—410.

[147] ד"ר געלבער: „די יודען אונד דער פאלנישער אויפשטאנד 1863", ביילאגע 1, ז' 164. (ציטירט לויט וו. פעלדמאן, דארטן).

האָט די פּוילישע פּרעסע, אפילו דער אָרגאַן פון האָטעל לאַמבערט „וויאַ־ראָמאָשטשי פּאָלסקע" זיך אָפּגעקערט פון לעשניעווסקין און זיינע חברים. פאַר דעם גרעסטן טייל פון פּוילישן פאָלק איז אַלץ מער קלאָר געוואָרן די נויטווענדיקייט פון דער פּויליש־יידישער דערנענטערונג סיי פאַר דעם עקאָנאָמישן אויפבוי פון לאַנד, סיי פאַר דעם סאָציאַל־ און נאַציאָנאַל־באַפרייענדיקן קאַמף.

קאַפּיטל עלף

די פּאַטריאָטישע מאַניפעסטאַציעס אין 1860—61

כדי ווי גענעריק אַפּצושאַצן מיזעלס אַנטייל און ווירקונגען אין די געשעענישן בעת דער שטורעמדיקער צוגרייטונג צום יאַנואַר־אויפשטאַנד, איז נייטיק זיך צו באַקענען מיט די פּאָליטישע ריכטונגען אין יענער צייט.

די טויזנטער צוריקגעקומענע פון דער פאַרשיקונג „סיביריאַקעס" נאָך דער אַמנעסטיע פון יאָר 1856, און אויך די פון אויסלאַנד צוריקגעקומענע שטודירנדיקע יוגנט, וועלכע האָט זיך געפונען אונטער דעם איינפלוס פון מיעראָסלאַווסקין, האָבן אַריינגעבראַכט אין לאַנד אַ שטאַרקן שטראָם פון רעוואָלוציאָנערן פּאַטריאָטיזם.[148] אין דער צייט זענען אַנטשטאַנען רעוואָלוציאָנערע קרייזלעך אין וואַרשע און אין אַנדערע געגנטן. דער עקאָנאָמישער קריזיס פון סוף 1857 האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט די רעוואָלוציאָנערע שטימונג צווישן די פאַראָרעמטע פאָלקס־מאַסן. דאָס האָט געגעבן אַ מעגלעכקייט די אַנטשטאַנענע רעוואָלוציאָנערע קרייזלעך, „די רויטע", אין סוף פון די פופציקער יאָרן זיך צו קאָנסאָלידירן און אַנטוויקלען אַ קאָנספּיראַטיווע רעוואָלוציאָנערע טעטיקייט, אַריינצודרינגען אַלץ מער צווישן דער שטאָטישער אָרעמקייט און דעם קליינבירגערטום.

די באַזיצנדיקע שליאַכטע, וועלכע האָט ווי פאַר פייער מורא געהאַט פאַר דער מעגלעכקייט פון אַ נאַציאָנאַלן אויפשטאַנד, וואָס וואָלט אויפגעהויבן אַ רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג צו לייזן די פּויערים־פראַגע, האָט זיך פאַראייניקט אונטער דער אָנפירונג פון גראַף אַנדזשעי זאַמאָיסקי אין דער א. ג. „לאַנדווירטשאַפטלעכע געזעלשאַפט". אין קעגנזאַץ צום מאַרקגראַף וויעלאָפּאָלסקי, וועלכער האָט אָפן געפּריידיקט טרייזשאַפט צו

[148] Jeziorański Antoni: Pamiętniki Powstania 1863, Lwów, 1880, t. I, str. 54—55.

דער צאַרישער קרוין, האָט זאַמאָיסקי געפּרוווט קאָנצענטרירן די אידעע פון נאַציאָנאַלן אויפשטאַנד דורך אַרויסרוקן דעם לאָזונג: „דערגרייכן פוילנס אומאָפּהענגיקייט דורך „אָרגאַנישער אַרבעט" ד. ה. אויסבויען בהדרגהדיק די עקאָנאָמיע פון לאַנד אין די ראַמען פון פעאָדאַלן סיסטעם.[149]

אויך א טייל פון דער בירגערלעכער אינטעליגענץ און יוגנט האָט זיך אָרגאַניזירט אין א קרייז אונטער דער אָנפירונג פון עדוואַרד יורגענס. דער קרייז האָט זיך אונטערשיידט פון דער „לאַנדווירטשאַפטלעכע געזעלשאַפט" מיט דעם, וואָס ער האָט בלויז אין פּלוג אָנערקענט די נויטווענדיקייט פון א נאַציאָנאַלן אויפשטאַנד, אָבער אָפּגעלייגט אים ביז פוילן וועט שוין זיין גענוג שטאַרק און צוגעגרייט (מיעראָסלאַווסקי האָט זיי א נאָמען געגעבן „מיליאָנערן", ד. ה. אַזעלכע, וואָס לייגן אָפּ דעם אויפשטאַנד אויף טויזנטער יאָר). די וואַרשעווער בורזשואַזיע, וועלכע האָט זיך געזאַמלט אין דער „רעסורסא קופּיעצקאַ", איז געשטאַנען פּאָליטיש נאָענט צו עדוואַרד יורגענס קרייז. אין 1860 האָבן די אויסגערעכנטע רעכטע גרופּירונגען געשאַפן א געמיינזאַמע קערפּערשאַפט א. נ. דירעקציע „פון די ווייסע".

די אויסגערעכנטע קרייזן פון די „ווייסע" האָט פאַראייניקט איין געדאַנק: נישט דערלאָזן צו א נאַציאָנאַלן אויפשטאַנד, וואָס וואָלט געקאָנט ווערן געפערלעך פאַר זייערע קלאַסן־אינטערעסן. אין א טייל וויכטיקע פראַגן איז אָבער נישט געווען קיין איינהייטלעכע מיינונג צווישן זיי. שוין דער באַגריף פון דער „אָרגאַנישער אַרבעט", וואָס איז געווען דער הויפּט־לאָזונג פון דעם גאַנצן „ווייסן" לאַגער און האָט געזאָלט פאַרענטפערן אַלע נאַציאָנאַל־פּאָליטישע און עקאָנאָמישע פּראָבלעמען פון לאַנד, איז געוואָרן אַנדערש אויפגעפאַסט און קאָמענטירט דורך דער גרויס־באַזיצעדיקער שליאַכטע פון דער „לאַנדווירטשאַפטלעכע געזעלשאַפט" און אַנדערש דורך דער שטאָטישער בורזשואַזיע. די ערשטע האָבן אפילו פאַרשטאַנען דאָס אומפאַרמיידלעכע אַריינדרינגען פון די קאַפּיטאַליסטישע ווירטשאַפטס־פאָרמען און די נויטווענדיקייט פון אָננעמען זיי אויך אין דער לאַנדווירטשאַפט, האָבן אָבער געהאַלטן פאַר דעם רענטאַבלסטן פאַר זיך אַזאַ ווירטשאַפט־פאָרם, וואָס וועט פאַראייניקן אין זיך די עלעמענטן פון פעאָדאַלן און קאַפּיטאַליסטישן סיס־

[149] פשיבאָראָווסקי אין „היסטאָריאַ דוווך לאַט", באַנד 1, זייט 140.

טעם.[150] צוליב דעם האָט זי געוואָלט זען א שטופנווייזע עוואָלוציע פון דער עקאָנאָמישער אנטוויקלונג און די פּאָליטישע און ווירטשאַפטלעכע רעפאָרמען, וועלכע זאָלן נישט ברענגען צו דער ליקווידירונג פון דער הערמאָנטער ווירטשאַפט־פאָרם, נאָר פארקערט, זיין פאר איר אן אָנשפּאר און פארשטארקונג. די שטאָטישע בורזשואזיע האָט אָבער א סך ברייטער פארשטאנען די באגריפן פון דער קאפּיטאליסטישער אנטוויקלונג און ממילא אנדערש אויפגעפאסט דעם לאָזונג פון „אָרגאנישע ארבעט”. פון דעם האָבן זיך גענומען די חילוקי־דעות אין די רייען פון די „ווייסע”, דער עיקר אינעם צוגאנג צו אזעלכע פראגן ווי, למשל, וועגן איינפירן ראדיקאלערע רעפאָרמען אין דעם פאנשטשיזנע־סיסטעם. אין דער פראגע האָבן יורגענס גרופּע און די קרייזן פון „רעסורסא קופּיעצקא” געהאט א מער פּראָגרעסיווע שטעלונג איידער זייערע שותּפים פון דער „לאנדווירטשאפטלעכע געזעלשאפט”.

די זעלבע מיינונגס־פארשידנקייטן זענען אויך געווען בנוגע דער יידן־פראגע.[151] די „לאנדוו. געז.” איז געווען קעגן גלייכבארעכטיקונג פאר יידן. זי האָט נישט געוואָלט אָננעמען פאר קיין מיטגליד דעם באוווסטן פּוילישן שרייבער קראשעווסקי (אין יאָר 1860), צוליב זיין אָננעמען דעם אמט פון רעדאקטאָר פון „גאזעטא צאָדזשעננא”, וועלכע איז, נאָכדעם ווי קראָנענבערג האָט זי אָפּגעקויפט, פארוואנדלט געוואָרן אין אן אָרגאן פון דער ווארשעווער בורזשואזיע און ארויסגעוויזן א פּאָזיטיווע שטעלונג צו דער גלייכבארעכטיקונג פון יידן. קראשעווסקי שרייבט שפּעטער וועגן דער דעמלטיקער שטעלונג פון דער „לאנדוו. געזעלשאפט” אט וואָס:

---

[150] Dranicyn, S. N.: Polskoje Wostanie 1863 goda i jewo klasowaja suszcznost'. (Ł), Socegiz 1937, str. 145.

[151] מע דאַרף געדענקען, אַז דער קאַמף קעגן יידן, וועלכער האָט זיך פאַרשאַרפט אין דער צווייטער העלפט פון די זעכציקער יאָרן, האָט זיך פאקטיש אָפּגעשפּילט אונטער דעם לאָזונג פאַר אָדער קעגן אינדוסטריאַליזאַציע. אַזוי, למשל, שרייבט איגנאַצי יוזעף קראַשעווסקי, וועלכער איז אין די פופציקער יאָרן געווען אַ קעגנער פון אינדוסטריאַליזאַציע, אין זיין בוך „צוויי וועלטן”: „די וועלט ווערט איבערגעאַרבעט אויף אַ גרויסער ווירטשאַפטלעך־אינדוסטריעל־סוחרישער קאַנטאָר — — — — דאָס לעבן איז אַ טאָפּלטע בוכהאַלטעריע דורך „האַבעט” און „דעבעט”. ניין, דאָס איז שרעקלעך — — — אָט די וועלט זייערע קאָן אייערע נישט זיין — דער מענטש דאַרף עפּעס מער, ווי דאָס בהמהדיקע עסן און די יידישע גראָשנס”. (אונטערגעשטראָכן דורך מיר — א. ק.).

„ביז צו דער לעצטער צייט האָבן זיך דער פּרעזעס פון דער געזעלשאַפט און דער קאָמיטעט מיט אַלע כּוחות קעגנגעשטעלט יעדן ראַדיקאַלערן און געוואַגטערן שריט אין דער פּויערים־פראַגע, זיי האָבן אָפּגעשטויסן די שטאָטישע בירגער און די יידן...".[152]

דאַקעגן האָט יורגענס גרופּע מסכּים געווען אַוועקצושטעלן אויף דער טאָג־אָרדנונג די פראַגע פון גלייכבאַרעכטיקונג פאַר יידן.[153]

ווי אַזוי האָט זיך פאַרגעשטעלט דער לאַגער פון די „רויטע"? מע דאַרף זאָגן, אַז אַפילו צווישן דער אָנפירונג פון די „רויטע" זענען געווען אַזעלכע ווי קאַראָל מאַיעווסקי, וועלכער איז גלייכצייטיק געזעסן אין דער דירעקציע פון די „ווייסע" און אין דער אָנפירונג פון די „רויטע". אויסער דעם לינקן פליגל פון רעוואָלוציאָנערע דעמאָקראַטן איז דער איבערוויגנדיקער טייל פון די „רויטע" באַשטאַנען פון צענטריסטן (ווי אַגאַטאָן גילער און ענלעכע), אַזוי גערופענע מעסיקע, וועלכע האָבן געהאַלטן אין איין לאַווירן צווישן דעם דעמאָקראַטישן פליגל פון די „רויטע" און די אייגענע רעכטע און אויך זיך געהאַנדלט צו יורגענס גרופּע. זיי זענען געווען אומקאָנסעקווענט אַפילו אין אַזאַ עיקרדיקן ענין, ווי די פּויערים־פראַגע, און געשטאַנען אויף אַן ענלעכן פּאַלשן שטאַנדפּונקט ווי די גאַליצישע דעמאָקראַטן אין יאָר 1848, וועגן וואָס מיר האָבן געשריבן אין די פריערדיקע קאַפּיטלען.

דאָס, וואָס האָט פאַראייניקט אַלע גרופּירונגען אין דעם לאַגער פון די „רויטע" (אויסער די אַריינגעשיקטע אַגענטן פון די „ווייסע",

[152] I. J. Kraszewski: Sprawie polskiej w r. 1861, str. 385.

[153] אויך אין דער אויסערן־פּאָליטישער אָריענטאַציע איז נישט געווען קיין אייגהייטלעכקייט ביי די „ווייסע". לויט אונדזער מיינונג האָט רעכט ווילהעלם פעלדמאַן, ווען ער זאָגט, אַז זאַמאָיסקי און זיין לאַגער, זענען פאַקטיש געווען פאַר אַ „ווידעראויפבויען פּוילן מיטן רוסישן צאַר, ווי דער קעניג", לויט דעם מוסטער פון דער עסטרייכיש־אונגאַרישער אוניע. ווי אַ באַשטעטיקונג דערצו קאָנען די ווערטער פון זאַמאָיסקין צו גאָרטשאַקאָוון דעם 27־טן פעברואַר: „אויב איר וועט פאַרלאָזן דאָס לאַנד, ווייל איר זוכט נישט קיין פּאָליאַקן, דעמלט וועט איר האָבן מנוחה, דעמלט ווועלן מיר פאַרגעסן אונדזערע עוולות און דער צאַר ווי דער (פּוילישער — א. ק.) קעניג וועט קאָנען קומען אָננעמען אונדזער אונטערטעניקייט". (זע: ווּלאַדיסלאַוו גראַף זאַמאָיסקיס אַרטיקל אין דעם „דעמאָקראַטאַ פּאָלסקי". פון 23־טן נאָוועמבער 1861). צוליב אויבנדיקע ידיעות קאָנען מיר נישט מסכּים זיין מיט די מיינונגען פון אַ טייל היינטצייטיקע היסטאָריקער, וועלכע האַלטן, אַז די „ווייסע", מיט אַנדזשעי זאַמאָיסקין אַריינגערעכנט, זענען געווען אָנהענגער פון דער פראַנצויזיש־ענגלישער אָריענטאַציע און אַנטירוסיש געשטימט.

זוי מאַיעווסקי), איז געווען דער ווילן אַרויסצוגיין אין קאַמף קעגן אָקופּאַנט און צואײַלן דעם נאַציאָנאַלן אויפשטאַנד. כדי אויפצוהייבן און צוגרייטן דאָס פּאָלק צום קאַמף מיטן אָקופּאַנט, האָבן די „רויטע" באַשלאָסן צו אָרגאַניזירן מאַסן־מאַניפעסטאַציעס פון נאַציאָנאַל־פּאַטריאָטישן כאַראַקטער, וועלכע זאָלן וועקן די רעוואָלוציאָנער־פּאַטריאָטישע געפילן ביי דער באַפעלקערונג. די מאַניפעסטאַציעס האָבן אויך געדאַרפט דינען ווי אַ מיטל צו מאָביליזירן די פאָלקס־מאַסן, בכדי זיי זאָלן מאַכן אַ דרוק אויף די „ווייסע" אָנצושליסן זיך אינעם נאַציאָנאַלן קאַמף און אויך אויפצווינגען די פּריצים, זיי זאָלן ליקווידירן די פּאַנשטשיזנע.

די ערשטע גרעסערע מאַניפעסטאַציע איז דורך די „רויטע" אָרגאַניזירט געוואָרן אין צוזאַמענהאַנג מיט דער לוויה (9.6.1860) פון דער אַלמנה נאָך דעם העלדישן פּאַרטיידיקער פון וואָליע (וואַרשעווער שטאָטטייל) אין יאָר 1831, גענעראַל סאָווינסקי. נאָך דער אייגענער מאַניפעסטאַציע, אין וועלכער ס'האָבן זיך באַטייליקט עטלעכע צענדליק טויזנטער בירגער, צווישן זיי אויך אַ גרעסערע צאָל יידן, האָט זיך אָנגעהויבן אַ סעריע קלענערע מאַניפעסטאַציעס. במשך פון אַ גאָר קורצער צייט האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די „סמאַרקאַטשעס" (ווי די „ווייסע" האָבן מיט ביטול אָנגערופן די „רויטע" פּאַטריאָטישע יוגנט) באַהערשן אָן אָנגעזעענעם טייל פון די פאָלקס־מאַסן פון דער הויפּטשטאָט און באַזונדערס די האַנטווערקער און זייערע געזעלן. אויף דער ווענדונג פון די „ווייסע", זיי זאָלן אָפּשטעלן די מאַניפעסטאַציעס, ווייל זיי קאָנען דערפירן צו אַן אויפשטאַנד, וואָס וואָלט געבראַכט אַן „אומגליק", האָבן די „רויטע" אַרויסגעשטעלט אַ באַדינג, אַז די „לאַנדוו. געז.", וועלכע איז דעמלט געווען די איינציקע לעגאַלע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציע פון פּאָליאַקן אין לאַנד, זאָל אָרגאַניזירן אַן „אַדרעס" צום צאַר, נישט רעכענענדיק זיך מיט דעם, צי די וואַרשעווער מאַכט־אָרגאַנען וועלן עס דערלויבן אָדער נישט. אין דעם „אַדרעס" זאָל קריטיקירט ווערן דער רעגירונגס־סיסטעם אין פּוילן און גלייכצייטיק זאָל אָנגעוויזן ווערן אויף די נייטיקסטע רעפאָרמען, וואָס דאַרפן דורכגעפירט ווערן.

די כוונה פון די „רויטע" איז געווען אַרייַנצוציען ריערמיט די „ווייסע" אין קאַמף קעגן דער מאַכט. אין צוזאַמענהאַנג מיטן זאַמלען אונטערשריפטן אויף דעם „אַדרעס" וואָלטן אויך די „רויטע" באַקומען די מעגלעכקייט אויפצוהייבן אַ ברייטע אַגיטאַציע אין לאַנד. זאַמאָיסקי האָט אָנטשיידן אָפּגעוואָרפן די פאָדערונג פון די „רויטע" אונטער

דעם אויסרייד, אז „ער וויל בכלל נישט האָבן קיין באַציונגען מיט דער רעגירונג און וויל ביי איר גאָרנישט בעטן". ער האָט דערביי געדראָט, אַז אויב זיי וועלן נישט אויפהערן צו אָרגאַניזירן מאַניפעסטאַציעס, וועלן זיי איבערגעגעבן ווערן אין די הענט פון דער מאַכט. די דראָונגען האָבן די „רויטע" נישט אָפּגעשראָקן, און זיי האָבן ווייטער אָרגאַניזירט מאַניפעסטאַציעס, הגם אין קלענערן פאַרנעם, אָבער די מאַניפעסטאַציעס האָבן כסדר געהאַט אַ וויכטיקע באַדייטונג ביים אויפהייבן די רעוואָלוציאָנערע שטימונג צווישן די פֿאָלקס־מאַסן.

אין אַט דער אַטמאָספער איז דעם 21־טן פעברואַר 1861 פאָרגעקומען די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון דער „לאַנדוו. געז.", צו וועלכער עס זענען געקומען פריצים פון גאַנצן לאַנד (צום ערשטן מאָל זענען אויך אָנוועזנדיק געווען עטלעכע רייכע פויערים, וועלכע זענען אָנגעקומען געוואָרן פאַר מיטגלידער אין דער געזעלשאַפט). אויף דער טאָג־אָרדענונג איז געשטאַנען די אָנגעווייטיקסטע פויערים־פראַגע. דער גרעסטער טייל פון די פריצים מיט זאַמאָיסקין בראש זענען געשטאַנען אויף דעם שטאַנדפּונקט, אַז די וויטנגייענדיקסטע „הנחה", אויף וואָס די פריצים קאָנען מסכים זיין, איז דאָס איינפירן אייביקע צינז־רענטע. די „רויטע" און אויך אַ טייל וואַרשעווער אינטעליגענץ און בורזשואַזיע, האָבן באַווירקט אַ טייל פון די פריצים, זיי זאָלן — נישט קוקנדיק אויפן באַשלוס פון דעם קאָמיטעט פון דער געזעלשאַפט נישט צו באַרירן בכלל די פראַגע פון „אַוולאַשטשעניע", פון געבן די פויערים אייגנטום־רעכט — אַריינטראָגן אַ פאָרשלאָג וועגן ליקווידירן די פאַנשטשיזנע אויף אַזאַ אופן, אַז נאָכן אָפּצאָלן אין משך פון עטלעכע צענדליקער יאָרן געלט־רענטע, זאָל די ערד ווערן זייער אייגנטום. די צווייטע פראַגע פון דער טאָג־אָרדנונג איז געווען דער הערמאָנטער „אַדרעס". זאַמאָיסקי און די פאָרשטייער פון דער רייכער שליאַכטע האָבן דעם גאַנק אַנטשיידן אָפּגעוואָרפן.

אינצווישן איז אָנגעקומען דער 25־טער פעברואַר, דער יאָרטאָג פון גראָכאָווער קאַמף אין 1831. די „רויטע" האָבן באַשטימט איינצואָרדנען אין דעם טאָג אַ מאַסן־מאַניפעסטאַציע אויף די גראָכאָווער פעלדער. ווען גאָרטשאַקאָוו האָט באַפוילן פאַנאַנדערצונעמען די בריק, וואָס פאַרבינדט וואַרשע מיט פראַגע, כדי אוממעגלעך צו מאַכן די וואַרשעווער באַפעלקערונג צו גיין אויף די גראָכאָווער פעלדער, האָבן די „רויטע" באַשלאָסן איינצואָרדנען די דעמאָנסטראַציע אין וואַרשע גופא. אויף דער דעמאָנסטראַציע איז געקומען צו אַ צוזאַמענשטויס

צווישן דער באפעלקערונג מיט דער זשאנדארמעריע, און עס זענען געוועזן עטלעכע פארוואונדעטע. ווען די ידיעה איז אָנגעקומען צו דער באראטונג פון דער אַלגעמיינער פארזאמלונג פון דער „לאנדוו. געז.", איז מיקאַלאי עפשטיין[154] ארויסגעטרעטן און האָט אויסגערופן: „מיר זיצן דאָ רואיק אויף דער באראטונג, און אויף אַלט־שטאָט גיסט זיך דאָס בלוט פון אונדזערע ברידער". א טייל פון די אָנוועזנדיקע, גערירט פון זיינע ווערטער, האָבן געוואָלט אוועק פון דער פארזאמלונג און פאראייניקן זיך מיט די מאניפעסטאנטן. זאמאָיסקי אָבער האָט זיי פארהאַלטן, דערקלערנדיק: „אונדזער פליכט איז דאָ צו בלייבן".

ווי אַן ענטפער אויף דער ברוטאַלער האנדלונג פון די צארישע זשאנדארן האָבן די „רויטע" באשלאָסן איינצואָרדנען דעם 27־טן פעברואר א מאניפעסטאציע. אין דער זעלבער צייט האָבן זיך די באראטונגען פון דער „לאנדוו. געז." געפירט אונטער דעם דיקטאט פון אנדזשעי זאמאָיסקי און דעם גרויס־שליאכטישן קאָמיטעט פון דער געזעלשאפט, וועלכע האָבן נישט דערלאָזט אָנצונעמען קיין באשלוס נישט וועגן ליקווידירן די פאנשטשיזנע און נישט וועגן אַן „אדרעס" צום צאר. ביי דער געשאפענער לאגע זענען זיך דעם 26־טן פעברואר צונויפגעקומען אין קאנטס צוקערניע די פאָרשטייער פון דער ווארשעווער בורזשואזיע און אינטעליגענץ, וועלכע האָבן זיך געפונען אונטערן דירעקטן דרוק פון די פאָלקס־מאסן, און האָבן באשלאָסן צו מאכן א זעלבסשטענדיקן פּאָליטישן שריט, נישט רעכנענדיק זיך מיט דער מיינונג פון דער „לאנדווירטשאפטלעכער געזעלשאפט". זיי האָבן אויסגעוויילט א דעלעגאציע צו רעדאגירן אַן „אדרעס" צום צאר. ס'איז געפלאנט געוואָרן צוצוציען צו דער דעלעגאציע, וואָס איז באשטאנען פון פאָרשטייער פון דער שטאָטישער בורזשואזיע און אינטעליגענץ, דעם שוסטער הישפאנסקי, ווי א פאָרשטייער פון די האנטווערקער, און מייזעלסן, ווי א פאָרשטייער פון די יידן.

דעם 27־טן פעברואר גאנצפרי האָבן זיך אָנגעהויבן זאמלען מאסן מענטשן פאר דער קארמעליטן־קירך אויף לעשנאָ־גאס, ווו ס'האָט געדארפט פאָרקומען א הזכרה נאָך א רעוואָלוציאָנערן עמיסאר, וואָס איז אומגעבראכט געוואָרן דורך דער צארישער מאכט מיט דרייסיק יאָר צוריק. נאָך דער הזכרה האָט זיך געדארפט פאָרמירן א מאניפעסטא־

[154] מיקאָלאי עפשטיין, אַ זון פון דעם יידישן באַנקיר הערמאַן עפשטיין, איז געווען אַ מיטגליד פון דער „לאַנדווירטשאַפטלעכע געזעלשאַפט". אומגעקומען אין אויפשטאַנד דעם 16־טן נאָוועמבער 1863.

ציע. דעמלט איז אָנגעקומען דער אָבערפּאָליציימייסטער טרעפּאָוו מיט א גרעסערער צאָל פּאָליציאַנטן.

אויך דער קאָמיטעט פון דער „לאַנדוו. געז". האָט זיך געווענדעט צום נאַמיעסטניק גאָרטשאַקאָוו, ער זאָל שיקן מיליטער צום ראַדזשי־וויל־פּאַלאַץ, ווו עס קומען פאָר די באַראַטונגען פון זייער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג, כדי צו שיצן זיי קעגן אַן עווענטועלן איבערפאַל מצד די מאַניפעסטאַנטן.[155] מיט דעם האָט דער קאָמיטעט געגעבן אָנצוהערן דער מאַכט, אַז דאָ האָט מען נישט צו טאָן מיט קיין פרידלעכער פּראָצעסיע, נאָר מיט בונטאָווששיקעס, קעגן וועלכע מע דאַרף באַנוצן כוח. גאָר־טשאַקאָוו האָט טאַקע באַשלאָסן אָנצונעמען די עצה פון א טייל גענע־ראַלן און הויכע באַאַמטע און פון זאַמאָיסקיס פּריצים, און צוטרעטן מיט צאַרישע מעטאָדן צו ליקווידירן די מאַניפעסטאַציעס.

קעגן דער אומבאַוואָפנטער באַפעלקערונג זענען געוואָרן אַרויס־געשיקט באַטאַליאָנען קאָזאַקן. אַרום צוויי אַזויגער נאָכמיטאָג זענען געפאַלן די ערשטע שאָסן און הרוגים. די דעצידירטע שטעלונג פון די צענדליקער טויזנטער פּוילישע פּאָלקס־מענטשן, וועלכע האָבן מאַניפעס־טירט אויף די וואַרשעווער גאַסן און געפּרווט צוקומען צום באַראַ־טונגס־פּאַלאַץ פון דער „לאַנדוו. געז.", האָט אָנגעוואָרפן א שרעק אויף

---

[155] דעם פאַקט גיט איבער פּראָפ. מיקאָלאַי בערג אין Zapiski o polskich spiskach i powstaniach, część 1, str. 158.

זוי אויך וואַלערי פּשיבאָראָווסקי ד. צ. וו. דאַקעגן ב. לימאַנאָווסקי אין Historia ruchu narodowego. T. I, str. 80, Lwow 1882.

זוי אויך
J. K. Janowski: Pamiętniki o Powstaniu Styczniowym. T. III, str. 193.

באַצווייפלען, צי די פירונג פון דער „לאַנדוו. געז.", איז געווען פעיק צו אַזאַ שריט. ווען מיר באַטראַכטן אָבער די צוויי אַרויסזאָגונגען פון זאַמאָיסקין אין פאַרבינדונג מיט די געשעענישן פון 27-טן פעברואַר: דאָס ערשטע מאָל זאָגט זאַ־מאָיסקי וועגן די מאַניפעסטאַנטן, אַז זיי „פּראַוועון אַוואַנטורעס מיטן מיליטער", דאָס צווייטע מאָל, ווען ער איז געפאָרן צום נאַמיעסטניק אינטערווענירן, ער זאָל אָפּשטעלן די שיסעריי, האָט ער דערקלערט „א מאַכט, וועלכע באַזיצט מיליטער און פּאָליציי, קאָן שטענדיק פאַנאַנדערטרייבן אַ צוזאַמענלויף (זביעגאָווסקאַ) און מוז נישט שיסן", — מוזן מיר קומען צו דער איבערצייגונג, אַז זאַמאָיסקי האָט דאָס באַנוצן מיליטער פאַנאַנדערצוטרייבן די מאַניפעסטאַנטן, געהאַלטן פאַר גאַנץ לעגאַל און באַטירלעך. אַזוי, אַז עס איז נישטאָ קיין גרונט צו צווייפלען אין די ידיעות פון בערגן, וועלכער איז בכלל געווען נישט שלעכט אינפאָרמירט. (זע פּשיבאָראָווסקי „היסטאָריאַ דווּך לאַט", באַנד 2, ז' 57).

די פאַרזאַמלטע פּריצים, ווען ס׳איז געשטעלט געוואָרן צום אָפּשטימען טאָמאַש פּאָטאָצקיס פאָרשלאָג, וועגן געבן די פּויערים א מעגלעכקייט אויסצוקויפן די ערד, אויף וועלכער זיי זיצן (וועגן די פּאַקטישע צילן פון דעם פּראָיעקט, זע ווייטער), האָט קיינער פון די פאַרזאַמלטע נישט געוואָגט צו שטימען קעגן. דערווייל האָט זיך דערנענטערט דער אָוונט. די וואַרשעווער גאַסן האָבן אויסגעזען ווי א קריגס־פעלד. די צאָל הרוגים איז נישט מעגלעך געווען פעסטצושטעלן. דער קאָמיטעט פון דער „לאַנדוו. געז." האָט געזען, אַז פון איין זייט באַהערשן די „רויטע" די פאָלקס־מאַסן פון דער הויפּטשטאָט, און פון דער צווייטער זייט האָט די שטאָטישע גרויס־בורזשואַזיע שוין מסכים געווען אויף אַן „אַדרעס" און הייבט אָן אַרויסצווייזן א פּאָליטישע אַקטיוויטעט. ביי אַזא סיטואַציע האָט געדראָט די פּריצים צו פאַרלירן יעדן איינפלוס אויף דעם גאַנג פון די געשעענישן און ווערן איזאָלירט. זיי האָבן זיך דעריבער שנעל פאַרזאַמלט ביי זאַמויסקין און באַשלאָסן מסכים צו זיין אויף דעם דער־מאָנטן באַשלוס פון די שטאָטישע בירגער וועגן אַן „אַדרעס" צום צאַר. בעת ערשט מיט עטלעכע שעה צוריק, ווען מ׳האָט אויפן זאַל פון דער באַראַטונג אַריינגעבראַכט דעם פאַרבלוטיקטן מיטגליד פון דער „לאַנדוו. געז." נאָזשיבסקי, האָט גראַף זאַמויסקי קאַלטבלוטיק דערקלערט: „ווען דער פּאַן נאָזשימסקי וואָלט געווען א בירגער און אונדזערס א מיט־גליד, וואָלט ער געדאַרפט זיין דאָ צווישן אונדז און נישט צווישן גאַסן־יונגען און פּראָווען אַוואַנטורעס מיטן מיליטער", — איז ער איצט שפּעט אין אָוונט געפאָרן צום נאַמיעסטניק גאָרטשאַקאָוו אינטערווענירן, ער זאָל צוריקציִען דאָס מיליטער, באַשטראָפן די שולדיקע אין דער בלוט־באָד און אָננעמען אַן „אַדרעס" צום צאַר.

אין דער זעלבער צייט האָבן זיך פאַרזאַמלט אין דער „רעסורסע קופּיעצקאַ" א 500 שטאָטישע בירגער פון אַלע שיכטן, צווישן זיי אויך דער פירער פון דער גרויס־בורזשואַזיע קראָנענבערג, יורגענס און אויך א פאָרשטייער פון די „רויטע": אַגאַטאָן גילער. אויף קראָנענבערגס פאָרשלאָג איז איינשטימיק באַשטעטיקט געוואָרן דער באַשלוס פון דער פּערמאַנענטער פאַרזאַמלונג אין קאַנטאָם צוקערניע צו שיקן א דעלעגאַציע, און מ׳איז צוגעטרעטן אַדורכצופירן נייע וואַלן פון דער „דעלעגאַציע", וועלכער ס׳זאָל ווערן אָנפאַרטרויט די אָנפירונג מיט דער שטאָט און וועלכע זאָל האָבן די רעכט אַרויסצוגעבן פאַראָרדענונגען לויט איר איינזען. בשעת דעם אָנגעבן קאַנדידאַטן צו דער דעלעגאַציע, האָט איי־נער פון די אָנוועזנדיקע ווענטלעכע אַרויסגערוקט מיזעלס קאַנדידאַ־

מור.[156] די פּאַרזאַמלטע האָבן מסכּים געווען אויף מייזעלס קאַנדידאַטור, דערמאָנענדיק דערביי זיינע רעוואָלוציאָנער־פּאַטריאָטישע פאַרדינסטן פאַרן פאָטערלאַנד נאָך פון יאָר 1848. אין דער דעלעגאַציע זענען געוואָרן אויסגעוויילט 14 מאַן. די דעלעגאַציע האָט אויסגעטיילט 8 מאַן, צווישן זיי הרב מייזעלס און זי געשיקט צום נאַמיעסטניק גאָרטשאַקאָוו, בכדי אים פאָרצושטעלן די פאָלגנדיקע פּאָסטולאַטן: דערלויבן איינצואָרדענען א פייערלעכע לוויה פאַר די 5 געפאַלענע, צוריקציִען דאָס מיליטער אין די קאַזאַרמעס, געבן דימיסיע דעם אָבער־פּאָליציימייסטער טרעפּאָוו. דער דערשראָקענער גאָרטשאַקאָוו, מורא האָבנדיק, אַז די עקסטרעם־רויטע עלעמענטן זאָלן נישט אויסנוצן די געשאַפענע לאַגע און ארויסרופן אן אויפשטאַנד, האָט נישט בלויז נאָכגעגעבן די פאָדערונגען, נאָר אויך איבערגעגעבן דער דעלעגאַציע די מאַכט איבער דער שטאָט ביז איבער דער לוויה.

אַזוי האָבן מיר אין דער נאַכט פון 27־טן אויף דעם 28־טן פעברואַר 1861 צו פאַרצייכענען דריי וויכטיקע פּאָליטישע פאַקטן, וועלכע האָבן קאָנצענטרירט אַרום זיך במשך עטלעכע וואָכן די אויפמערקזאַמקייט פון א גרויסן טייל פּאָליטישן אַקטיוו. די פאַקטן זענען:

1. דאָס שאַפן די „דעלעגאַציע", וועלכע האָט איבער א חודש צייט רעגולירט דאָס לעבן אין דער הויפּטשטאָט.

2. דאָס דערגרייכן אַן ענדגילטיקע הסכּמה פון אַלע ריכטונגען אויף דער נויטווענדיקייט פון שיקן אַן „אַדרעס" צום צאַר.

3. דער באַשלוס פון דער „לאַנדוו. געז." וועגן שאַפן מעגלעכקייטן פאַר די פּויערים אויסצוקויפן די ערד, וועלכע זיי האַלטן ביז־איצט אויף פּאַנשטשיזנע־באַדינגונגען (נאַטירלעך, האָט דער דאָזיקער פאָרשלאָג ווייט נישט געקאָנט באַפרידיקן די פאָדערונגען פון דעם פּויערטום, נאָר וועגן דעם — ווייטער).

* * *

ווי ס'איז צו זען, האָבן מיר אין דעם איצטיקן קאַפּיטל איבערגעגעבן בלויז די התחלה פון די ווייטערדיקע געשעענישן, אין וועלכע מייזעלס נעמט שוין עפנטלעך אַן אַקטיוון אָנטייל. מיר באַנוצן דעם אויסדרוק „עפנטלעך", ווייל הגם מיר באַזיצן נישט קיין דירעקטן מאַטעריאַל וועגן זיין אָנטייל אין די ביז־איצטיקע געשעענישן, איז אָבער קיין שום ספק נישט, אַז מייזעלס האָט אויף קיין איין מינוט נישט אויפגעהערט צו

[156] Pamiętniki Ignacego Baranowskiego, Poznań 1923, str. 248.

ווירקן, ווייניקסטנס לויט זיין ליניע, פאר דער אידעע פון געמיינזאמען אקטיוון קאמף. אויף דעם זאגט עדות נישט בלויז ד"ר יאסטראוו, וועלכן מיר האבן ציטירט אין פריערדיקן קאפיטל, נאר אויך דאס ארויסרוקן מייזעלס קאנדידאטור פאר מיטגליד פון דער „רעלעגאציע" חוקא דורך א יונגטלעכן, ד. ה. דורך איינעם פון די, וואס זענען דער מלט געווען צוממיינסטן רעוואלוציאניזירט און פאטריאטיש געשטימט.

אידער מיר טרעטן צו אויספירלעך צו באהאנדלען מייזעלס ספעציעלע פאטריאטישע טעטיקייט אין יאר 1861, איז נייטיק אין קורצן זיך אפצושטעלן אויף דער ליניע פון מייזעלס פאטריאטישער ארבעט אין דער יידישער סביבה (ווי א פאליטיקער, וואס זיין עיקרדיקע ווירקונג איז געווען אין דער יידישער סביבה). מיר האבן שוין אפילו געפרוווט אין די פריערדיקע קאפיטלען געבן א כאראקטעריסטיק פון זיין פאליטישער איינשטעלונג, שטיצנדיק זיך אויף זיין טעטיקייט בעת די רעוואלוציאנערע געשעענישן פון 1846 און 1848. מיר האלטן אבער פאר נייטיק אפצושטעלן זיך אויף זיין איצטיקער טעטיקייט, כדי נישט צו מאכן קיין פאלשע אויספירונגען ביים פרווו אים צו קוואליפיצירן פאליטיש. מיר ווילן נישט מאכן פון פאראויס קיין אויספירונגען וועגן מייזעלס פאליטישן אני־מאמין. מען קאן אבער פון פאראויס געבן געוויסע אנווייזונגען, כדי דערמיט צו פארלייכטערן דעם לייענער צו מאכן א קריטישן אנאליז פון מייזעלס טעטיקייט. ס'וואלט געווען פאלש, ווען מיר זאלן פאליטיש פארעכענען מייזעלסן צו די „ווייסע", צוליב דעם, וואס ער האט גענומען אן אנטייל אין דער „רעלעגאציע", וועלכע האט זיך געפונען אונטער דעם איינפלוס פון די „ווייסע". מע דארף אויך נישט ארויסדרינגען מייזעלס פאליטישן אני־מאמין פון געוויסע אויסדרוקן אין זיינע בריוו און ווענדונגען, וועלכע מיר וועלן שפעטער ציטירן.

ביים אפשאצן מייזעלס טעטיקייט דארף מען געדענקען, אז א באדייטנדיקער טייל פון די פוילישע יידן איז דעמלט געשטאנען אויף דעם שטאנדפונקט נישט צו מישן זיך אינעם קאמף צווישן די אומות־העולם. אויך דער אקופאנט האט געפרוווט דורך פארשידענע מיטלען, אויב ער האט נישט געקאנט שאפן און פארטיפן די שנאה צווישן די פאליאקן און יידן, איז ווייניקסטנס פארשטארקן די פאסיווע שטימונגען ביי יידן און זיי נייטראליזירן. צוליב דעם האט מייזעלס באטראכט פאר די וויכטיקסטע עלעמענטן פון זיין פאטריאטיש־רעוואלוציאנערער ארבעט ווי א טוער אין דער יידישער סביבה:

1. דערנענטערן די יידישע פֿאָלקס־מאַסן צום פּוילישן פֿאָלק.

2. וועקן ביי אַלע יידישע שיכטן דעם אינטערעס און אַקטיוויזירן זיי פֿאַר דער פּוילישער נאַציאָנאַלער באַפֿרייונגס־אידעע.

דאָס האָט אים באַוויגן צו גיין אויף דעם וועג פֿון אָריענטירן די יידישע פֿאָלקס־מענטשן אין די פּאָליטישע אַקציעס, וואָס זײַנען געוואָרן אונטערגענומען אין לאַנד, סיי מצד די „רויטע", סיי מצד די „ווייסע". אויב זיי זענען כאָטש אין אַ געוויסער מאָס געווען געוואָנדן קעגן אָקו־פּאַנט. דורך אַזאַ צוגאַנג פֿון באַריקזיכטיקן מאָמענטן פֿון צײַט און סביבה וועלן מיר קאָנען אָביעקטיוו אָפּשאַצן מײַזעלס טעטיקייט און זיך דערגרונטעווען צו זײַן פּאָליטישער אײַנשטעלונג.

קאַפּיטל צוועלף

מייזעלס פֿאַרשטאַרקטע טעטיקייט פֿאַר דער פּאָליטישער אַקטיוויזירונג פֿון די יידישע פֿאָלקס־מאַסן

ווי מיר האָבן אָנגעוויזן אין פֿריערדיקן קאַפּיטל, האָבן די לעצטע טעג פֿון פֿעברואַר 1861 געהאַט אַ וויכטיקע באַדייטונג אין דער געשיכטע פֿון קאָנגרעס־פּוילן. די שטאָטישע בורזשואַזיע האָט אָנגעהויבן אַרויסצווייזן אַ זעלבסשטענדיקע פּאָליטישע איניציאַטיוו, צונעמענדיק ביי דער שליאַכטישער „לאַנדווירטשאַפֿטלעכע געזעלשאַפֿט" דעם מאָנאָפּאָל פֿון פּאָליטישער אָנפֿירונג אין לאַנד.[157]

מייזעלס, וועלכער האָט שוין געהאַט הינטער זיך די דערפֿאַרונג פֿון דער בורזשואַזער רעוואָלוציע אין 1848־טן יאָר אין עסטרייך, האָט

[157] ס'איז קלאָר, אַז די ערשטע פֿאַרזאַמלונג פֿון די שטאָטישע בורזשואַזע עלעמענטן דעם 26-טן פֿעברואַר אין קאָנטס צוקערניע און אויך דעם 27-טן אין דער „רעסורסאַ קופיעצקאַ", בעת וועלכער עס זענען אָנגענומען געוואָרן באַשלוסן וועגן דעם „אַדרעס" און וועגן באַשטימען אַ „דעלעגאַציע" און איר צוזאַמענשטעל, — זענען געווען אויסדרוקן פֿון אָנהייבן אַ זעלבסטשטענדיקע פּאָליטישע אַקטיוויטעט, וואָס האָט געדראָט אַרויסצושטויסן די „לאַנדווירטשאַפֿטלעכע געזעלשאַפֿט" פֿון איר ביז איצטיקער פּאָזיציע אינעם פּוילישן געזעלשאַפֿטלעכן לעבן. די בורזשואַזיע איז אָבער נאָך געווען צו שוואַך איבערצונעמען די פּאָליטישע אָנפֿירונג, בפֿרט ווען די גרויס-בורזשואַזיע איז געווען געקניפּט און געבונדן מיט דער מאַגנאַטישער שליאַכטע דורך בשותּפֿותדיקע עקאָנאָמישע געשעפֿטן. דאָס איז געווען די סיבה, וואָס שוין עטלעכע טעג נאָך דער שאַפֿונג פֿון דער „דעלעגאַציע" דעם 4-טן מערץ, זענען געוואָרן צוקאָאָפּטירט צו דער „דעלעגאַציע" עטלעכע מיטגלידער פֿון דער „לאַנדוו. געז"., וועלכע האָבן פֿאַקטיש קאָנטראָלירט די טעטיקייט פֿון דער „דעלעגאַציע", זי זאָל נישט איבערשרייטן די קאָמפּעטענצן און די ליניע, וועלכע די „לאַנד. געז." האָט פֿאַר איר אָנגעצייכנט. פֿאַר אַ באַווייז קאָן דינען דער פֿאַקט, אַז ווען צו דער וואַרשעווער „דעלעגאַציע" האָבן זיך געווענדעט שליחים פֿון דער לובלינער „דעלעגאַציע" וועגן געבן זיי געוויסע אָנווייזונגען, האָבן זיי זיך דערקלערט פֿאַר נישט קאָמפּעטענט צו ענטפֿערן וועגן לאַנדס-ענינים און אָפּגעשיקט די לובלינער שליחים צו דער „לאַנדווירטשאַפֿטלעכער געזעלשאַפֿט".

געהעריק יערשאַצט די לאַגע. ער האָט געזען די מעגלעכקייט צו פֿאַרוואַנדלען איצט וואַרשע (און קאָנגרעס־פּוילן בכלל) אין אַ ווין פֿון 1848־טן יאָר. ער האָט געגלייבט, אַז עס איז געקומען די צייט און די נויטווענדיקייט אַרויסצוטרעטן עפֿנטלעך און באַוועגן די יידישע פֿאָלקס־מאַסן צו נעמען אַן אָנטייל אין די פּאַטריאָטישע מאַניפֿעסטאַציעס און אין די אַקציעס קעגן דעם אָקופּאַנטישן יאָך.

אַ געלעגנהייט דערצו האָט ער געזען אין דער לוויה פֿון די פֿינף געפֿאַלענע קרבנות בעת די געשעענישן פֿון 27־טן פֿעברואַר, וועלכע די „דעלעגאַציע" האָט אָרגאַניזירט אויף דעם 2־טן מערץ. מיט אַ טאָג פֿריער איז געמאָלדן געוואָרן אין דער פּרעסע, אַז אין דער לוויה וועלן זיך באַטייליקן די יידישע גייסטלעכע אין זייער רבנישער טראַכט און אַז אין איינקלאַנג מיטן יידישן ריטואַל וועלן די יידן, וועלכע נעמען אָנטייל אין דער לוויה, נישט דאַרפֿן גיין מיט אַנטבלויזטע קעפּ.[158] די מעלדונג איז געווען אַ פּאַקטישער רוף פֿון מייזעלסן צו אַלע יידן פֿון וואַרשע, זיי זאָלן זיך באַטייליקן אין דער לוויה.

אין דער לוויה האָט זיך באַטייליקט כמעט די גאַנצע וואַרשעווער באַפֿעלקערונג, קריסטן און יידן. זי האָט מיט זיך פֿאַרגעשטעלט די גרעסטע איינהייטלעכע מאַניפֿעסטאַציע פֿון יידן און פּאָליאַקן. דאָס ערשטע מאָל אין דער געשיכטע פֿון פּוילן האָט מען געזען יידישע רבנים אויף אַ קריסטלעכער לוויה און דעם הויפּט־רב מייזעלס נעבעם מיטן אַרציבישאָף פֿיאַלקאָווסקי. ביי די קברים פֿון די געפֿאַלענע האָט מייזעלס געזאָגט די הייליקע תּפֿילה „קדיש". ער האָט דערמיט אונטערגעשטראָכן, אַז די יידן אין פּוילן געפֿינען זיך אין טרויער נאָך די געפֿאַלענע פּוילישע פּאַטריאָטן. נאָך דער לוויה האָט מייזעלסן באַגלייט די פּוילישע און יידישע אַקאַדעמישע יוגנט.

מייזעלס פּאַטריאָטישע שטעלונג און די באַטייליקונג פֿון די יידן אין דער לוויה האָט געפֿונען אַ טיפֿן אָפּקלאַנג ביי דער וואַרשעווער באַפֿעלקערונג, אויסער גיך איבער די שטימונג, וועלכע האָט געהערשט ביי די פּוילישע פֿאָלקס־מענטשן נאָך דער לוויה, שרייבנדיק:

„אין די קברים פֿון די פֿינף געפֿאַלענע זענען באַגראָבן געוואָרן די קעגנזייטיקע פֿאָראורטיילן און רעליגיעזע אַבערגלויבנס, און דאָ ביי די קברים איז אויסגעפֿירט געוואָרן דער ערשטער אַקט

---

[158] Gazeta Codzienna 1860 r. Nr 73.

פון אריינפירן די יידן אין די רעכט פון פוילישער בירגערשאפט און ליבע".

אין א מיטטיילונג פון א קאנפידענט צום גענעראל־פאליציימייסטער ווערט אזוי געזאגט:

„די באטייליקונג פון די יידן אין דער לוויה, און מייזעלס אפריכטן תפילות פאר די קרבנות זענען אן אנזאג פון נייע צייטן. וויזט אויס, אז די פאליאקן האבן אויף אן אמת געענדערט זייער באציונג צו די יידן. זיי באמיען זיך אויף יעדן טריט ארויסצור ווייזן צו זיי זייער פריינדלעכע באציונג".[159]

נישט בלויז די פאליאקן און יידן האבן געזען אין דער לוויה־מאניפעסטאציע דעם אויסדרוק פונעם איבערברוך, וואס איז פארגעקומען אין זייערע קעגנזייטיקע באציונגען, אויך די אויסלענדישע דיפלאמאטן, וועלכע זענען געווען אקרעדיטירט אין ווארשע, האבן געהאלטן פאר וויכטיק מיטצוטיילן זייערע רעגירונגען וועגן אט דער געשעעניש. אזוי האט דער עסטרייכישער גענעראל־קאנסול לעדערער ארויסגעשיקט א ראפארט קיין ווין מיטן פאלגנדיקן אינהאלט:

„די רבנים האבן זיך אויך אנגעשלאסן אין דער באוועגונג. דער הויפט־רב מייזעלס איז בעת דער לוויה געגאנגען געארעמט מיטן קאטוילישן ארציביסקופ. נישט געקוקט דערויף, וואס לויט דעם יידישן ריטואל דארפן די רבנים זיך נישט געפינען אויפן שטח פון א קאשציאל, האט ער (מייזעלס) זיך דארטן געפונען".[160]

פאר מייזעלסן איז די עפנטלעכע מאניפעסטאציע בעת דער לוויה געווען אן איבערגאנג פון אבסטראקטער פראפאגאנדע פאר יידיש־פוילישער דערנענטערונג צו א דירעקטער געמיינזאם־פאליטישער אקציע, צו אקטיוון קאמף.

די וויכטיקסטע פאליטישע אקציע אין יענעם מאמענט איז געווען דאס מאסנהאפטע אונטערחתמענען דעם דערמאנטן „אדרעס" צום צאר. נישט דא איז דאס ארט אפצושטעלן זיך אויף דער גענעזע און אויפן אינהאלט פון דעם „אדרעס". א פאקט איז, אז הגם ער איז אנגעשריבן געווארן דורך עדמונד סטאוויסקי, א מיטגליד פון דער „לאנדווירטשאפטלעכע געזעלשאפט", ביי דער מיטרעדאקציע פון איגנאצי קראשעווסקי,

---

[159] פון די פאליציי־ארכיוו־אקטן ציטירט אין דער דערמאנטער מאגיסטער־ארבעט פון מאיר ראזענבלאט.

[160] ראפארט פון 27־טן מערץ 1861, דאקומענטן־ביילאגע 1ב" ד"ר נ. מ. געלבער „די יידן אין דעם פוילישן אויפשטאנד 1863" (אין דייטש).

זענען אויך די „רויטע“ אין יענעם מאָמענט נישט ארויסגעטראָטן קעגן אים. דאַנילאָווסקי, א טוער פון די „רויטע“ דריקט זיך אזוי אוים וועגן דעם „אדרעס“ אין זיינע זכרונות:

„ער האָט דערמאָנט אין קאַרגע אָבער אין ווירדיקע אויסדרוקן
וועגן די רעכט פון אונדזער נאַציאָנאַליטעט.[161]

ווי מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, איז פאַר די רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן נישט געווען אזוי וויכטיק דער אינהאַלט פון דעם „אדרעס“, ווי דער פאַקט, וואָס דורך דער אקציע פון זאַמלען חתימות איז דערמעגלעכט געוואָרן צוצוקומען צו די פאָלקס־מאַסן און וועקן ביי זיי דעם געדאַנק פון קאַמף פאַר באַפרייונג.

מייזעלס האָט דעריבער פאַרטיידיקט די נויטווענדיקייט פונעם „אדרעס“ אויף דער ערשטער פאַרזאַמלונג פון דער וואַרשעווער „עליטע“ אין זאַמאָיסקיס פאַלאַץ[162] און געלייגט זיין חתימה אויף אים דער ערשטער צוזאַמען מיטן ארציביסקופּ פיאַלקאָווסקי,[163] נישט געקוקט דערויף, וואָס דער „אדרעס“ האָט לגמרי נישט באַרירט די פראַגע וועגן רעכט פאַר יידן (אזוי ווי ער האָט נישט באַרירט קיין אַנדערע קאָנקרעטע פראַגן).[164] ער האָט אויך אויפגעהויבן פאַרן „אדרעס“ א ברייטע אַגיטאַציע איבערן גאַנצן לאַנד. אינעם טאָג פון דער לוויה ד. ה. דעם 2־טן מערץ, האָט מייזעלס ארויסגעשיקט א צירקולאַר אדרעסירט: „צו אונדזערע ברי־

[161] Władysław Daniłowski: „Notatki do pamiętników“ Kraków 1908, str. 33.

J. K. Janowski: „Pamiętniki o Powstaniu Styczniowym“. T. III.

[162] ד״ר יאַסטראָוו גיט איבער אין זיינע זכרונות וועגן מייזעלסן (געדרוקט אין „Hebrew Leader“ 1870) אַ כאַראַקטעריסטישן דיאַלאָג צווישן מייזעלסן און זאַמאָיסקין בעת דער פאַרזאַמלונג. זאַמאָיסקי, וועלנדיק, ווי דער באַלעבאָס אויסטוישן עטלעכע ווערטער מיטן יידישן רב, און נישט ווייסנדיק וועגן וואָס, האָט אָנגעהויבן, ווי געוויינלעך, וועגן וועטער. שטייענדיק גראָד ביים פענצטער זאָגט ער צו מייזעלסן: „נו, ענדלעך איז ליכטיקער געוואָרן, דער הימל לייטערט זיך אויס“. אויף דעם ענטפערט מייזעלס: „אַזוי, אַז מען קאָן זיך שוין נעמען ארויסוואַרפן דעם שמוץ“...

[163] Giller: Dzieje Delegacji Warszawskiej w r. 1861.

[164] ד״ר שאַצקי גיט נישט ריכטיק אָן („געשיכטע פון יידן אין וואַרשע“, ב׳ 2, ז׳ 231) זאַמאָיסקין ווי דעם איניציאַטאָר פונעם „אדרעס“ אַזוי גוט גיללער ווי פּאַוועל פּאָפּיעל אין זיין בראָשור Kilka słów z powodu odezwy księcia Adama Sapichy, Lipsk 1864. גיבן אָן, אַז זאַמאָיסקי איז געווען און געבליבן אַ קעגנער פונעם „אַדרעס“, הגם ער האָט אים אונטערגעשריבן און אַפילו איבערגעזעצט אויף פראַנצויזיש.

דער יידן, רבנים, אָנפירער פון די קהילות, גאָטספאַרכטיקע אין יעדער שטאָט פון אונדזער לאַנד", אין וועלכן ער איז מודיע:

„מיר דאָ אין וואַרשע האָבן איינגעזען פאַר ריכטיק און גוט, און אַלע האָבן אונטערגעשריבן דעם „אַדרעס", נאָך אַ געהעריקן פאַר־טראַכטן זיך אין די ווערטער פון אונדזער הייליקן נביא ירמיהו (קאַפּ. כ"ט) „זאָרגט וועגן דעם וווּל פון דער שטאָט, ווו איר געפינט זיך, ווייל פון איר וווּל איז אָפּהענגיק אייער וווּל". העד בראָניסלאַוו יאַרעצקי באַזוכט איצט די פּראָווינץ־שטעט, כדי צו זאַמלען חתימות. איך האַלט פאַר ריכטיק, איר זאָלט טאָן ווי מיר און אונטערשרייבן דעם „אַדרעס".[165]

אויסער דעם קורצן צירקוליאַר און דער אַגיטאַציע דורך דער פאַר־צווייגטער פּריוואַטער קאָרעספּאָנדענץ, וואָס מייזעלס האָט געפירט, איז אונטער זיין רעדאַקציע אויסגעאַרבעט געוואָרן אַ גרעסערער אויפרוף צו די יידן אין פּוילן, וועלכער איז פאַנאַנדערגעשיקט געוואָרן אין צענדלי־קער טויזנטער עקזעמפּליאַרן איבערן גאַנצן לאַנד.[166] דער אויפרוף, וועל־

---

[165] בריוו נר׳ 982 פון ב. מייזעלס קאָרעספּאָנדענץ, וועלכער געפינט זיך אין דעם דערמאָנטן כתב-יד פון מ. ראָזענבלאַט.

[166] פאַרגלייך דעם אינהאַלט פון דעם אויפרוף לויט:

Wydawnictwo materiałów do historii powstania 1863—1864, tom wstępny. Lwów, 1888, str. 5—8.

און דעם טעקסט, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן דורך:

D. Kandel: Kwartalnik poświęcony badaniu przeszłości Żydów w Polsce. Rocznik I, zeszyt 2, str. 144—147.

בנוגע דעם מחבר שרייבט פּשיבאָראָווסקי אינעם צ. וו. ז׳ 115, אַז דער אויפ־רוף איז בלומרשט געשריבן דורך יידן, אָבער קאַנדעל ווייזט אָן, אַז אויפן ראַנד פון אויפרוף האָט זיך געפונען מייזעלס צושריפט:

przesłać egzemplarz pojedynczy Kronenbergowi i do Mathiasa Rozena.

אויך ד״ר שאַצקי באַשטעטיקט, אַז מייזעלס איז געווען דער מחבר. ד׳ר שאַצקי באַטאָנט נאָך, אַז דער יידישער אָריגינאַל פונעם דאָקומענט איז געווען אין באַזיץ פון פּראָפ. שמעון צינבערג. בנוגע דער דאַטע גיט פּשיבאָראָווסקי אָן דעם 2-טן מערץ, בעת קאַנדעל און ד״ר שאַצקי גיבן אָן דעם 13-טן מערץ. ווען מיר נעמען אָבער אין אַכט, אַז אין אויפרוף רעדט זיך וועגן דעם „וואָס איז גע־שען במשך פון דער פאַרגאַנגענער וואָך", מוזן מיר אָננעמען דעם 2-טן מערץ פאַרן ריכטיקן, ווייל ווען דער רוף וואָלט געווען געשריבן דעם 13-טן, וואָלט ער נישט געקאָנט רעדן וועגן די געשעענישן פון 27-טן פעברואַר, ווי וועגן דעם, וואָס איז געשען אין דער פאַרגאַנגענער וואָך.

בער איז אדרעסירט „אין נאָמען פון גאָט פון ישראל און פון די אָנפי־ רער פון דער אָרטיקער ווארשעווער קהילה צו אונדזערע ברידער יידן, וועלכע וווינען אין פוילישן לאנד״, הייבט זיך אָן מיט דער פעסטשטע־ לונג, אז די יידן אין לאנד האָבן זיכער געהערט וועגן די געשעענישן פון דער פאַרגאַנגענער וואָך. דער אויפרוף באַטאָנט, אַז עס איז דאָ איצט א האָפענונג זיך צו באַפרייען פון דער אונטערדריקונג און פון דעם שווערן יאָך. דער אויפרוף שטעלט פעסט, אַז במשך פון 30 יאָר, ד. ה. פון יאָר 1831 אָן זענען ארויס איבער 100 פאַראָרדענונגען וועגן יידן, וועלכע האָבן געהאַט פאַר א ציל נאָך שווערער צו מאַכן די יידישע לאַגע. פון אלע יידן אין אייראָפּע זענען בלויז די יידן אין קאָנגרעס־פוילן פאַר־ בליבן אונטער דער לאַסט פון מיטלאַלטערלעכן באַרבאַריזם. ווייטער ווייזט דער אויפרוף אָן, אַז פון דער פאַרזיכערונג פון אלעקסאנדער דעם ערשטן וועגן גלייכבאַרעכטיקונג פאַר יידן איז גאָרנישט געוואָרן. ער דערמאָנט די גזירה קעגן דער יידישער הלבשה, ווען מ׳האָט געשלעפּט זקנים איבער די גאַסן, ווי הינט, און אָפּגעשניטן זיין די בערד. דערביי זאָגט דער אויפרוף, אַז די באַאַמטע, וועלכע האָבן גענומען אָנטייל אין די שענדלעכע אַקטן, זענען געווען די אויסוואורפן און פאַרעטער פונעם פוילישן פאָלק. דער בעסטער באַווייז איז, שרייבט דער אויפרוף, אַז ביז 1831, ווען די מאַכט איז געווען אין די פוילישע הענט, האָט מען נישט געהערט וועגן אַזעלכע געמיינקייטן.

דער אויפרוף גייט איבער פון אלעקסאנדער דעם 2־טן, פון וועלכן מע האָט געהאָפט אויף ליכט, אָבער אָנגעקומען איז פינצטערניש, צו דער איצטיקער צייט. דער אויפרוף מאַכט, כלומרשט, א קאָמפּלימענט דעם איצטיקן צאַר, אַז ער וויל יושר, אָבער דער רשע מוכאַנאָוו האָט זיך צוגעקליבן מענטשן, וואָס זענען שונאים פון די פּאָליאַקן און יידן, און שרייבט כסדר קיין פּעטערבורג קעגן זיי. צוליב דעם ווערט נישט דערהערט די שטים פון די איידעלע פּאָליאַקן, וועלכע האָבן ליב אַלע איינוווינער פון לאַנד אָן אונטערשייד פון רעליגיעזער אָנגעהעריקייט. דאַקעגן דער המן (ד. ה. מוכאַנאָוו) זייעט שנאה צווישן די פּאָליאַקן און יידן און אין זיין דינסט האָט ליעשניעווסקי צוויי יאָר געפירט אַן אַנטי־ יידישע העצע. לויט דער איניציאַטיוו פון דעם זעלבן המן איז פאָרגע־ קומען א פּאָגראָם אין שטעטל טורעק און ס׳איז פאַרשוועכט געוואָרן די יידישע שול. דער אויפרוף שרייט אויס פּאַטעטיש:

„ברידער יידן, דרייסטקייט און מענערישקייט, זאָלן מיר אָנ־ נעמען מיט דער גאַנצער איבערגעגעבנקייט די ברידערלעכע האַנט,

וואָס איז אונדז אויסגעשטרעקט געוואָרן. מיר האָבן געזען די ערשטע מענער פון לאַנד גיין צוזאַמען מיט אונדזערע גייסטלעכע ביי דער לוויה פון די פינף געפאַלענע קרבנות, וואָס זייער אומשולדיק בלוט האָט געפלאָסן איבער די גאַסן פון אונדזער שטאָט".

צום סוף פאָדערט אויף דער אויפרוף די יידן, זיי זאָלן אונטער־שרייבן דעם „אדרעס" און פאַראייניקן זייער שטים מיט אַלע בירגער פון לאַנד. דאָס איז דער איין־און־איינציקער וועג, וואָס פירט צום וווּל פון לאַנד.

דער אויפרוף פונעם הויפּט־רב האָט געמאַכט אַ געוואַלדיקן איינ־דרוק. ווען מע נעמט אין אַכט די גרויסע מאַכט וואָס מייזעלס, וועלכן מ'האָט אין ווארשע גערופן „גרויס־וויזיר" האָט פאַרמאָגט, איז דאָס, וואָס איז געשריבן געוואָרן וועגן אים אין אויפרוף, געווען ממש אַ רעוואָלוציאָנערער שריט. די צאַרישע רעגירונג איז טאַקע געווען אויסער זיך. דער גענעראַל קאָמיסאַר, וועלכער איז געווען דער פאַקטישער לייטער פון דער רעגירונג אין ווארשע, האָט אינפאָרמירט דעם עסטרייכישן גענעראַל־קאָנסול לעדערער, אַז דער הויפּט־רב מייזעלס האָט געשריבן צו די יידן, זיי זאָלן באַטראַכטן די צאַרישע רעגירונג פאַר המנס און צו־טרעטן צו דער פּוילישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. די אינפאָרמאַציע האָט לעדערער ווייטער ראַפּאָרטירט קיין ווין דעם 17־טן מערץ, אונטער־שטרייכנדיק, אַז דער הויפּט־רב איז דער זעלבער, וואָס איז געווען אין די פריערדיקע יאָרן רב אין קראָקע.[167]

דער אויפרוף האָט געמאַכט אַזאַ שטאַרקן איינדרוק אין די דיפּלאָ־מאַטישע קרייזן, אַז מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָט לעדערער געמוזט צושיקן אַ קאָפּיע פונעם אויפרוף קיין ווין, באַגלייטנדיק זי מיט אָט דער צושריפט:

„דער אויפרוף פון הויפּט־רב מייזעלס צו די יידן אין גאַנץ פּוילן, וועלכן איך שיק איבער אייער עקסצעלענץ, איז אַן אָפענע קריגס־דערקלערונג. עס איז אוממעגלעך, אַז די רוסישע רעגירונג זאָל אַמאָל קאָנען פאַרגעסן די חרפה, וואָס די פּראָקלאַמאַציע האָט איר אָנגעטאָן".[168]

די פאַרבינדונג פון די פּאָליאַקן און יידן, וואָס האָט געפונען איר אויסדרוק אין די געמיינזאַמע פּאַטריאָטישע אַקציעס, האָט צעשטערט

---

[167] ד"ר י. געלבער אינעם צ. וו. דאָקומענטן־ביילאַגע 1.
[168] דאָרטן.

די קינסטלעכע באריערן, וועלכע האָבן אָפּגעטיילט די צוויי פעלקער פון איין לאַנד. דיסקאָנטירן גלייך די דערגרייכטע פאַרבריידערונג און געבן איר א געזעצלעכע פאָרם, דורך געבן די יידן גלייכע רעכט, איז דערווייל געווען אוממעגלעך, ווייל די געזעצגעבערישע מאכט האָט זיך געפונען אין פרעמדע אָקופּאַנטישע הענט. מייזעלס און אנדערע טוער האָבן פאַרשטאַנען, אז עס איז נאָך נייטיק צו געשטאַלטיקן די פאַרברידערונג אין קאָנקרעטע מעשים, לכל־הפּחות אין אָפּשאַפן יענע באַגרענעצונגען, וועלכע זענען אָפּהענגיק פון דער פּוילישער געזעלשאַפט גופא. צוליב דעם האָבן מייזעלס און די אנדערע יידישע טוער זיך באמיט, אז די האַנטווערקער־ און סוחרים־אָרגאַניזאַציעס זאָלן אָננעמען באַשלוסן צו ליקווידירן דעם דורותדיקן קאַמף פון די פּוילישע אָרגאַניזאַציעס קעגן זייערע יידישע פאַך־קאָלעגן.

די ערשטע אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט דורכגעפירט אזא באַשלוס, איז געווען די וואַרשעווער סוחרים־פאַראייניקונג. קסאַווערי שלענקער, דער עלטסטער פון דער סוחרים־פאַרזאַמלונג, האָט אריינגעטראָגן א פאָרשלאָג אויף דער אלגעמיינער פאַרזאַמלונג פון 17־טן מערץ, עס זאָלן ליקווידירט ווערן די טאָפּלטע ליסטעס, וועלכע זענען איינגעפירט געוואָרן אין יאָר 1817, ד. ה. א באַזונדערע פאַר קריסטלעכע און א באַזונדערע פאַר יידישע סוחרים, און דערמיט געבן די יידן גלייכע רעכט אין די וואַלן צו די אָנפירנדיקע אינסטאַנצן פון דער סוחרים־פאַראייניקונג. דער פאָרשלאָג איז פייערלעך אָנגענומען געוואָרן איינשטימיק.

אין דעם פּראָטאָקאָל פון דער פאַרזאַמלונג, וועלכער איז אונטערגעשריבן געוואָרן דורך 135 פּוילישע סוחרים, ווערט דער באַשלוס מאָטיווירט מיט די פאָלגנדיקע ווערטער:

„...כדי צו ברענגען עפנטלעך און גענוג הויך צום אויסדרוק די אנטפלעקונג פון טאָלעראַנץ פאַר די אָנגעהעריקע צו משהס גלויבן, וועלכע האָבן באַוויזן א לעבעדיקע סימפּאַטיע פאַר דער אַלגעמיינער זאַך בעת די לעצטע געשעענישן אין לאַנד".

באַלד צומאָרגנס האָט די סוחרים־פאַראייניקונג צוגעשיקט צו מייזעלסן א בריוו מיט א קאָפּיע פון פּראָטאָקאָל, אין וועלכן זיי זענען אים מודיע וועגן באַשלוס. דער בריוו ענדיקט זיך מיט די ווערטער:

„אזא עפנטלעכע דערשיינונג פון טאָלעראַנץ און פון פאַרשטיין דעם איצטיקן מאָמענט אויפן וועג פון פּאָרשריט מצד דער וואַרשעווער סוחרים־פאַרזאַמלונג, וועט דינען אנדערע געזעלשאַפטלעכע שיכטן אונדזערע ווי א ביישפּיל צוצואײַלן דאָס אזוי נייטיקע צו־

נויפגיסן זיך פון די ייִדן און קריסטן פאַר דער נאַציאָנאַלער זאַך" אויף דעם האָט מייזעלס אָפּגעענטפערט מיט א לענגערן בריוו, אין וועלכן ער שרייבט:

„...דער דאָזיקער פאַל פון אָפענער רעליגיעזער טאָלעראַנץ און ברידערלעכער פאַראייניקונג מיט די אָנהענגער פון משהס גלויבן, איז א טאָפּלטע פרייד פאַר מיין האַרץ, וויל, ווייזנדיק פון איין זייט אייער בפירוש פאָרשריט אויפן וועג פון בילדונג, מאָראַלישער דערציונג און פון באַגרייפן דעם טובת־הכלל, איז ער פון דער אַנדערער זייט א טרייסטנדיקער באַווייז, אז מיינע מיטגלויביקע, געוועזענע ביז איצט דערנידעריקט און אָפּגעשטויסן, זענען אָנערקענט געוואָרן פאַר ווירדיקע מיטגלידער פון דער סוחרישער קערפּערשאַפט, וואָס אין זיינע רייען געפינען זיך א סך איידעלע, אָרנטלעכע און געבילדעטע מענער. דאַנקען פאַר דעם דאָזיקן טאַט פון דעם חשובן עלטסטן ווי אויך פון דער גאַנצער סוחרים־פאַראייניקונג וואָלט באַדייט א באַליידיקונג פאַר דעם איידעלן גערעכטיקייטס־געפיל, פאַר די גערעכטע איבערצייגונגען, וואָס זייער ציל איז דער וווּיל פונעם לאַנד און וואָס זיי זענען געווען די ערשטע אָנרעגונג פאַר אַזא וויכטיקן שריט. אָבער איך קאָן נישט און דאַרף זיך נישט צוריקהאַלטן פון אויסדריקן ווונטשן און ברכות. זאָל גאָט דער אייבערשטער, וואָס לייענט אין אונדזערע הערצער, און וואָס קען די ריינקייט פון אונדזערע שטרעבונגען, באַווילִיקן צו באַגייסטערן אונדז מיט זיין גייסט, אַז מיר זאָלן אויפן וועג פון עקזיסטענץ־פאַרבעסערונג, מנוחה און אחדות, דערגרייכן פּאָרזיכטיק און דויערהאַפטיק צו דעם באַגערטן ציל, און דער באַגערטער רעזולטאַט זאָל באַקרוינען אונדזערע גערעכטע און געזעלשאַפטלעכע באַמיונגען פאַרן גליק פון לאַנד און פון אַלע איינוווינער, אָן אונטערשייד פון שטאַנד און גלויבן. דעם אויבן־געבראַכטן אויפרוף, צוזאַמען מיט דער דאַטע און מיטן נומער, פון דעם עלטסטן־אַמט וועל איך פאָרשטעלן דעם [illegible]ילה־דאָזאַר, כדי וועגן דעם געבן צו צו וויסן דעם קהל".[169]

---

[169] די קאָרעספּאָנדענץ איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן דורך ד. קאַנדעל אין: Kwartalnik poświęcony badaniu przeszłości Żydów w Polsce. Rocznik I, zeszyt 2, str. 144—147.

ס'איז אינטערעסאַנט, אַז אין דער „גאַזעטאַ פּאָלסקאַ" איז פאַרעפנטלעכט דער פּראָטאָקאָל אָן דער מאָטיווירונג, וועלכע איז אָנגעגעבן אינעם בריוו צו מייזעלסן.

ווי עס איז צו זען פון דעם ענטפער, האט מייזעלס געזען אין דעם באשלוס פון די ווארשעווער פוילישע סוחרים א באווייז פון דער גערעכטיקייט פון זיין פאליטישער ליניע. אויף צוויי מאמענטן פון זיין ענטפער איז כדאי זיך ספעציעל אפצושטעלן.

ערשטנס, אקצענטירט מייזעלס, אז דער באשלוס פון דער סוחרים־פאראייניקונג איז א רעזולטאט פון דער איבערצייגונג, אז די גלייכבארעכטיקונג פון די יידישע סוחרים איז אין גייסט פון גערעכטיקייט און פארן וווילזיין פון לאנד, אזוי, אז עס קומט נישט דערפאר קיין דאנק.

צווייטנס, שטרייכט מייזעלס אונטער דאס „דערגיין צום ציל... אויפן וועג פון עקזיסטענץ־פארבעסערונג, רו און אחדות", וואס אויפן דעמאלטיקן פאליטישן לשון האט עס געהייסן „ארגאנישע ארבעט". עס שטייט פאר אונדז די פראגע: צי האט מייזעלס דא געבראכט צום אויסדרוק זיין פאליטישן אני־מאמין, אז דער וועג צום ציל פירט דורך „ארגאנישער ארבעט", אדער צי האט ער אזוי געענטפערט, ווייל ווי דער הויפט־רב האט ער געמוזט זיך רעכענען דערמיט, אז דער ענטפער וועט געשריבן צו דער ווארשעווער סוחרים־פאראייניקונג מיט קסאווערי שלענקער בראש. די צווייטע השערה איז א ווארשיינלעכע — קודם־כל דערפאר, ווייל דאס באנוצן מצד מייזעלסן אינעם בריוו די טערמינען „דערגיין צום ציל" און „באגערטער רעזולטאט", זענען ווייט נישט געווען קיין טערמינען פון די „וויסע". נאך א שטארקערער באווייז פאר אונדזער השערה איז א צווייטער פאקט, וואס איז פארבונדן מיט דער דאזיקער קארעספאנדענץ. מייזעלס האט צוגעגעבן, דעם 21־טן, ארייננגעשיקט אין דער פארוואלטונג פון דער יידישער קהלה א קאפיע פון דעם בריוו און דעם באשלוס פון דער סוחרים־פארזאמלונג מיט זיין ענטפער, דערמאנענדיק דערביי, אז עס איז נייטיק די קארעספאנדענץ אפצודרוקן אין א ספעציעלער אויסגאבע און פאנאנדערטיילן זי אין די בתי־מדרשים, שולן און בכלל פארשפרייטן צווישן די יידן. די קהלה־פארוואלטונג האט אפגעווארפן זיין פארשלאג מיטן מאטיוו, אז דער באשלוס איז שוין פארעפנטלעכט געווען אין דער פרעסע, און ס'איז נישט נייטיק ספעציעל אים איבערצוגעבן דער יידישער עפנטלעכקייט.[176]

פון דעם איז קלאר, אז מייזעלס האט געוואלט, אז דעם באשלוס זאלן קענען נישט בלויז די יידן, וועלכע לייענען די פוילישע פרעסע, נאר די

[176] דארטן. ד. קאנדעל גיט איבער, אז אזוי איז געשטאנען אין דער צושריפט פון דער קהלה־פארוואלטונג, געשריבן אויף דעם ראנד פון מייזעלס בריוו.

גאנצע יידישע באפעלקערונג, און זי זאָל זיך באַקענען מיטן דערמאָנטן קאָרעספּאָנדענץ־אויסטויש. די קהלה־פאָרשטייער זענען באַשטאַנען אין גרעסטן טייל פון אַזאַ קלאַסן־עלעמענט, וואָס איז נישט געווען פאַראינ־טערעסירט אין פאַרשפּרייטן אַזאַ קאָרעספּאָנדענץ. זיי האָבן געקוקט קרום אויף דעם הויפּט־רב, וואָס איז פאַרקראָכן צו ווייט. זיי האָבן אים חושד געווען, אַז ער וויל אויסנוצן די קאָרעספּאָנדענץ לשם אַגיטאַציע אין דער יידישער סביבה פאַר אַזעלכע רעוואָלוציאָנער־פּאַטריאָטישע צוועקן, וועלכע זאָלן דערפירן צו האַנדלונגען, וואָס זענען נישט אין איינ־קלאַנג מיטן „וועג", וואָס פירט צו דער באַפרייונג דורך „רו" און „עקר זיסטענץ־פאַרבעסערונג".

אין דריי טעג אַרום איז אַ באַשלוס פון גלייכבאַרעכטיקן די יידישע באַלמעלאָכעס אָנגענומען געוואָרן דורך די צעכן. אויף דער פאַרזאַמלונג פון די עלטסטע פון די וואַרשעווער צעכן איז דער פאָרזיצער יוזעף קוויאַטקאָווסקי אַרויסגעטרעטן מיט אַ רעדע. ער האָט געזאָגט צוו"אַ:

„פוילן נייטיקט זיך אין דעם, אַז אַלע, וואָס זענען דאָ געבוירן געוואָרן, זאָלן זיך פילן ווי ברידער. לאָמיר דעריבער באַזייטיקן די פאָראורטיילן, וואָס שטעלן אַוועק צווישן אונדז אַ מחיצה, און זאָלן די אמונות אונדז נישט פאַנאַנדערטיילן. דעם 27־טן פעברואַר 1861 האָט זיך יידיש בלוט צונויפגעמישט מיט בלוט פון קריסטן. מיט דעם האָבן די יידן באַוויזן, אַז זיי זענען פּאָליאַקן. דעריבער טאָרן מיר זיי נישט אָפּשטויסן פון אונדז. צי זענט איר גרייט צוצו־שטימען, אַז פון הייגט אָן וועט איר אין אייערע וואַרשטאַטן נישט מאַכן קיין שום אונטערשייד צווישן יידן און קריסטן? צי זענט איר גרייט צוצולאָזן יידן אין די צעכן?[171]

אַלע פאַרזאַמלטע האָבן זיך איינשטימיק אַרויסגעזאָגט פאַר צולאָזן די יידן אין די צעכן און האַנטווערקער־אָרגאַניזאַציעס. קוויאַטקאָווסקיס רעדע און דער אַלגעמיינער באַשלוס איז צוגעשיקט געוואָרן מיזעלסן און איז דורך אים תיכף פאַנאַנדערגעשיקט געוואָרן איבערן גאַנצן לאַנד.

אין יענער צייט, ווען דאָס לאַנד האָט אַביסל אָפּגעאָטעמט פונעם אָקופּאַנטישן טעראָר און דער אונטערדריקונג, ד. ה. אין די אַזוי גערו־פענע „פוילישע טעג" בעת דער „הערשונג פון דער דעלעגאַציע" און בעת דעם זאַמלען די חתימות אויף דעם דערמאָנטן „אַדרעס", האָבן זיך באַ־וויזן „רויטע" אַגיטאַטאָרן אין די דערפער צווישן די פויערים.

---

[171] לויט י. שאַצקי, „די געשיכטע פון יידן אין וואַרשע", באַנד 2, ז' 216.

זיי האָבן אַגיטירט אַנצושליסן זיך אין א נאַציאָנאַלן אויפשטאַנד און פאַרזיכערט די פּויערים, אַז דער טאָג פון ליקווידירן די פּאַנשטשיזנע איז נאָענט.

די אַגיטאַציע פון די „רויטע" צווישן די פּויערים האָט אַנגעוואָרפן א פּחד אויף דער וואַרשעווער רעגירונג. עס האָט איר געדראָט א געפאַר אַז די פּויערים זאָלן אַמאָל נישט צושטיין צום אויפשטאַנד. א טייל פון דער רעגירונג אין וואַרשע איז בכלל נישט צופרידן געווען פון גאָרטשאַ־קאָווס צו מעסיקער פּאָליטיק. דאָס האָט אויסגענוצט דער פירער פון די אָנהענגער פון „א שטאַרקער האַנט", דער הערמאַנטער מוכאַנאָוו, וועל־כער האָט ווי דער הויפּט־דירעקטאָר פון דער קאָמיסיע פאַר אינערלעכע ענינים פאַנאַנדערגעשיקט דעם 19־טן מערץ א געהיימען צירקולאַר. אינעם פּונקט 4 פון צירקולאַר זאָגט זיך, אַז די אַדמיניסטראַטיווע און פּאָליציי מאַכט דאַרפן אינפאָרמירן די פּויערים, אַז „די רעגירונג, וועלכע באַמיט זיך ספּעציעל וועגן זייער וווּל, דערוואַרט, אַז זיי וועלן נישט נאָר נישט צוהערן זיך צו די קעגנער פון דער אָרדענונג, נאָר, כדי צו דערהאַלטן די אַלגעמיינע אָרדענונג, פאַרהאַלטן אפילו יעדן איינעם, וואָס וועט זיך באַווייזן צווישן זיי און צורעדן צו צעשטערונגען, און אים צושטעלן צו די מאַכט־אָרגאַנען".[172]

די כוונה פון מוכאַנאָוו איז געווען א קלאָרע. פּונקט ווי ער האָט אַמאָל אינספּירירט אַן אַנטיסעמיטישע העצע, כדי צו שפּאַלטן די באַפעל־קערונג פון פּוילן, אַזוי האָט ער איצט געוואָלט זיך הנדלען צו די פּויע־רים און געווינען זיי פאַר די אָקופּאַנטישע צילן. דער געהיימער צירקו־לאַר האָט אַרויסגערופן א געוואַלדיקע אויפרעגונג ביי אַלע גרופּירונגען.[173] אין דער ערשטער ריי האָבן געציטערט די פּויערים, מורא האָבנדיק, עס זאָל זיך נישט איבערחזרן דאָס זעלבע, וואָס אין יאָר 1846 אין גאַליציע. אויך די לינקע „רויטע", וועלכע האָבן אַגיטירט די פּויערים קעגן דער פּאַנשטשיזנע, האָבן דאָך נישט געוואָלט דערלאָזן דערצו, אַז די אָקופּאַ־ציע־מאַכט זאָל איבערנעמען דאָס אַפּוטרופּסות איבער די פּויערים.

---

[172] פּשיבאָראָווסקי ד. צ. וו. ז' 217.

[173] לויט ק. יאַנאָווסקי אינעם ציטירטן ווערק, ווי אויך לויט גיללערן. אינעם ציטירטן ווערק, זענען די יידן פון די דערפער געווען די אַנטדעקער פון מוכאַנאָווס געהיימען צירקולאַר. פּשיבאָראָווסקי פּרוווט דאָס אָפּלייקענען און גיט איבער, אַז דער וואַרשעווער גובערנאַטאָר לעשינסקי האָט צוגעשטעלט אַן עקזעמפּליאַר פון דעם צירקולאַר דער „דעלעגאַציע".

ערשט סוף מערץ האָט די „לאַנדווירטשאַפטלעכע געזעלשאַפט" פאַנאַנדערגעשיקט אין די דערפער דעם באַשלוס פון דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פון דער געזעלשאַפט פון 27־טן פעברואַר וועגן געבן די פויערים די מעגלעכקייט אויסצוקויפן די ערד, אויף וועלכער זיי זיצן. אונטערן דרוק פון דער דעצידירטער און איינהייטלעכער עפנטלעכער מיינונג איז די צאַרישע מאַכט געצוווּנגען געווען צו באַזייטיקן מוכאַנאָוו. דעם 23־טן מערץ האָט מוכאַנאָוו באַקומען דעמיסיע.

דעם זעלבן אָוונט איז ער ממש געצוווּנגען געווען צו אַנטלויפן פון וואַרשע.

אין דער צייט האָט מיזעלס געהאַלטן פאַר נייטיק זיך צו ווענדן צו די יידן פון די פּראָווינץ־שטעט און דערפער מיט אַן אויספירלעכן באַריכט פון דער לאַגע און געבן זיי אָנווייזונגען. אין דער ווענדונג[174] ווייזט ער קודם־כל אָן אויף דער נישט ריכטיקער האַנדלונג פון די יעניקע פּחדנים, וואָס האָבן זיך פאַרשטעקט און, וועלנדיק אָנהאַלטן אַ נייטראַלע פּאָזיציע, נישט געוואָלט פאַרעפנטלעכן זייערע פריערדיקע בריוו, אין וועלכע ער האָט גערופן צו אייניקייט מיטן קעמפנדיקן פּוילישן פאָלק. ווי דעם בעסטן באַווייז פאַר דעם, אַז דורך פאַראייניקן די כוחות פון די יידן און פּאָליאַקן קאָן מען דערגיין צום זיג, גיט מיזעלס אָן דעם פאַקט, וואָס מוכאַנאָוו, דער שונא פון די פּאָליאַקן און יידן, האָט געמוזט בחרפּתו פאַרלאָזן דאָס לאַנד. ווייטער גיט מיזעלס איבער געגנוי וועגן דעם אָנגענומענעם באַשלוס פון דער „לאַנדוו. געזעלש." מכוח דערמעגלעכן די פויערים אויסצוקויפן די ערד, וועלכע זיי האָבן אין באַזיץ. ער ווייזט אָן, אַז מוכאַנאָוו האָט נישט געוואָלט דערלאָזן דערצו, און מסכים געווען בלויז אויף צינדז־סיסטעם. מיזעלס דעמאַסקירט זיין כוונה און שרייבט אַט וואָס:

„די כוונה פון דעם רשע איז געווען צו וועקן שנאה צווישן די פריצים און די פויערים, ווייל אין יעדער צייט פון יאָר, ווען דער פויער וועט מוזן צאָלן צינז, וועט ער טראַכטן אין הארץ: אָט מיין גאַנצע האָרעוואַניע און שווייס נעמט צו דער פּריץ. און אַזוי וועט דער פויער טראָגן אַן אייביקע שנאה אין זיין הארץ. דער מנוול האָט געטראַכט: ווען מיר זאָל געלונגען צו מאַכן אַ קריגעריי און אַ שטענדיקע שנאה צווישן אַלע איינוווינער פון לאַנד, פריצים, פויערים און יידן, וועל איך און מיינע חברים קאָנען טאָן אַלץ

[174] די פאָטאָקאָפּיע פון דעם רוף איז פאַרעפנטלעכט ביי ד"ר י. געלבער אינעם צ. וו.

אומגעשטערט. די פויערים וועלן זיין קעגן די פריצים, וועלכע זיי האָבן פיינט. די יידן וועלן מיינען, אז נאָר די פּאָליאַקן זענען שולדיק אין דעם אלדאָס בייז, וואָס טרעפט זיי. און אזויארום וועט מיר געלינגען צו דערפירן צו דער פולשטענדיקער פאַרניכטונג פונעם גאנצן פוילישן פאָלק".

ווייטער גייט מייזעלס איבער צו מוכאנאָווס לעצטן צירקולאַר, וואָס האָט געהאט פאר א ציל ארויסצורופן פּראָוואָקאציעס. מייזעלס גיט איבער דעם פּחד, וואָס דער צירקולאַר האָט ארויסגערופן ביי די יידישע טוער, ווייל פּראָוואָקאציעס אויפן דאָרף, אינספּירירטע דורך מוכאנאָוון און זיינס גליכן, קאָנען דורך זיי אויסגעקערעוועט ווערן אויך קעגן די אומשולדיקע יידן. מייזעלס לאָזט נישט אדורך די געלעגנהייט צו פלעגן די פּאַטריאָטישע געפילן און שרייבט: „אין דעם זכות, וואָס פוילן האָט געעפנט די טויערן פאר די גערודפטע יידן פון שפּאניע, פראנקרייך און דייטשלאנד, זענען זיי איצט ניצול געוואָרן פון מוכאנאָווס פּלענער". ביי דעם ווענדט זיך מייזעלס צו די יידן, זיי זאָלן קעגנווירקן די איינפלוסן פון די פארבליבענע מוכאנאָווס חברה און זען צו מאכן שלום צווישן דעם פוילישן פּאָלק. מייזעלס גיט צו פארשטיין דעם יידישן באַלמעלאָכע און הענדלער די באַדייטונג פון באַשענקען די פּויערים מיט ערד־אייגנטום:

„...אויך אונדזער לאגע וועט ווערן אויסגעבעסערט מיט גאָטס הילף (צוליב דער „אוולאשטשעניע" — א. ק.). די פראקטיק האָט אונדז באוויזן, אז אין אלע אנדערע לענדער, וו די פויערים זענען פריי פון פאנשטשיזנע־ארבעט און פון צאָלן צינזן, און די ערד מיט דערווירטשאפט זענען זייער אייגנטום, ווערן די פויערים רייך, און זייער גוטע עקאָנאָמישע לאגע האָט א גוטע ווירקונג אויף די איבעריקע איינוווינער פון דער מדינה, און עס מערן זיך די פרנסות אין לאנד, און אויך א סך יידן אין אונדזער לאנד וועלן קאָנען לייכט זיך איינשאפן ערד־ווירטשאפטן אויף די אויבן־אָנגעגעבענע באדינגונגען. אזוי, אז אונדזער פּאָזיטיווע שטעלונג צו דער פראגע וועט אויך דיקטירט צוליב אונדזער טובה".

ער פאַרזיכערט ווייטער אין זיין בריוו, אז עס זענען אוועק יענע צייטן, ווען מע האָט ארעסטירט און פארשפּארט מענטשן אין די טורמעס אָן שום סיבה, אז מע דאַרף אויפהערן מורא צו האָבן פאר טעראָר.

די אלגעמיינע אינטענץ פון דער ווענדונג, וואָס האָט געצילט אין דער ערשטער ריי צו אקטיוויזירן די יידישע פאָלקס־מאסן פון די פראָ־

ווינץ־שטעטלעך און דערפער אין קאמף קעגן די צארישע אינטריגעס און פאר דער פויערים־באפרייונג, האט געהאט א געהעריקע ווירקונג. די פראסטע יידן פון די דערפער האבן געהאט דעם פולסטן צוטרוי צו דעם אלטן רב־דעמאקראט און, צוהערנדיק זיך צו זיינע ווערטער, אנגעהויבן א ברייטע אויפקלערונג צווישן די פויערים. אט וואס עס שרייבט וועגן דעם אגאטאן גיללער:

„די רבנים האבן פארגעשלאגן די פארמיטלער, ארענדארן, סוחרים, וועלכע האבן פארבינדונגען מיט די פויערים, זיי זאלן די לעצטע ווארענען וועגן די שלעכטע כוונות פון דער רעגירונג צום לאנד און אויפקלערן זיי די אמתע באדייטונג פון די ווארשעווער געשעענישן. די יידן האבן אנגעהויבן זייערע בירגער־פליכטן פון א וויכטיקער טעטיקייט, און מע מוז מודה זיין, אז הגם זיי האבן נישט געקאנט אויפקלערן די פויערים, ווייל זיי אליין זענען געווען צו ווייניק אויפגעקלערט אין געזעלשאפטלעכע פליכטן, האבן זיי אבער גורם געווען דאס אפשוואכן די שעדלעכע איינפלוסן פון דער אנטי־געזעלשאפטלעכער פראפאגאנדע פון דער צארישער מאכט".[175]

אבער די ווענדונג אנטהאלט איין וויכטיקן פרט, וואס גיט אונדז די מעגלעכקייט צו קאנען באשטימען מייזעלס שטעלונג צו דער פויערים־פראגע. כדי אט דעם מאמענט קלאר צו מאכן, איז נייטיק כאטש אין קורצן זיך אפצושטעלן אויף די פארשידענע פלענער וועגן דער לעזונג פון דער פויערים־פראגע, וואס זענען ארויסגערוקט געווארן אינעם באַהאנדלטן פעריאד.

אנדזשעי זאמאיסקי, ווי דער גאנצער קאמיטעט פון דער „לאנדוו. געז.", איז געשטאנען אויפן שטאנדפונקט פון איבערפירן די פאנשטשיזנע אויפן צינז־סיסטעם. דאקעגן טאמאש פאטאצקי און א ריי פארשטייער פון דער מיטעלער שליאכטע האבן מער דערשאצט די סכנה, אויב די פויערים־פראגע וועט נישט געלעזט ווערן דורך געבן די פויערים די מעגלעכקייט צו ווערן די באלעבאטים פון דער ערד, וואס זיי האלטן אין פאנשטשיזנע אדער צינז־ארענדע. צוליב דעם האבן זיי געשאפן דעם א. נ. „פאטאצקי־פראיעקט", וועגן וועלכן מייזעלס שרייבט אין דער „ווענדונג" און וואס איז — ווי מיר האבן שוין געשריבן — אנגענומען גע־

---

175 Agaton Giller: Dzieje Delegacji Warszawskiej w 1861 r., str. 236.

וואָרן דורך דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פון דער „לאַנדוו. געז.“ דעם 27־טן מערץ 1861. די מחברים פון דעם פּראָיעקט האָבן געהאַט א טאַקטישן ציל: די צינז־אָרענדע־קאָנצעפּציע וואָלט געווען א גוטע טראַנזאַקציע פאַר די פּריצים גופא, ווייל זיי וואָלטן באַקומען פון דער „אויסקויף־קאַסע, וועלכע האָט געדאַרפט ווערן געגרינדעט, מזומנים פאַר דער ערד, וואָס די פּויערים וועלן ווערן איבער איר באַלעבאַטים אין עטלעכע צענדליק יאָרן אַרום; און גלייכצייטיק וועט דורך דעם ווערן געגעבן די פּויערים די האָפענונג, אַז זייערע קינדער וועלן שוין ווערן די איינגטימער פון דער ערד און אַזוי אַרום וועט אָפּגעשטומפט ווערן זייער רעוואָלוציאָנערער דראַנג. די שטאָטישע בורזשואַזיע האָט זיך צופרידנגעשטעלט מיט דעם „פּאָטאָצקי־פּראָיעקט“,[176] אָבער אויך א טייל פון די „רויטע“, וועלכע זענען אין פּרינציפּ געווען פאַר א תיכפדיקער „אַוולאַשטשעניע“ פון פּויערים, זענען געווען גרייט אָנצונעמען דעם „פּאָטאָצקי־פּראָיעקט“ ווי א גוטן קאָמפּראָמיס־אויסוועג. נאָכמער: איינער פון די פירער פון די „רויטע“, אַגאַטאָן גיללער, זעט אין דעם אַריינגעטראָגענעם פאַרשלאָג פון דעם „שלאַכעטני“ (גיללערס באַצייכענונג) פּאָטאָצקי אַן אויסדרוק פון זיינע „ליבע־געפילן“ לגבי דעם פּויערטום. דערביי דאַרף ווערן אונטערגעשטראָכן, אַז אפילו מער קאָנסעקווענטע דעמאָקראַטן ווי גיללער, זענען גרייט געווען אויף די ווייטגייענדיקסטע קאָמפּראָמיסן אין דער פּויערים־פראַגע, כדי צו דערהאַלטן די „נאַציאָנאַלע איינהייט“ מיט דער שליאַכטע. ערשט אין דער צווייטער העלפט פון יאָר 1862 געפינען מיר אין אָרגאַן פון די „רויטע“ — „רוך“ (באַוועגונג) א קריטישע שטעלונג צו די קאָמפּראָמיס־פאַרשלאָגן. אָבער אפילו דעמלט לייענען מיר נאָך אין „רוך“ פון 4־טן יוני 1862 אַזעלכע ווערטער:

„דאָס פעלן פון האַרמאָניע צווישן די פּאָליטישע שטרעמונגען און סאָציאַלע טענדענצן ביי די איינוווינער פון קאָנגרעס־פּוילן האָט געגעבן א מעגלעכקייט דער צארישער רעגירונג צוצוציען די

---

[176] וועגן דעם קאָנסערוואַטיוון כאַראַקטער פון טאָמאַש פּאָטאָצקיס פּלאַן, זע ביי נ. ס. דראַהיצין אין דעם אויבן ציטירטן ווערק, ז' 128—126. און ביי Miller U. C.: „Nakanunie otmeny barszcziny w Galicyi“. Uczonyje zapiski Instituta Sławianowiedienija. Tom I. Izdatielstwo Akadiemii Nauk w SSSR. Moskwa—Leningrad 1949, str. 226, 227.

זע אויך:

Kostotowski E.: Studia nad kwestią włościańską w latach 1846—1864. Lwów 1938 r., str. 224.

פויערים אויף איר זייט און צו האלטן אין שרעק די פּריצים, וועלכע האָבן מורא פאר א סאָציאַלער איבערקערעניש".

דער חלום וועגן „הארמאָניע", ווי א מיטל קעגנצווירקן די איינפלוסן פון דער צארישער רעגירונג ביי די פויערים און פּריצים האָט, וואַרשיינלעך, דערצידירט ביי די „רויטע", אז זיי זאָלן אין יענעם מאָמענט נישט קריטיקירן פּאַטאָצקיס פּראָיעקט, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן דורך דער „לאנדוו. געז."

פון דעם געזאָגטן איז צו זען, אז דער אַלגעמיינער אינהאלט פון מייזעלס ווענדונג קאָן זיך פולשטענדיק דעקן מיט דער שטעלונג פון די „רויטע" צו פּאַטאָצקיס פּראָיעקט אין יענעם מאָמענט. ס'איז אָבער דאָ, ווי מיר האָבן געזאָגט, א געוויסער מאָמענט אין דער ווענדונג, וואָס גיט אונדז די רעכט פעסטצושטעלן, אז מייזעלס האָט בעסער פארשטאַנען די נויטווענדיקייט פון א מער ראדיקאלער לעזונג פון דעם פויערים־פּראָבלעם, איידער א טייל פירער פון די „רויטע". דער צענטער און דער „רייטער" גיללער זעען נישט אין דער „אוולאשטשעניע" קיין עקאָנאָמישן נוצן פארן לאנד, נאָר בלויז א פּאָליטישן. פארקערט, פון גיללערס ווערטער קאָן מען דרינגען, אז פאר דער עקאָנאָמיע וואָלט געווען אמבעסטן דאָס איבערגיין אויפן צינז־סיסטעם, נאָר בלויז לטובת די נאציאָנאלע אויפשטאנד־אינטערעסן וואָלטן די פּריצים נעדארפט דורכפירן די „אוולאשטשעניע".[177] מייזעלס דאקעגן פארשטייט דעם נוצן, וואָס דאָס באשענקען מיט ערד־איינגנטום די פויערים קאָן ברענגען פארן לאנד אין דער עקאָנאָמישער הינזיכט, ער שטעלט טאקע דעם טראָפּ אויף דעם דאָזיקן וועזנטלעכן מאָמענט.

פון דעם ווערט קלאָר, אז מייזעלס האָט גאָרנישט שלעכט פארשטאַנען די פויערים־פראגע, און נישט ווי ד"ר יעקב שאצקי שרייבט: „אויף דער פויערים־פראגע האָט זיך מייזעלס אינגאנצן נישט פארשטאַנען". (געשיכטע פון יידן אין ווארשע, 2־טער באַנד, ז. 232).

עס איז נאָך כדאי צו דערמאָנען, אז די פּויליש־יידישע פארברידערונג האָט געפונען אן אויסדרוק אין קעגנזייטיקע אונטערשטיצונגען אויפן פילאַנטראָפּישן געביט. אזוי ווערן אין דער דעמאלטיקער פּרעסע אָנגעגעבן פאקטן, אז אין א סך שטעט האָבן די יידן און פּאָליאַקן איבערגעשיקט גרעסערע סומען אין די דורך זיי געשאַפענע ווילטעטיקע אינסטיטוציעס, מאטעריאל אונטערגעשטיצט די אָרעמערע און ווייניקער

[177] וועגן אַגאַטאָן גיללערס שטעלונג זע אין זיין „געשיכטע פון דער וואַרשעווער דעלעגאַציע" ז' 239. 171. 168.

באַלויניטע אַרבעטנדיקע באַפעלקערונג. אין די ראַמען פון די פאַרברידערונג־אויסדרוקן איז אונטער מייזעלס פאָרזיץ געשאַפן געוואָרן אין וואַרשע אַ קאָמיטעט איבערצושיקן הילף דער קריסטלעכער באַפעלקערונג אין סיריע,[178] וועלכע איז פאַגראַמירט געוואָרן אין אָנהייב יאָר 1861 דורך מוזולמענישע דרוזישע שבטים אין רעזולטאַט פון די קעגנזייטיקע פּראָוואָקאַציעס פון דער טערקישער אימפּעריע און ענגלאַנד־פראַנקרייך.[179]

דערווייל זענען פאָרגעקומען ענדערונגען אין דער פּאָליטישער לאַגע. דאָס אַפּוואַרפן דורכן צאַר דעם „אַדרעס" האָט אַרויסגערופן ביי אַ גרויסן טייל פון דער וואַרשעווער באַפעלקערונג שטימונגען, אַז מע דאַרף איר בערייסן מיט דער „לעגאַלער" פּאָליטיק. די צאַרישע מאַכט ווידער האָט באַשלאָסן צו מאַכן אַ סוף מיט דער כלומרשטער הערשאַפט פון דער „דעלעגאַציע" און בכלל ענדיקן מיט גאַרטשאַקאָוום וואַקלדיקער פּאָליטיק.

נישט אַריינלאָזנדיק זיך אין אַן אָפּשאַצונג פון דער טעטיקייט פון דער „דעלעגאַציע", ווילן מיר אָבער אונטערשטרייכן ביים שליסן דאָס קאַפּיטל אין געביט פון איר טעטיקייט, וואָס איז אָפּגעשאַצט געוואָרן פּאָזיטיוו אַפילו דורך די רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן. דאָס איז די אַקטיווקייט פון דער „דעלעגאַציע" פאַר דער פאַרברידערונג צווישן דער יידישער און פּוילישער באַפעלקערונג. אַז די טעטיקייט האָט געקריגן די צושטימונג פון די רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן קאָן באַווייזן אָט דער פאָלגנדיקער פאַקט:

נאָך עטלעכע וואָכן טעטיקייט פון דער „דעלעגאַציע" זענען די רעוואָלוציאָנערע טוער אין וואַרשע געקומען צום באַשלוס, אַז זי ווייזט אַרויס ווייניק אַקטיווקייט און איז פאַרוואַנדלט געוואָרן גיכער אין אַן אינסטרומענט, וועלכער באַרואיקט און שלעפּערט איין דעם רעוואָלוציאָנערן גייסט פון דער באַפעלקערונג. דאָס האָט זיי באַוויגן צונויפצוזאַמלען זיך דעם 18־טן מערץ אונטער דער אָנפירונג פון קאַראָל נאָוואַקאָווסקי אינעם לאָקאַל, וווּ די „דעלעגאַציע" האָט אָפּגעהאַלטן איר באַראַטונג. זיי האָבן דאָרטן אויסגעדריקט זייער מיינונג, אַז די „דעלעגאַציע" טוט גאָרנישט

---

[178] „גאַזעטאַ פּאָלסקאַ" 1861 : נומ' 82. דער קאָמיטעט האָט געהאַט דעם פאָלגנדיקן צוזאַמענשטעל. פאָרזיצער מייזעלס, מיטגלידער ד"ר יאַסטראָוו, הענריק טעפּליץ, ראַטוואַנד און סאַמועל קאַניטש, קאַסירער.

[179] זע וועגן דעם אין:
Istorija diplomatii. Tom I. Pod redakcijej W. P. Potiemkina, Moskwa 1941, str. 47-8.

און האָט נישט קיין עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג. קאַראָל רופּרעכט[180] האָט גענומען אַ וואָרט און דערוויזן, אַז דער פאָרוואורף קעגן דער „רעלעגאַציע" איז נישט באַרעכטיקט, ווייל זי פאַרנעמט זיך מיט שאַפן פּראָיעקטן וועגן יידישער גלייכבאַרעכטיקונג און העלפט אַדורכצופירן דעם פאַרברידערונגס־פּראָצעס מיט די יידן. נאָוואַקאָווסקי איז מסכים געווען מיט רופּרעכטן בנוגע דער פראַגע און האָט צוריקגעצויגן די פאָדערונג, אַז די „רעלע־גאַציע" זאָל זיך אַליין אויפלעזן.[181]

דערווייל האָט די אָקופּאַציע־מאַכט, ווי מיר האָבן דערמאָנט, באַ־שלאָסן צו נעמען זיך באַלעבאַטעווען מיט אַ שטאַרקער האַנט. צו הילף איז איר געקומען דער מאַרקגראַף וויעלאָפּאָלסקי.

[180] רופּרעכט — אַ מיטגליד פון דער „דעלעגאַציע". די רעוואָלוציאָנערע קרייזן האָבן זיך באַצויגן צו אים מיט רעספּעקט, נישט געקוקט דערויף, וואָס ער איז איצט געווען אַ פירער פון די „ווייסע", ווייל ווי אַן אָנטיילנעמער אינעם אויפשטאַנד פון יאָר 1831, איז ער פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט. ווען ער איז שוין געווען אונטער דער תליה, איז אָנגעקומען די צאַרישע פאַראָרדענונג צו פאַרטוישן אים די תליה אויף אייביקער קאַטאָרגע.

[181] זע פּשיבאָראָווסקי אינעם צ. וו. ז' 207—209. אינטערעסאַנט איז אויך די רעפּליק צווישן רופּרעכטן און נאָוואַקאָווסקין. נאָוואַקאָווסקי האָט אָפּגעענטפערט רופּרעכטן: „וואָס העלפט אייער פּראָיעקטירן, דער אָקופּאַנט וועט דאָך סיי ווי נישט לאָזן רעאַליזירן אייערע באַשלוסן". אויף דעם האָט רופּרעכט געזאָגט: „גאַנץ מעגלעך, אָבער דורך אונדזערע באַמיונגען געווינען מיר פאַר אונדזער לאַנד די יידן, וועלכע מע האָט ביז איצט געהאַלטן פאַר פרעמדע און דערמיט ווערט פאַרשטאַרקט דער פוילישער כוח".

אין אַ געענדערטער פאָרם גיט איבער די רעפּליק:
J. K. Janowskiego: Pamiętniki o Powstaniu Styczniowym 1854—1862. T. III, str. 216—217.

קאַפּיטל דרייצן

מיזעלס אין צענטער פון דעם רעוואָלוציאָנער־פּאַטריאָטישן אויפברויז אין יאָר 1861

דעם 23־טן מערץ 1861 איז מאַרקגראַף אַלעקסאַנדער וויעלאָפּאָלסקי נאָמינירט געוואָרן פאַרן דירעקטאָר פון דער קאָמיסיע פאַר רעליגיע און בילדונג.[182] נישט אין דער דאָזיקער אַרבעט איז דאָס אָרט זיך אָפּצושטעלן אויף וויעלאָפּאָלסקיס טעטיקייט און רעפאָרם־פּלענער, דורך וועלכע ער האָט געוואָלט געווינען אָנהענגער פאַר זיין פּאָליטיק, וועלכע האָט געהאַט פאַר א ציל איינצושפּאַנען די פּוילישע באַפעלקערונג אינעם צאַרישן וואָגן. ס'איז אויך נישט דאָ דאָס אָרט זיך אַריינצולאָזן אין א דיסקוסיע מיט ד"ר יעקב שאַצקי, כדי אויפצווייזן די נישטריכטיקייט פון זיין טעזע, אַז „די גרעסטע האָפענונג פון די יידן, אָן אונטערשייד פון פּאָליטישער אָריענטאַציע, איז געווען דער מאַרקגראַף אַלעקסאַנדער וויעלאָפּאָלסקי.[183]

דאָס וואָס געהערט צו אונדזער טעמע איז — צו געבן אַן ענטפער אויף דער פראַגע: צי האָט מיזעלס געהערט צו יענע יידן, וועלכע האָבן געליינט האָפענונגען אויף אַלעקסאַנדער וויעלאָפּאָלסקיס פּלענער? בעסער געזאָגט: צי איז מיזעלס געווען גרייט אָפּצוגיין פון דעם קאַמפּף־צוג, וועלכער האָט געדאַרפט דערפירן צו דער פולער באַפרייונג פון פּוילן און אויסצושטייגן אויף דער סטאַציע „וויעלאָפּאָלסקיס גלייכבאַרעכטיקונג פאַר יידן"? — צי האָבן וויעלאָפּאָלסקיס זיסע רייד, מיט וועלכע ער האָט אויפגענומען די יידישע פאָרשטייער דעם 4־טן אַפּריל און געווונטשן זיי גוטע רעזולטאַטן אין זייערע באַמיונגען צו באַזייטיקן, אין די ראַמען פון שטרענגער לעגאַליטעט, די פאַרשידענע באַגרענעצונגען כלפּי זיי, און דער האַנט־דרוק, מיט וועלכן ער האָט בעת דער אויפנאַמע באַשאַנקען

[182] דאָס איז דער זעלבער אַמט, וועלכן מוכאַנאָוו האָט געהאַט אין דער וואַרשעווער אָקופּאַנטישער רעגירונג.

[183] יעקב שאַצקי אין „די יידן אין פּוילן" ניו־יאָרק 1946, ז' 617.

מיזעלסן ווי דעם הויפטרב — צי האָבן אָט די מאַנעוורעס באַוויזן צו געווינען מיזעלס צוטרוי, ער זאָל ענדערן זיין ביז־איצטיקע איבערציי־גונג? ווי מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, איז מיזעלס געשטאַנען אויפן שטאַנדפּונקט, אַז דער גורל פון די יידן אין פּוילן איז ענג פאַרבונדן מיט דער פּולער באַפרייונג פונעם גאַנצן פּוילישן לאַנד; ער האָט געהאַלטן, אַז די פאַרבעסערונג פון דער עקאָנאָמישער לאַגע פון לאַנד און אויך פון די יידן אין פּוילן איז אָפּהענגיק פון דעם, אַז די פּויערים זאָלן ווערן די באַלעבאַטים פון זייער ערד. דאַקעגן וויעלאָפּאָלסקי האָט געפּרעדיקט אַ קולטור־אויטאָנאָמיע פאַר אַ פּוילן אין די גרענעצן פון 1815, און די פּויערים האָט ער געוואָלט באַשענקען מיט אייביקן צינז.

דעם בעסטן ענטפער אויף די פראַגן וועט אונדז געבן מיזעלס שטעלונג און זיין אָנטייל אין דער אַנטוויקלונג פון די ווייטערדיקע געשעענישן.[184]

וויעלאָפּאָלסקי האָט אָנגעהויבן זיין אַמטירן פון ליקווידירן די פּויליש אינסטיטוציעס, אַפילו די, וואָס האָבן פאַרמאָגט בלויז אַ שיין פון אַ געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישן כאַראַקטער. אַזוי איז אויך זיין פאָדערונג אויפגעלעזט געוואָרן די „בירגערלעכע אָפּטיילונג" ביי דער שטאָט־פאַרוואַלטונג, וועלכע איז באַטראַכט געוואָרן ווי אַ יורש פון דער פריערדיקער „דעלעגאַציע". ער האָט גערופן צו זיך די קאַטוילישע גייסטלעכע און זיי שטרענג דערקלערט, אַז ער וועט זיי נישט דערלויבן צו מישן זיך אין פּאָליטיק. דעם 6־טן אַפּריל איז אויף זיין דרינגנדיקער פאָדערונג פאַנאַנדערגעלאָזט געוואָרן די „לאַנדווירטשאַפטלעכע געזעלשאַפט".

---

[184] פאַרשטייט זיך, אַז מיזעלס אָנטייל אין וויעלאָפּאָלסקיס רעגירונגס־ראַט קאָן נישט דינען פאַר קיין באַווייז פון מיזעלס גלויבן אין וויעלאָפּאָלסקיס פּאָליטישער שיטה. ווי דער אַמטירנדיקער רב האָט ער זיך נישט געקאָנט אָפּזאָגן פון נעמען אַן אָנטייל. וואָס עס איז אָבער יאָ כאַראַקטעריסטיש, איז דאָס, וואָס צו די וואַלן פון דער וואַרשעווער שטאָט־פאַרוואַלטונג פון 23־טן סעפּטעמבער 1861, וועלכע די „רויטע" האָבן גערופן צו באָיקאָטירן, האָט מיזעלס נישט קאַנדידירט, הגם כמעט אַלע מיטגלידער פון דער געוועזענער „דעלעגאַציע", יידישע און נישט יידישע, האָבן קאַנדידירט און זענען געווילט געוואָרן. ס'לאָזט זיך נישט גלייבן, אַז מיזעלס, וועלכער איז אין די אַלע ביז איצטיקע געזעלשאַפטלעכע אינסטאַנצן געווען פאַרטרעטן ווי דער אָפיציעלער פאַרשטייער פון די יידן, זאָל גלאַט אַזוי נישט קאַנדידירן, און די „ווייסע" זאָלן נישט מאַכן קיין באַמיונגען וועגן דעם. בלויז אין דעם ליכט פון אונדזערע ווייטערדיקע אויספירונגען וועגן מיזעלס אַנטשלאָסענער קעגנערשאַפט צו וועלאָפּאָלסקין און צו זיינע אינסטיטוציעס, איז פאַרשטענדלעך, פאַרוואָס ער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו באַטייליקן דאָרטן, ווי ער האָט עס נישט געמוזט טאָן צוליב זיין אַמט.

די אלע פאקטן האָבן ארויסגערופן א געוואלדיקע אויפרעגונג צווישן
אלע שיכטן פון דער באפעלקערונג אָן חילוק פון זייער באציונג צו די
פאנאנדערגעלאָזטע אינסטיטוציעס, ווייל זיי האָבן אין וויעלאָפּאָלסקיס
מעשים געזען א דיקטאטאָרישן טראָר קעגן זייערע קעגנער און א שטיצ־
בונג צו דערשטיקן יעדע פּאָליטיש־געזעלשאפטלעכע טעטיקייט פון די
פּאָליאקן.

די רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן, וועלכע האָבן געזען אין וויעלאָ־
פּאָלסקין אַן אגענט פון דער צארישער מאכט, האָבן באשלאָסן אויסצו־
נוצן די אלגעמיינע אויפרעגונג, און צומאָרגנס נאָכן פאנאנדערלאָזן די
„לאנדוו. געזעלש.", אָרגאניזירט א דעמאָנסטראציע פאר דער געבײדע, ווי
ס'איז געווען דאָס זיץ־אָרט פון דער פאנאנדערגעלאָזטער געזעלשאפט.
פון דאָרטן האָט זיך די מאסע געלאָזט צו זאמאָיסקיס פּאלאץ. גראף זא־
מאָיסקי איז ארויס אויפן באלקאָן און זיך געווענדעט צו די דעמאָנס־
טראנטן מיט די פאָלגנדיקע ווערטער: „וואָס איך האָב געוואָלט און וואָס
איך טו, ווייס איך גענוי. דאָס איז אָרגאנישע ארבעט פארן לאנד". דער־
ביי האָט ער געפּרוּווט אויפקלערן די פארזאמלטע דעם זין פון דער „אָר־
גאנישער ארבעט". צום סוף האָט זאמאָיסקי דערקלערט: „אָבער וואָס
איר ווילט און צו וואָס עס צילן אייערע מעשים (ד. ה. די פּאטריאָטישע
מאניפעסטאציעס — א. ק.), פארשטיי איך נישט".

קיינער פון די מאניפעסטאנטן האָט זיך נישט דערוועגט אים צו
ענטפערן. דעמאלט האָט זיך פון צווישן די דעמאָנסטראנטן ארויסגערוקט
א פּראָסטער ייד, אין טראדיציאָנעלע יידישע מלבושים, מיט באָרד און
פאות, און דערקלערט: „איך בין אן אָרעמער נישט באוווסטזיניקער ייד
און בין נישט אימשטאנד געטרײַ דעם פּאַן גראביע אויפצוקלערן, וואָס
מיר ווילן מיט די מאניפעסטאציעס, אָבער דאָס ווייס איך, אז אויב איך
וועל אומקומען דורך דעם צארישן אָקופּאנט, וועל איך זיך גוט צודיי־
נען דעם פּאָטערלאנד".[185]

צומאָרגנס דעם 8־טן אפּריל האָט געדארפט פּאָרקומען די לוויה
פונעם פארשטאָרבענעם סיביריאק קסאווערי סטאָבניצקי. די רעוואָלוציאָ־
נערע טוער האָבן באשלאָסן צו פארוואנדלען די לוויה אין א פּאטריאָ־
טישער דעמאָנסטראציע, וועלכע זאָל אויך מאניפעסטירן די פּויליש־
יידישע פארברידערונג. די פּוילישע און יידישע סטודענטן האָבן זיך
צונויפגערעדט, אז אין דער זעלבער צייט, ווען ס'וועט פּאָרקומען סטאָב־

[185] A. Giller: Manifestacje Warszawy 1861, Stanisławów, str. 8.

ניצקיס לוויה אויפן פּאָוואָנזקער צווינטער, זאָל די יידישע יוגנט אָרגאַ־ניזירן אויפן שכנותדיקן יידישן בית־עולם א הזכרה נאָך דעם פאַר־שטאָרבענעם דירעקטאָר פון דער ראבינער־שול אנטאָני אייזענבוים, וועל־כער איז געווען זייער פּאָפּולער ווי דער, וואָס האָט פּאָרויסגעזאָגט און פּראָפּאַגירט די פּויליש־יידישע פאַרברידערונג.

אויפן בית־עולם האָבן זיך פארזאמלט א סך יידן. אויך די פּאָ־ליאַקן, וועלכע האָבן אָנטייל גענומען אין סטאַבניצקיס לוויה, זענען גע־קומען אויפן יידישן בית־עולם בייצווזיין די הזכרה. דער ראבינער פון דער פאַרגעשריטענער נאַלעווקער־שול, קראמשטיק, האָט געהאלטן פאַר די פאַרזאמלטע א פייערדיקע פּאַטריאָטישע רעדע, די רעדע האָט ארויס־גערופן א געוואלדיקן ענטוזיאזם ביי דער גרויסער פאַרזאַמלטער מאסע פון טויזנטער ברוסטן האָט זיך ארויסגעריסן דאָס פּאַטריאָטישע ליד „באָזשע צאָש פּאָלסקע”. די אַנוועזנדיקע פּוילישע און יידישע יוגנט האָבן זיך געוואָרפן אין די אָרעמס און געשווירן ברידערלעכע ליבע און גרייט־קייט צו די גרעסטע קרבנות פארן פּאָטערלאנד.

גיללער שילדערט אזוי די שטימונג, וועלכע האָט באהערשט די פאַר־זאמלטע:

„דאָס געמיינזאמע געזאנג, די רעדעס און דאָס ארומאָרמען זיך פון די פּאָליאַקן און יידן אויף אייזענבוימס קבר איז געווען א נייער באווייז פון זייער פאקטישער פארברידערונג... אזוי האָבן פיי־ערלעך פארהייליקט אויפן בית־עולם זייער פארברידערונג די צוויי צוזאמענגעשטאָנענע לייַדנדיקע פעלקער אויפן ערד־קיילעך.[186]

פון בית־עולם האָט די מאסע געריט אין שטאָט אריין. דערנענ־טערנדיק זיך צום שלאָס־פּלאַץ, האָבן זיי דערהערט א שיסעריי, וואָס די קאָזאַקן האָבן געעפנט אויף די מאַניפעסטאנטן, וועלכע האָבן זיך קאָנ־צענטרירט אויפן שלאָס־פּלאַץ. אָבער נישט געקוקט אויף דעם, האָבן זיי זיך דערנענטערט צום פּלאַץ. די צעיושעטע קאָזאַקן האָבן נישט געלייגט קיין אכט אפילו אויף דעם קרייץ, וואָס דער גלח האָט געטראָגן אין שפּיץ פון דער מאסע, און געוואָרפן זיך מיט הויכע שווערדן. ווען דער גלח איז געפאלן א פארבלוטיקטער, האָט דעם קרייץ אויפגעהויבן דער רעוואָלוציאָנער קאַרל נאָוואַקאָווסקי, אזן ווען נאָוואַקאָווסקי האָט ארויס־געלאָזט דעם קרייץ, פאלנדיק א פארווונדעטער, האָט אים אויפגעהויבן

---

[186] A. Giller: Historia Powstania Narodu Polskiego w 1861—1864, t. II, str. 213.

דער יידישער סטודענט לאנדע און אים געטראָגן פאַרויס, ביז ער איז געפאַלן טויט פון א קויל.

די שחיטה אויף דעם שלאָס־פּלאַץ, וועלכע האָט געבראַכט צענדליקער הרוגים און הונדערטער פאַרוואונדעטע, האָט ארויסגערופן א גרויסע אויפרעגונג אין גאַנצן לאַנד.

די פּויליש־יידישע פאַרברידערונג איז נאָך פעסטער צעמענטירט געוואָרן דורך דעם געמיינזאַם פאַרגאָסענעם בלוט. דער סטודענט לאַנדע איז אויסגעוואַקסן צו א העראָישער געשטאַלט פאַר דער פאַרברידערונגס־אידעע און באַזונגען געוואָרן דורך די פּוילישע פּאָעטן פון יענער צייט.

סוף מאַי איז אָנגעקומען קיין וואַרשע די ידיעה וועגן טויט פון גרויסן פּוילישן היסטאָריקער און קעמפער פאַר פרייהייט יאָאַכים לעלעוועל. די הזכרות, וואָס זענען איינגעאָרדנט געוואָרן צו זיין אָנדענק, האָבן געטראָגן א בולטן פּאָליטיש־פּאַטריאָטישן כאַראַקטער. אויך אין די יידישע שולן אין וואַרשע זענען איינגעאָרדנט געוואָרן הזכרות מיט הספדים, און מע האָט ארויסגעלאָזט ספּעציעלע ווענדונג צו די יידן אין פּוילן.[187]

ווי ס׳איז צו זען, האָבן אין די דעמאָנסטראַציעס און פּאַטריאָטישע ארויסטרעטונגען, וואָס זענען געווען געווענדעט קעגן וויעלאָפּאָלסקין און דער אָקופּאַנטישער מאַכט, גענומען אן אַקטיוון אָנטייל נישט בלויז די יידישע יוגנט, נאָר אויך פּשוטע יידישע פאָלקס־מענטשן. אויף וויפל מיזעלס האָט אין דער דורך אונדז באַהאַנדלטער צייט מיטגעווירקט אײַנעם אויפמונטערן די יידישע פאָלקס־מאַסן צו אַקטיוויקייט איז שווער פעסטצושטעלן, ווייל, ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט, איז דער דאָקומענטאַציע־מאַטעריאַל, וואָס וואָלט געקאָנט גענוי ענטפערן אויף דעם, פאַרניכטעט געוואָרן. אָבער עטלעכע אָפּגעראַטעוועטע קאָפּיעס פון דאָקומענטן, וואָס געפינען זיך אין אונדזער רשות, העראויזן, אז אויך די געשעענישן פון אַפּריל און מאַי זענען נישט געווען פריי פון מיזעלס השפּעה.

לויט דאָקומענטן פונעם נאַמיעסטניק־ארכיוו האָט דער ניי־נאָמירטער נאַמיעסטניק, מיכאַלאַי סוכאָזאַנעט, אין יוני 1861 ארויס־

[187] לויט פּנחס קאָן, איז מיזעלס געווען דער מחבר פון דעם הספד. יעקב שאַצקי דאָקעגן אין „יידישע בילדונגס־פּאָליטיק אין פּוילן", 1806—1866, ז׳ 117, שרייבט צו דעם הספד יצחק גאָלדמאַנען, דעם שעף פון דער יידישער פּרעסע־ און פּראָפּאַגאַנדע־ביוראָ ביי דער געהיימער פּוילישער אויפשטאַנד־רעגירונג. אין 1863, האָט ער צוזאַמען מיט מיזעלסן פאַראָרדנט איבערצולייענען אין אַלע בתי־תפילות דעם מאַניפעסט פון דער אויפשטאַנד־רעגירונג.

גערופֿן וויעלאָפּאָלסקין און געוויזן אים אָן אויפֿרוף, וואָס מייזעלס האָט אין דער צייט ארויסגעשיקט צו די יידן אין פּוילן. גלייכצייטיק האָט ער באַמערקט, אַז לויט זיין מיינונג איז שוין די העכסטע צייט צו מאַכן מייזעלסן אומשעדלעך, אַז מע וואָלט געדאַרפֿט מייזעלסן ארויסשיקן פֿון די גרענעצן פֿון קאָנגרעס־פּוילן.[188] וויעלאָפּאָלסקי האָט שריפֿטלעך געענטפֿערט דעם נאַמיעסטניק, אַז לויט זיין מיינונג וואָלטן רעפּרעסיעס קעגן מייזעלסן געקאָנט ארויסרופֿן א שטאַרקע אויפֿרעגונג צווישן די יידן און קערפֿירן צו אומרוען. אין רעזולטאַט פֿון דעם ענטפֿער איז דעם 21־טן יוני אָפּגעשטעלט געוואָרן די געהיימע אויספֿאָרשונג קעגן מייזעלסן.

צוויי וויכטיקע דאָקומענטן, געשריבענע דורך מייזעלסן אין סעפּטעמבער 1861, וואַרפֿן א ליכט אויף מייזעלס אומדערמידלעכער און פֿאַרצווייגטער פּראָפּאַגאַנדע־אַרבעט שוין אין דער ערשטער צייט פֿון וויעלאָפּאָלסקיס אַמטירן. איין דאָקומענט איז א דרשה, וואָס מייזעלס האָט געהאַלטן ראש־השנה (6־טן סעפּטעמבער) אין וואַרשע און נאָך יום־טוב זי פֿאַנאַנדערגעשיקט צו די יידישע קהלות פֿון קאָנגרעס־פּוילן. דער צווייטער דאָקומענט איז א בריוו קיין לענטשיץ פֿון 11־טן סעפּטעמבער.

די דרשה האָט ער אָנגעהויבן מיט דעם פּסוק פֿון תהילים: „מה טוב ומה נעים שבת אחים גם יחד„ — „ווי גוט און אָנגענעם עס איז, ווען ברידער זיצן צוזאַמען". נאָך דעם האָט מייזעלס דערקלערט: אונדזער גרעסטער רעליגיעזער אויטאָריטעט (פּוסק), וואָס אויף זיינע פּעסט־שטעלונגען (הלכות) שטיצט זיך דאָס גאַנצע יידישע הויז (דאָס רעליגיעזע לעבן), דער רמ"א (משה איסרלים קראָקעווער רב אין 16־טן י. ה. — א. ק.) האָט אונדז אין זיינע פֿאַרשריפֿטן וועגן דער באַציונג פֿון יידן צו פֿעלקער פֿון אַנדערע רעליגיעס אָנגעוויזן, אַז דעם פּוילישן שטאַם דאַרפֿן מיר ליב האָבן מער ווי אַנדערע פֿעלקער, ווייל זיי זענען אונדזערע ברידער פֿון דור־דורות. דער רמ"א האָט אויך געשריבן, אַז עס איז ליבער א טרוקן שטיקל ברויט אין רואיקן פּוילישן לאַנד, ווו ס'איז נישטאָ צו אונדז קיין שנאה. מייזעלס האָט ווייטער אָנגעוויזן אין דער דרשה, אַז אַדאַנק דער טאָלעראַנץ פֿונעם פּוילישן פֿאָלק האָבן די פּוילישע יידן מער ווי אין אַנדערע לענדער זיך דערהאַלטן ביים לעבן־שטייגער און געזעצן פֿון זייערע אָבות.

„דעריבער — רופֿט מייזעלס אויס — דאַרפֿט איר, זין פֿון ישראל, וואָס אין אייערע הערצער איז פֿאַרפֿלאַנצט און איבערגעגעבן געוואָרן

---

[188] נומער 1088 פֿון Akta Komisyi Śledczej לויט דעם כתב-יד פֿון דעם דערמאָנטן מאיר ראָזענבלאַט.

דורך אונדזערע הייליקע אבות די מידה פון ליבע און דאנקבארקייט צו די יעניקע, וועלכע טוען אונדז גוטס, — ליב האָבן דעם געבוירן־שטאַם פון אונדזער לאַנד, זאָלן מיר זיך באַמיען וועגן זייער שלום און וווילן. איך טו דעריבער דערקלערן, אַז דער חוב אונדזערער איז, מיר זאָלן ליב האָבן די זין פון פוילישן לאַנד און נישט פאַרגעסן דאָס גוטס וואָס זיי האָבן אונדז אַרויסגעוויזן".

„...מיר זענען גרייט זיי צו דערמאָנען אין דעם הייליקן אָרט (מקום־קדוש) פאַר דער אינטענץ פון זייער וווּל. מיר זענען אויך גרייט מנדר צו זיין צדקה פאַר די נשמות פון זייערע פאַרשטאָרבענע פאַט־ריאָטן".[189]

מע דאַרף קענען די אינערלעכע וועלט פון דעם רעליגיעזן ייד פון ניינצנטן יאָרהונדערט, כדי צו קאָנען ווי געהעריק אָפּשאַצן דעם פאַקט, וואָס דער אַלטער הויפּט־רב פון דער גרעסטער יידישער קהלה אין אייראָפּע האָט געהאַלטן פאַר פּאַסיק און מעגלעך אַרויסצוטרעטן אין דעם „פּאָרכטיקן טאָג פון יום־הדין" פאַר תקיעת־שופר מיט אַזאַ מין דרשה.

אינעם בריוו צום לענטשיצער רב, דאַטירט דעם 11־טן סעפּטעמ־בער 1861, וואָס דאַרף זיין אַן ענטפער אויף זיינער אַן אָנפרעגע פון 7־טן מערץ 1861,[190] (?) שרייבט מייזעלס אָט וואָס: „אייער בריוו האָב איך דערהאַלטן. לויט מיין מיינונג איז נישטאָ איבער וואָס צו פאַר־טראַכטן זיך וועגן אייערע פּלענער בנוגע פאַרזאַמלונגען און צוגרייטונ־גען צו ביטעס. פאַר אונדז איז דאָס לגמרי נישט קיין נייעס, ווייל נישט בלויז, וואָס אין אונדזער אָרטיקער קהלה ווערן כמעט יעדע וואָך רעדאַ־

[189] מייזעלס קאָרעספּאָנדענץ, נומער פון בריוו 1032 אין דער דאָקומענטאַ־ציע־ביילאַגע פון ראָזענבלאַטס כתב־יד.

[190] אין מייזעלס קאָרעספּאָנדענץ האָט פיגורירט אַ בריוו צו אים געשריבן פון לענטשיץ, דעם 7־טן מערץ, א. נ. 1259 מיטן פאָלגנדיקן אינהאַלט: „די קהלה פון לענטשיץ פאַרלאַנגט פון אונדז צו ברענגען צום אויסדרוק דעם צער און טרוי־ער אין צוזאַמענהאַנג מיט די טרויעריקע ידיעות וועגן דעם, וואָס עס איז געשען. זיי פאַרלאַנגען אויך, אַז מיר זאָלן אונטערשרייבן אַ ביטע, וואָס איז צונויפ־געשטעלט געוואָרן לטובת הכלל. מיר ווייסן נישט וואָס פאַר אַ תשובה צו געבן אויף דעם, דעריבער ווענדן מיר זיך צו זיין הויכקייט וועגן דעם".

צי דער בריוו פון 11־טן סעפּטעמבער איז אַ תשובה אויפן בריוו פון 7־טן מערץ, איז אַ ספק, וואָרשיינלעך איז דאָס אַ תשובה אויף אַ דערהאַלטענעם בריוו פון לענטשיץ אין די ערשטע טעג פון סעפּטעמבער, דאָס דערוויזט, אַז מייזעלס האָט אויפגעהאַלטן אַ כסדרדיקע קאָרעספּאָנדענץ מיט דער פּראָווינץ און האָט זיי אָנגערעגט צו מעשים.

נירט פֿאַרשידענע ווענדונגען אויף די גאַסן, נאָר אויך אין זייערע נע־בעט־הייזער; דאָס זעלביקע אויך אין אַנדערע שטעט פֿון לאַנד, ווו עס ווערן אָנגענומען פֿאַרשידענע ביטעס אויף אַ סך פֿאַרזאַמלונגען און ביי דעם אַלעם ברענגט עס נישט קיינעם פֿון אונדזערע ברידער יידן קיין שאָדן".[191]

דער בריוו קלינגט ווי אַ רעטעניש, ווייל ווי באַוווּסט, זענען אין דער צייט נישט געשריבן געוואָרן קיין שום „אַחדעסן" און ביטעס. אָבער דער בריוו קאָן לייכט ווערן דעשיפֿרירט, ווען מיר באַקענען זיך מיט די געשעענישן אין דער שטאָט לענטשיץ אין די ערשטע טעג פֿון חודש סעפּטעמבער 1861.

דעם דריטן סעפּטעמבער איז דורך לענטשיץ, אויפֿן וועג קיין טשענסטאָכאָוו, דורכגעפֿאָרן דער קויאַווער קאַלישער בּיסקופּ מאַר־שעווסקי, וועלכער איז געווען באַקאַנט פֿאַר אַ קעגנער פֿון דער פּאַטריאָ־טישער באַוועגונג. דער בּיסקופּ האָט נישט באַוויזן זיך צו פֿאַרהאַלטן אויף עטלעכע מינוט אין האָטעל, ווי די באַפֿעלקערונג פֿון שטעטל, קריסטן און יידן, זענען אַרויס אויף דער גאַס און אויפֿגעהויבן אַ שטאַרקן טומל און אַ קאַצן־מוזיק, שרייענדיק: „מאַרשעווסקי, צאַרישער משרת, פֿאָלקס־פֿאַרעטער, אַרויס!" אַ האָגל פֿון שטיינער האָט אויסגע־האַקט די שויבן פֿון האָטעל, די וויטרינעס פֿון די פֿענצטער זענען אַרויס־געריסן געוואָרן, ס'האָבן נישט געהאָלפֿן די בקשות פֿונעם אָרטיקן גלח. דער בּיסקופּ האָט זיך קוים אַ לעבעדיקער אַרויסגעקריגן פֿון שטעטל, אָבער רייטער אויף פֿערד זענען אים נאָכגעפֿאָרן און באַוואָרפֿן מיט שטיינער. דער פֿאַקט האָט געמאַכט אַזאַ איינדרוק אויף דער אָקופּאַנ־טישער מאַכט, אַז דער נאַמיעסטניק האָט געשיקט אַ ספּעציעלע אויספֿאָר־שונגס־קאָמיסיע, דראָענדיק, אַז אויב די פֿאַקטן וועלן זיך באַשטעטיקן, וועט ער איינפֿירן אין שטאָט קריגס־צושטאַנד. אָבער נישט געקוקט אויף די דראָונגען, האָבן זיך ענלעכע געשעענישן איבערגעחזרט, ווען עס האָט אין עטלעכע טעג שפּעטער דורך לענטשיץ אַדורכמאַרשירט אַ קאָמפּאַניע מיליטער קיין זגיערזש, איז זי באַגעגנט געוואָרן דורך די איינוווינער מיט שטיינער.[192]

פּשיבּאָראָווסקי שרייבט, נאָכן אויסרעכענען אַ ריי רעוואָלוציאָנערע מעשים, וועלכע האָבן געהאַט אַן אָרט אין די דאָזיקע טעג, אין לענ־

---

[191] דאָרטן אין דער דאָקומענטאַציע-ביילאַגע, בריוו נר' 1287.
[192] פּשיבּאָראָווסקי, ד.צ.וו. ז' 241—244.

משיך, אַט וואָס: „דאָס אַלץ האָט בפירוש עדות געזאָגט, אַז לענטשיץ איז ביז צום גרונט רעוואָלוציאָניזירט, און עס ניטיקט זיך איינצופירן דאָרט קריגס־צושטאַנד". [193] קיין לענטשיץ איז אַרויסגעשיקט געוואָרן אַ באַטאַליאָן זעלנער און אַרטילערישע אָפּטיילונגען, כּדי צוריקצושטעלן דאָרט די אָרדנונג.

אין ליכט פון אָט דער געשעעניש קאָנען מיר זיך אָנשטויסן, וואָס מייזעלס האָט געמיינט מיט די „ביטעס", וועלכע ווערן צוגעגרייט. דאָס האָט מייזעלס געגעבן צו פאַרשטיין אין אַ באַהאַלטענער פאָרם די יידן פון לענטשיץ, אַז די פאַרזאַמלונגען און צוגרייטונגען, וואָס ווערן געמאַכט, דאַרפן ווערן פולשטענדיק אונטערגעשטיצט דורך די יידן, און מע דאַרף נישט וועגן דעם קיין ספק טראַכטן, ווייל דאָס וועט נישט ברענגען קיין שאָדן די יידן, און לענטשיץ איז נישט קיין אויסנאַם, ווייל דאָס גאַנצע לאַנד גרייט זיך. פון דעם געזאָגטן איז בולט זיין רעוואָלוציאָנערע טעטיקייט אין לאַנד. נאָך דעם ווי וויעלאָפּאָלסקי איז אַריינגעטראָטן אין דינסט פון דער אָקופּאַנטישער מאַכט, האָט מייזעלס פאַרשטאַרקט, דערמונטערט און צוגעגרייט די יידישע באַפעלקערונג אין לאַנד צו די פּלאַנירטע רעוואָלוציאָנער־פּאַטריאָטישע אַרויסטרעטונגען אויפן אָנקומענדיקן האַרבסט.

193 דאָרטן.

קאַפּיטל פערצן

ווייטערדיקער קאַמף אין תפיסה

אָקטאָבער פון יאָר 1861 האָט געזאָלט זיין — לויט די פּלענער פון די רעוואָלוציאָנער־פּאַטריאָטישע טוער — אַ חודש פון פאַרשטאַרקטער טעטיקייט. זיי האָבן געפּלאַנט צו אָרגאַניזירן אַ צוזאַמענפאַל־מאַניפעסטאַציע אינעם שטעטל האָראָדליע (הרוביעשאָווער פּאָוויאַט). אין צוזאַמענהאַנג מיטן קאָשטשיושקאָ יאָר־טאָג, וועלכער פאַלט אויס דעם 15־טן אָקטאָבער, זיינען געפּלאַנט געוואָרן מאַניפעסטאַציעס אויף די פעלדער פון מאַטשעיאָוויץ. בשעת די צוגרייטונגען צו די דערמאָנטע און נאָך אַנדערע ארויסטרעטונגען, איז אונטערגעקומען אַ געשעעניש, וואָס האָט געגעבן אַ מעגלעכקייט צו פאַרוואַנדלען ווארשע גופא אין אַ געביט פון די גרעסטע פּאָליטיש־פּאַטריאָטישע מאַניפעסטאַציעס. דעם 5־טן אָקטאָבער איז געשטאָרבן דער אַלטער ארציביסקופ פיאַלקאָווסקי, וואָס האָט געוואונען גרויס סימפּאַטיע צוליב זיין פּאַטריאָטיזם און זיין נעגאַטיווער שטעלונג לגבי דער אָקופּאַנטישער מאַכט. הרב מייזעלס האָט גערופן די יידישע באַפעלקערונג צו אַ מאַסן־אָנטייל אין דער לוויה. צומאָרגנס, ווען ס'איז אין פּאַלאַץ פונעם ארציביסקופ עפנטלעך ארויסגעשטעלט געוואָרן דער קערפּער פון פאַרשטאָרבענעם, האָט זיך באַוויזן הרב מייזעלס אין זיין רבנישער טראַכט בראש פון אַ יידישער דעלעגאַציע. ביים אַריינגאַנג צום פּאַלאַץ איז ער אויפגענומען געוואָרן פייערלעך דורך צוויי גלחים, און ביי אַ גרויסן ענטוזיאַזם פון די פאַרזאַמלטע פּאָליאַקן האָט ער צוזאַמען מיט דער דעלעגאַציע פאַרביימאַרשירט פאַרן ארויסגעשטעלטן קערפּער פונעם פאַרשטאָרבענעם.

אין דעם ראַפּאָרט פון דער געהיים־פּאָליציי ווערט אָנגעוויזן אויף דעם אויסערגעוויינלעכן פּאָליטישן באַדייט, וואָס די לוויה־מאַניפעסטאַציע האָט געהאַט דורך דעם, וואָס אין איר האָבן אָנטייל גענומען עטלעכע טויזנט פּויערים און געזונגען פּאַטריאָטישע לידער. אָבער דעם

כאַראַקטער פון א ריזיקער פּאָליטישער מאַניפעסטאַציע, שטרייכט אונטער דער ראַפּאָרט, האָט די לוויה באַקומען אַדאַנק דעם אָנטייל פון די יידישע רבנים און פון דער יידישער יוגנט.[194]

אויף דער אויפנאַמע פאַר דער פּויערים־דעלעגאַציע, וואָס איז צום מאָרגנס נאָך דער לוויה, דעם 11־טן אָקטאָבער, איינגעאָרדנט געוואָרן אין האָטעל „אייראָפּעיסקי", איז געווען אָנוועזנדיק א גרויסע צאָל יידישע יוגנט, וועלכע האָט געפירט אַן אַגיטאַציע צווישן די פּויערים. בעת די טאָאַסטן, וואָס זענען דאָרט געהאַלטן געוואָרן, איז אויך געווען איינער „פאַרן וווילזיין פון אונדזערע יידישע ברידער".

נישט קיין קלענערן דערפאָלג האָט געהאַט דער מאַסן־צוזאַמענפאַל אויף די פעלדער אַרום האָראָדליע, וווּ ס'האָבן אויך נישט געפעלט קיין מאָמענטן פון דעמאָנסטרירן די יידיש־פּוילישע פאַרברידערונג.[195] דעם דערמאָנטן 10־טן אָקטאָבער איז אויך פאָרגעקומען א ריזיקע מאַניפעסטאַציע אויף די פעלדער אַרום מאַטשעיאָוויץ אין צוזאַמענהאַנג מיטן יאָרטאָג פון די לעצטע קאָשטשיושקאָ־קאַמפן. די יידן פון דער אָרטיקער געגנט זענען מאַסנווייז געקומען אויף דער פייערונג. זיי האָבן אויך גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין די מאַניפעסטאַציעס, וועלכע זענען דעם טאָג פאָרגעקומען אין די שטעטלעך: מיעכאָוו, סמאָלניק, פּראָשעוויץ, סקאַלבמיערזש, דזשאַלאָשיץ. צוזאַמען מיט זייערע רבנים האָבן זיי זיך אָנגעשלאָסן אין די דעמאָנסטראַציע־צוגן, וועלכע זענען געגאַנגען קיין ראַצלאַוויצע. אין דזשאַלאָשיץ האָבן די יידן, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין דער דעמאָנסטראַציע, געטראָגן פענדלעך מיט ווייסע אָדלערס.[196]

אין די טעג פון פאַרשטאַרקטער פּאַטריאָטישער טעטיקייט איז מיר וועלס געשטאַנען אין קאָנטאַקט מיט דער פּראָווינץ און באַמיט זיך נישט צו דערלאָזן צו שאַפן שטימונגען, וועלכע זאָלן גורם זיין אַנטאַגאָניזם צווישן פּאָליאַקן און יידן. די וולאָצלאַווקער יידישע סוחרים האָבן זיך געווענדעט צו מייזעלסן, ער זאָל אינטערווענירן ביי די פּוילישע טוער, זיי זאָלן אָפּשטעלן צו גרינדן קאָמיס־הייזער אין די שטעט און דערפער, ווייל זייער קאָנקורענץ באַדראָט די יידישע סוחרים. אויף דער ווענדונג

[194] אין מאיר ראָזענבלאַטס דערמאָנטן כתב־יד לויט דעם דאָקומענט פון Akta Kancelarii generała policmajstra za Nr 36.

[195] זע: B. Limanowski.

[196] פּשיבאָראָווסקי ד. צ. וו., טייל 3, ז' 351.

האָט דעם 13־טן אָקטאָבער מייזעלס געגעבן דעם וולאָצלאַווקער רב יוסף קאַראָ דעם פֿאָלגנדיקן ענטפֿער:

„...וואָס שייך דעם ענין גופא, דאַרפֿט איר, געערטע הערן, וויסן, אַז דער פֿאַרלאַנגטער ציל און די פּאַקטישע שטרעבונג פֿון די הערן זענען נישט די פֿאַרדינסטן אויף די סחורות, נאָר אייגנט־לעך איז אין די טיפֿענישן פֿון זייער האַרץ פֿאַרשטעקט, גאָר אַ באַזונדערע כוונה און נאָר לפנים פֿאַרנעמען זיי זיך מיטן האַנדל. צוליב דעם איז שווער זיי אָראָפּצופֿירן פֿון זייערע פֿאַרטראַכטע פּלענער און נייגן זיי אָפּצולאָזן דעם האַנדל, וואָס עס וואָלט, לויט זייער מיינונג, קאַליע געמאַכט זייער שטרעבונג.[197]

אין זיין קאָרעספּאָנדענץ קיין טשעכאַנאָוו און אַנדערע שטעט האָט מייזעלס אויפֿגעוויזן, אַז אין די קאָמיס־הייזער ווערן באַשעפֿטיקט אויך ייִדן, און דאָס באַווייזט, אַז מיט דער גרינדונג פֿון די קאָמיס־הייזער איז מען נישט אויסן אַרויסצונעמען די פּרנסות פֿון די ייִדישע הענט, נאָר ס'איז אין דעם פֿאַראַן אַ באַהאַלטענע פּאָליטישע כוונה.

דערווייל שטייגט די רעוואָלוציאָנערע שטימונג אין וואַרשע און אין גאַנצן לאַנד פֿון שעה צו שעה. בפֿרט האָבן געשטאַרקט דעם רעוואָלו־ציאָנערן מוט ביי דער פּוילישער באַפֿעלקערונג, די ידיעות וועגן שטייגנ־דיקן רעוואָלוציאָנערן קאַמף אין רוסלאַנד גופא. אין וואַרשע האָבן זיך אויך פֿאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז הערצען איז אַרויסגעפֿאָרן פֿון לאָנדאָן קיין רוסלאַנד, כדי אָנצופֿירן מיט דער רעוואָלוציע, וועלכע גרייט זיך אין פּעטערבורג. די אַלע פּאַקטן האָבן אַרויסגערופֿן באַאומרואיקונג ביים צאַר און זיין אָקופּאַנטישן אַפּאַראַט. דעם צווייטן אָקטאָבער 1861 האָט דער נאַמיעסטניק לאַמבערט געשיקט פֿאָלגנדיקע טעלעגראַמע צום צאַר:

„צוליב די נייע באַאומרואיקנדיקע מיטטיילונגען אין צוזאַמענהאַנג מיט דער הזכרה נאָך קאָשטשושקאָ, וועלכע דאַרף פֿאָרקומען מאָרגן, האָב איך געהאַלטן פֿאַר נייטיק איינצופֿירן תיכף קריגס־צושטאַנד אין גאַנץ קרוין־פּוילן".[198]

נאָכן איינפֿירן קריגס־צושטאַנד זענען אַרויסגעלאָזט געוואָרן ספּע־ציעלע פֿאַראָרדענונגען. צווישן אַנדערע איז אונטער דער דראָונג פֿון קריגס־געריכט פֿאַרבאָטן געוואָרן אָפּצוריכטן הזכרות נאָך פּאָליטישע פֿאַרברעכער" און זינגען אין די קירכן פּאַטריאָטישע לידער. אָבער נישט

[197] D. Kandel: Kwartalnik poświęcony badaniu przeszłości Żydów w Polsce. Rocznik I, zeszyt I, str. 115.

[198] פּשיבאָראָווסקי ד.צ.וו. ז' 352.

געקוקט אויף די אַלע דראָונגען, האָבן זיך דעם 15־טן אָקטאָבער שוין אין די פרימאָרגן־שעהען אָנגעהויבן זאַמלען מאַסן מענטשן אין די וואַרשעווער קירכן.

נאָכן אָפּריכטן די הזכרה פאַר קאָשטשיושקאָן האָבן די פאַרזאַמלטע אין די קירכן אָנגעהויבן זינגען פּאַטריאָטישע לידער. ס׳איז כדאַי צו באַטאָנען, אַז אין דער פריערדיקער נאַכט האָט דער וואַרשעווער אויבערפּאָליצמייסטער פּילסודסקי אַרויסגעגעבן אַ פאַראָרדענונג, אַז אויב ס׳וועלן אין די קירכן געזונגען ווערן פּאַטריאָטישע לידער, זאָל די פּאָליציי תיכף אַרויסרופן מיליטער אַרומרינגלען די קירך און אַרעסטירן ביים אַרויסגאַנג אַלע דערוואַקסענע מענער. לויט דער דאָזיקער פאַראָרדענונג זענען די קירכן באַלאַגערט געוואָרן דורך מיליטער, און די פאַרזאַמלטע זענען אויפגעפאָדערט געוואָרן צו פאַרלאָזן די קירך. די פאַרזאַמלטע האָבן באַשלאָסן נישט אַרויסצוגיין ביז דאָס מיליטער וועט אַוועק. די באַלאַגערונג האָט געדויערט דעם גאַנצן טאָג פון 15־טן אָקטאָבער און די נאַכט אויפן 16־טן. פון די טויזנטער מענער, פרויען און קינדער, וואָס זענען געווען פאַרשפּאַרט אין די קירכן, האָט זיך קיינער נישט דערוועגט צו ברעכן די סאָלידאַרישקייט און פאַרלאָזן דאָס געבעטהויז. אין די קירכן האָט זיך אויך געפונען אַ סך יידישע יוגנט, וועלכע האָט צוזאַמען מיט דער פּוילישער יוגנט צוגעגעבן פּאַטריאָטישן מוט די פאַרשפּאַרטע.

ווען ס׳האָט זיך צום יידישן יונגערמאַן יעקב לובעלסקי, וואָס איז געשטאַנען אויף דער וואַך ביים אַרויסגאַנג פון דער קירך, געווענדעט אַ פּאַטרול־אָפיצער און אים דערקלערט אין נאָמען פון גענעראַל כרובאָוו, אַז אויב ער האָט נישט געזונגען, קאָן ער אומבאַשטראָפט פאַרלאָזן די קירך, האָט לובעלסקי שטאָלץ געענטפערט: „איך האָב געזונגען, און פון דער קירך וועל איך נישט אַרויסגיין". דערביי האָט ער צוריקגעצויגן אַ קריסטלעכע פרוי, וואָס האָט געוואָלט פאַרלאָזן די קירך.[199]

פאַרטאָג פון 16־טן אָקטאָבער האָט זיך דאָס מיליטער אַריינגעריסן אין די קירכן, אַרעסטירט אַלע מענער און אָפּגעפירט אין ציטאַדעל. אויפן וועג האָט מען זיי אומברחמנותדיק געשלאָגן. בפרט האָט דאָס צאַרישע מיליטער אַרויסגעוויזן אַ ספּעציעלע שנאה צו די סטודענטן און יידן, וועלכע האָבן געמוזט דעם וועג צום ציטאַדעל אדורכמאַכן מאַרשירנדיק אין רייען, ווי קריגס־געפאַנגענע.

---

[199] אין מאיר ראָזענבלאַטס דערמאָנטן כתב־יד לויט דעם דאָקומענט פון „אַקטן פון דער אויספאָרשונגס־קאָמיסיע".

ווי א פראָטעסט קעגן דער פּראָפאנאציע פון דיער בערנאַרדינער קירך און פון דער קירך פון „הייליקן יאָן” דורך אריינרייסן זיך פונעם מיליטער און אדורכפירן אַרעסטן איז די קאָנסיסטאָריע געצווונגען געווען, אונטערן דרוק פון פּאָלק, צו פארמאכן אלע קירכן אין ווארשע.

מייזעלס האָט געהאַלטן, אז דאָס אריינרייסן זיך פון מיליטער אין די קירכן און דאָס אדורכפירן דאָרטן מאסן־אַרעסטן, אויך דאָס אַרעסטירן א סך יידן, וועלכע האָבן געהאַט לויט זיין מיינונג, דאָס רעכט צו זיין אַנוועזנדיק אויף א פּאַטריאָטישער הזכרה — איז נישט קיין קאַטוילישע רעליגיעזע פראגע, נאָר אן ענין פון באַליידיקן און טעראָריזירן דאָס פוילישע פאָלק.[199*] צוליב דעם דאַרפן אויך די יידן ענטפערן דער אָקופּאַציע־מאַכט מיטן זעלבן פּראָטעסט ווי די קאַטאָליקן, ד. ה. מע דאַרף פארמאכן די יידישע שולן. מייזעלס האָט באַרעגלייגט די פרייזיקער פון די פּראָגרעסיווע שולן ד״ר יאסטראָוו און קראַמשטיק זיין פּלאַן, אויף וועלכן זיי האָבן תיכף מסכים געווען. וועגן דעם האָט זיך דערוווסט די מאַכט , און דער ווארשעווער אויבער־פּאָליצמייסטער פּילסודסקי האָט ארויסגערופן מייזעלסן, יאסטראָוון און קראַמשטיקן און זיי מתרה געווען אין נאָמען פון נאַמיעסטניק, אז ער וועט זיי מאַכן פאראַנטוואָרטלעך פארן פארמאכן די שולן. פארשטייט זיך, אז איצט נאָך דעם בפירושן

[199*] מע דאַרף געדענקען, אז דאָס, וואָס מיר באַגעגענען כסדר די פּאַטריאָטישע מאַניפעסטאַציעס און דעמאָנסטראַציעס פון דער צייט אין פאַרבינדונג מיט אַ געוויסער רעליגיעזער פּראַקטיק, ווי הזכרות און ענלעכע, איז נישט צוליב דעם, וואָס די פּאַטריאָטישע באַוועגונג האָט געטראָגן אַ רעליגיעזן כאַראַקטער, אָדער איז געוואָרן איגספּירירט דורכן קלער. ס׳איז גענוג זיך צו באַקענען מיטן פאַרלויף פון דער דיסקוסיע אין דער קאָנסיסטאָריע וועגן דעם, צי דאָס אריינרייסן זיך פון אָקופּאַנטישן מיליטער, איז אַ פּראָפאַנאַציע (זע: פּשיבאָראָווסקי ב׳ 3, ז׳ 79—376), כדי זיך איבערצוצייגן, אַז דער איבערוועגנדיקסטער טייל פון קאַטוילישן קלער איז געווען פּאַסיוו קעגן דער באַוועגונג. (הגם דער נידעריקער קלער און טיילווייז דער אַרציביסקופּ פיאַלקאָווסקי האָבן ארויסגעוויזן א געוויסע סימפּאַטיע פאַר דער באַוועגונג). די קירכן זענען אויסגענוצט געוואָרן דורך דער באַוועגונג נאָר אויף וויפל זיי האָבן געגעבן די מינימאַלסטע לעגאַלע מעגלעכקייטן צו אָרגאַניזירן נאַציאָנאַלע פּאַטריאָטישע דעמאָנסטראַציעס. דער רעאַקציאָנערער „קורער וואַרשאַווסקי” פון 20־טן מערץ 1861 איז שאַרף אַרויסגעטרעטן קעגן אויסניצן די קירכן און די רעליגיעזע פּראָצעסיעס צו מאַסקירן די רעוואָלוציאָנערע ארויסטריטן. ער איז אויך אַרוסגעטרעטן קעגן דעם יידישן אָנטייל אין די אַלע אזוי־גערופענע „רעליגיעזע פּראָצעסיעס” און קעגן זייער קומען אין די קירכן נישט בלויז אין וואַרשע, נאָר אויך אין דער פּראָווינץ (זע: פּשיבאָראָווסקי „היסטאָריאַ דוווך לאַט”, באַנד 2, ז׳ 212.

פאַרבאָט, איז דאָס פאַרמאַכן די שולן געווען פאַרבונדן מיט אַ דירעקטער געפאַר. מייזעלס האָט אָבער באַשלאָסן, אַז ייִדן מוזן פאַר יעדן פּרייז אַרויסווייזן זייער פּראָטעסט און סאָלידאַרישקייט מיטן פּוילישן פאָלק, און דאָס איז אין געגעבענעם מאָמענט מעגלעך נאָר דורך פאַרמאַכן די שולן. צוליב דעם האָט מייזעלס אַרויסגערופן צו זיך אויף אַ באַראַטונג די דאָזיקע אָן פאַרשטייער פון די שולן און זיי איבערגעגעבן זיין פריערדיקן פּלאַן צוזאַמען מיטן פאַרבאָט פונעם נאַמיעסטניק. כדי צו געווינען די דאָזיקע פאַר זיין פּלאַן, האָט ער פאָרגעלייגט, אַז די דאָזיקע זאָלן מעלדן דער פּאָליציי, אַז זיי זענען געצוווּנגען געווען צו שליסן די שולן צוליב דער געפאַר, אַז די פּוילישע יוגנט זאָל באַזוכן די שולן און זינגען דאָרטן פּאַטריאָטישע לידער. די פאַרזאַמלטע האָבן מסכים געווען מיט מייזעלס פאָרשלאָג און דעלעגירט מייזעלסן, יאַסטראָוון און קראַמשטיקן צום אויבער־פּאָליצמייסטער, כדי אים צו מעלדן וועגן זייער באַשלוס. דעם 8־טן אָקטאָבער זענען אַ טייל שולן אין וואַרשע, אויף מייזעלס באַפעל, פאַרמאַכט געוואָרן. די ייִדישע דעמאָנסטראַציע, וואָס האָט זיך נישט גערעכנט מיטן בפירוש פאַרבאָט — און דאָס בשעת וואַרשע געפינט זיך אין קריג־צושטאַנד, — האָט שטאַרק אויפגעבראַכט די אָקופּאַנטישע מאַכט. לויטן אויפטראָג פון דעם נייעם נאַמיעסטניק לידערס האָט דער גענעראַל־גובערנאַטאָר קאָשיטשאַנאָווסקי דעם 28־טן אָקטאָבער אַרויסגעגעבן אַ באַפעל צו אַרעסטירן מייזעלסן, יאַסטראָוון און קראַמשטיקן. זיי זענען טאַקע ביינאַכט געוואָרן אַרעסטירט און אָפּגעפירט אינעם ציטאַדעל.

יאַסטראָוו שילדערט דעם ערשטן איינדרוק, וואָס עס האָט אויף אים געמאַכט די ידיעה, אַז מייזעלס איז אַרעסטירט, און ווי אַזוי ער האָט זיך געטראָפן מיט מייזעלסן, בעת מע האָט אים געפירט אין פאַרווייַלאָן. ער דערציילט: „ווען דער אָפיצער, וואָס האָט מיך געפירט, האָט מיר געזאָגט, אַז אויך מייזעלס און קראַמשטיק זענען אין דער זעלביקער נאַכט אַרעסטירט געוואָרן, האָט מיר אָנגענומען אַ רחמנות אויף דעם אידעלן מייזעלסן און אויף קראַמשטיקן, וואָס איז געווען אַ מטופּל מיט קינדער".

ווייטער שרייבט יאַסטראָוו: „אינעם קאָרידאָר פון ערשטן פאַרווייַלאָן האָב איך געטראָפן מייזעלסן, ווי מען פירט אים אין דער צעלע אַריין. מייזעלס האָט געהאַלטן אין האַנט אַ בוך, וועלכן ער האָט צוגע־

הדיקט צו זיך אזוי ווי א טייערן פריינד. איך האָב אים אין דער האַלבּ־פינצטערניש דערקענט לויט זיין דערהויבענעם שטאָלצן גאַנג".[200]

וואָכן לאַנג האָט געדויערט די אויספאָרשונג. עטלעכע מאָל אין טאָג פלעגט מען דעם 64־יעריקן זקן ארויסרופן אויף פאַרהערן, כדי אים פיזיש אויסצומאַטערן און דערמיט צווינגען זיך מודה צו זיין אין זיין „פאַרברעכן", און דער עיקר, ארויסבאַקומען פון אים די נעמען פון די אַנפירנדיקע רעוואָלוציאָנערן. ווען דאָס האָט נישט געהאָלפן, האָט די אויספאָרשונג־קאָמיסיע זיך געווענדעט שריפטלעך צו אים און צו יאַס־טראָוון און פאַרלאַנגט א שריפטלעכן ענטפער אויף די פאָלגנדיקע פראַגן:

1) פאַרוואָס האָבן זיך, די יידן, ווען זיי זענען פאַרפאָלגט געוואָרן דורך די קריסטן (לייען פאָליאַקן — א. ק.), נישט געווענדעט מיט זייערע אַנקלאַגעס צו דער רעגירונג, ד. ה. צום נאַמיעסטניק?

2) וואָס דערוואַרטן די יידן פון זייער פאַראייניקונג מיט די קריסטן?

3) ווי אזוי איז די יידיש־קריסטלעכע פאַראייניקונג צושטאַנד גע־קומען און וועלכע פּערזאָנען זענען געוואָרן צומטעטיקסטן ביים דורכ־פירן די פאַראייניקונג?

די פראַגן זענען באַגלייט געוואָרן מיט א „העפלעכער" צושריפט: „אויף די אַלע פראַגן וועט איר אזוי גוט זיין צו ענטפערן מיט דער גרעסטער אָפנהאַרציקייט".[201]

מייזעלס האָט זיך פאָרמעל אָפּגעזאָגט צו געבן אן ענטפער אויף די פראַגן. דאַקעגן האָט ער געהאָלפן יאַסטראָוון, וועלכער איז איצט גע־זעסן מיט אים אין איין צעלע, צונויפשטעלן זיין ענטפער.

אין מייזעלס און יאַסטראָווס ענטפער, וואָס איז געשריבן אין זייער א פאַרזיכטיקן טאָן, ווערט אָנגעוויזן, אז די געשיכטע פון די יידן אין דער לעצטער צייט לערנט אונדז, אז די פאַרערגערונג פון דער יידישער לאַגע איז אָפּהענגיק פון צוויי מאָמענטן, וועלכע זענען ענג פאַרבונדן צווישן זיך. דער איבערגעטריבענער נאַציאָנאַליזם, וואָס רעגט אָן צו פאַרפאָלגן די יידן און פאַרערגערן זייער רעכטלעכע לאַגע. צום פאַר־שטאַרקן די אַנטיסעמיטישע שטימונגען ביי די מאַסן ווירקט א סך מיט דער אַדמיניסטראַטיווער אַפּאַראַט. פון אים איז אויך אָפּהענגיק, אין

---

[200] נעקראָלאָג־אַרטיקל פון יאַסטראָוו אין „Hebrew Leader" אין צוזאַמענהאַנג מיט מייזעלס טויט.

[201] דאָרטן.

וועלכער מאָס די אַנטי־יידישע געזעצן וועלן איינגעפירט ווערן אין לעבן. דאָס אויסשליסן די יידן פון די רעכט, וועלכע גילטן פאַר אַלע איינוווינער, שאַפט ביים פאָלק בנוגע זיי פאָראורטיילן, וועלכע פאַרשטאַרקן זיך בסדר און פאַרוואַנדלען זיך צום סוף אין דורכוויסיקן האַס.

ווייטער ווייזן די מחברים אָן, אַז די לאַגע פון די יידן קאָן אויסגעבעסערט ווערן א) דורך דער איניציאַטיוו פון דער רעגירונג גופא. למשל, אין פראַנקרייך האָט די רעגירונג אין נאָמען פון דערהויבענע אידעאַלן אָנגעהויבן א קאַמף קעגן די פאָראורטיילן פון די מאַסן און איז זיגרייך דערפירט ביז צום סוף. ב) אין געוויסע לענדער האָבן די יידן־פראַגע אויפגעהויבן די צוממערסטן באַוווסטזיניקע טיילן פון פאָלק, וועלכע האָבן זיך איבערצייגט אינעם בירגערלעכן ווערט פון די יידן. זייער מיינונג האָט גורם געווען, אַז די רעגירונגען זאָלן שטופנווייז באַזייטיקן די יידן־באַגרענעצונגען. דער דאָזיקער פראָצעס קומט איצט צום טייל פאָר אין לאַנד.

נאָכן אַריינפיר גייט דער ענטפער איבער צו דער לאַגע פון די יידן אין פוילן.

אויפן סמך פון א סך פאַקטן דערווייזן די מחברים, אַז די עקזיסטירנדיקע יידן־באַגרענעצונגען ווערן מיט א ספּעציעלן אייפער אויסגעפירט דורך אַלע אָרגאַנען פון דער אָקופּאַנטישער אַדמיניסטראַציע: אָנהייבנדיק פונעם מיניסטער, צו וועמען די יידן ווענדן זיך נאָך גערעכטיקייט, ביז צום זשאַנדאַר אין שטעטל. וואָס נוגע דער לעצטער פראַגע, ווייזן אָן די מחברים, אַז די פאַראייניקונג איז א באַשערטע זאַך פון גאָט, וועלכער קומט אין אַלע שווערע צייטן צו הילף דעם יידישן פאָלק. און דעריבער זענען זיי נישט אימשטאַנד אויפצוקלערן ווי אַזוי זי איז צושטאַנד־געקומען. אויך איצט, ווען דער אַנטיסעמיטיזם האָט אָנגענומען ערנסטע פאָרמען, האָט גאָט געעפנט די אויגן, קודם־כל ביי דער אַקאַדעמישער יוגנט, וועלכע האָט מיטאַמאָל איינגעזען, אַז זייערע יידישע קאָלעגן זענען גוטע בירגער. די יוגנט האָט געווירקט אויף די איבעריקע טיילן פונעם פוילישן פאָלק איבערצורייסן מיט דעם יידן־האַס.[202]

אויף די ערשטע צוויי פראַגן, פאַרוואָס די יידן האָבן נישט קיין צוטרוי צו דער „רעגירונג" און וואָס די יידן דערוואַרטן פון דעם פאַרבינדן זיך מיט די פּראָגרעסיווע עלעמענטן פון פוילישן פאָלק און אקאַ־

---

[202] דאָרטן.

דעמישע יוגנט, האָבן מייזעלס און יאַסטראָוו געפּרוווּט געבן אַ קלאָרן ענטפער, דערביי איז כדאי אונטערצושטרייכן, אַז די מחברים האַלטן פאַר נייטיק צו דערמאָנען די „אַקאַדעמישע יוגנט“, וועלכע איז אין די אויגן פון דער אַקופּאַנטישער מאַכט געווען דער הויפּט־העצער צום אויפשטאַנד. דאַקעגן אויף דער דריטער פראַגע האָבן זיי אויסגענוצט זייער רבנישן שטאַנד און אָפּגעשיקט די קאָמיסיע צו גאָט. אַ חוץ דעם נעטלעכן מאָטיוו, גייט דער ענטפער אויך אַנצוהערן, אַז אין באַקעמפן דעם אַנטיסעמיטיזם און אין דעם איבערברוך, וואָס איז פאָרגעקומען אין דער באַציונג פון דער פּוילישער באַפעלקערונג צו די יידן, האָט פאַרדינסטן די אויסלענדישע דעמאָקראַטישע פּרעסע, וועלכע האָט גענומען אין שוץ די יידן בעת דער לעשטשינסקי־קאָמפּאַניע.

ווי ס'איז צו זען, איז דער ענטפער געשריבן אין אַ פּאָרזיכטיקן אָבער אין אַ גענוג געוואַגטן טאָן. ווען מיר נעמען אין אַכט, אַז דאָס האָבן געשריבן אַרעסטאַנטן, וועלכע געפינען זיך אין די נעגל פון אַ מיליטערישער מאַכט, און וועלכע עס שטייט פאַר אַ קריג־געריכט, און אַז זיי האָבן זיך דערלויבט צו דערמאָנען דעם וועג פון פראַנקרייך אויף צו באַקומען רעכט פאַר יידן, אָדער דאָס דערגרייכן די רעכט דורך אַ דרוק פון די מאַסן אויף דער רעגירונג, — מוזן מיר זיך צום אויספיר, אַז מע קאָן באַצייכענען דעם ענטפער ווי ממש אַ רעוואָלוציאָנערן.

זעענדיק, אַז קיין שום מיטלען קאָנען נישט ווירקן אויף מייזעלסן, ער זאָל „רעדן“, האָבן די צאַרישע מאַכטהאָבער זיך אָנגעשלאָסן אויף אַ שענדלעכן פּרווו. אין אַ געוויסן טאָג האָט זיך געעפנט די שווערע טיר פון דער צעלע, און ס'האָט זיך באַוויזן אין איר דער קריגס־גובערנאַטאָר קריזאַנאָווסקי.

— ווי גייט עס, ליבע פריינד? — רופט אויס דער האַניקרזיסער און שלאַנג־גיפטיקער קריגס־גובערנאַטאָר (יאַסטראָווס באַצייכענונג).

— פריינד? — ענטפערט מייזעלס, — יאָ, אַמאָל האָט זיך געדאַכט, אַז מיר זענען פריינד,[203] אָבער איצט זענט איר קריגס־גובערנאַטאָר, און איך אַרעסטירטער. צי קאָנען מיר נאָך זיין פריינד?

---

[203] יאַסטראָוו גיט איבער, אַז קזשיזשאַנאָווסקי, וועלכער האָט זיך געפונען אַ לענגערע צייט אין וואַרשע נאָך פאַרן איבערנעמען אַ וויכטיקן אַמט אין אָקופּאַנטישן מלוכה־אַפּאַראַט, פלעגט אַריינקומען צו מייזעלסן אין שטוב, אָנגעבנדיק זיך פאַר אַ ליבעראַל, וועלכער סימפּאַטיזירט מיט די פּאָליאַקן — עס קאָן זיין, אַז מיטן ציל אַרויסצובאַקומען עפּעס פון מייזעלסן וועגן דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.

— אויך איצט, אויב איר וועט אונדז עפּעס זאָגן און וועלן געבן וועלכע ס'איז אינפאָרמאַציעס, — האָט דער גובערנאַטאָר געזאָגט און זיך ביטערע ארומגעקוקט.

דער גרייז־גראָער מייזעלס איז מיט א יוגנטלעכן ברען אויפגעשפּרונ־גען, זיין מאָגערע פיגור האָט זיך ווי דערהויבן אין דער לופט, און ער האָט געזאָגט: „איך האָב גאָרנישט וואָס צו זאָגן. אנשטאָט צו געבן אייך טעווּיסע אינפאָרמאַציעס און אויף מיינע אלטע יאָרן ווערן א מסור, וואָלט איך בעסער געוואָלט פארפוילט ווערן אין די מויערן". דער צארישער מיניסטער איז רויט געוואָרן פאר בושה און כעס און מיט רוגזה ארויס פון דער צעלע.[204]

די צארישע תלינים, וועלכע מייזעלס האָט מיט זיין האלטונג ארויס־געפירט פון די כלים, האָבן איצט באשלאָסן צו שיקן אויף דער תליה דעם גרייז־גרויען רב, אין וועלכן זיי האָבן געזען די פערזאָניפיצירונג פון א פוילישן פאטריאָט און שטאָלצן ייד.[205] גאנצע שטאָבן עדות זע־נען ארויסגערופן געוואָרן, כדי צו דערווייזן מייזעלס שולד. דער דער־מאָנטער קריזשאנאָווסקי האָט אָפּגעגעבן א גרעסערע דערקלערונג, אין וועל־כער ער שרייבט צווו"א:

דאָס שליסן די שולן איז געווען א פּאָרויס געפּלאנטער נאָכמא־

„דאָס שליסן די שולן איז געווען א פּאָרויס געפּלאַנט נאָכמא־כן דאָס שליסן די קאטוילישע קירכן, ס'איז א רעגירונגס־פיינטלעכע מאניפעסטאציע, וואָס איר ציל איז צו ווייזן די פּאָליאקן, אז די יידי־שע באפעלקערונג איז איינשטימיק מיט זיי. ...לויט מיין מיינונג איז מייזעלס שולדיק אין אָפענער צוזאמענארבעט מיט די הויפּט־אָנפי־רער פון די אומרועו אין יאָר 1861.

אויב די פּאָליאקן האָבן ביז איצט פיינט געהאט די יידן און זיי גערודפט, איז נישט פארשטענדלעך ווי אזוי די אונטערדריק־טע האָבן אין אזא מאָס געקאָנט גלייבן די הבטחות פון זייערע אייביקע פארפאָלגער, בפרט אין א מאָמענט ווען די לעצטע האָבן זיי געדארפט. ס'איז שווער צו גלייבן, אז דער קלוגער פאָרויסזעעוו־דיקער מייזעלס זאָל זיך אזוי בלינד לאָזן אָפּנארן, און גלייבן אין די פארזיכערונגען פון דער פוילישער דעמאגאָגישער יוגנט. ס'איז וואָר־שיינלעכער, אז מייזעלס און זיינע מיטהעלפער האָבן געוואָלט „ארויס־

---

[204] דאָרטן.

[205] ווי עס גיט איבער Urbach Janusz; Udział Żydów w walce o niepodległość Polski. Łódź 1938, str. 102.

שארן דאָס אש מיט פרעמדע הענט" און באשלאָסן צו פאראייניקן זיך איינשטימיק מיט די צעבונטעוועטע פּאָליאקן אין דער האָפענונג צו דערגרייכן עפּעס דורך בשותפותדיקע מאניפעסטאציעס און מכלומרשטער פריינדשאפט מיט דער פוילישער מאסע. אזא אויסדרעכענונג איז פארברעכעריש, ווייל עס אנטהאלט אין זיך א בונט. די פארברעכערישע התחלה האָט אויך געגעבן אין אלע הינזיכטן פארברעכערישע רעזולטאטן. וואָס פאר א סקאנדאליעזע דערשיינונג איז די פריינדשאפט צווישן דעם ארציביסקופ און דעם רבֿ! ס׳האָט זיי נישט פאראייניקט נישט קעגנזייטיקע צוגעבונדנקייט, נישט דרך-ארץ מצד איין רעליגיע פאר דער צווייטער, נאָר א בשותפותדיקע רעוואָלוציאָנערע כוונה. מייזעלס גופא האָט, נאטירלעך, אויסגעצייכנט געוווּסט, אז די קירכן זענען געשלאָסן צוליב דעם נאציאָנאַלן אויפשטאנד".[206]

ווי ס׳איז צו זען פון דער ציטירטער דערקלערונג, באמיט זיך קרידזאנאָווסקי ארויפצולייגן די הויפּט-שולד אויף מייזעלסן. גלייכצייטיק פארגעסט אָבער נישט דער מנוול די מאַראַלישע מפּלה, וואָס מייזעלס האָט אים פארשאפט, און באמיט זיך ארונטערצורייסן אין די אויגן פון די ריכטער מייזעלס ערלעכן נאָמען פון א אידעישן מענטש.

די צארישע תּלינים וואָלטן אפשר געווען אדורכגעפירט זייער באַשלוס און מייזעלסן געשיקט אויף דער תּליה, ווען נישט דער גוואַלדיקער אָפּקלאַנג, וואָס דער פּראָצעס האָט ארויסגערופן אויסער די גרעניצן פון לאַנד. אויסנוצנדיק די געלעגנהייט, וואָס מייזעלס איז געווען אַן עסטרייכישער בירגער, האָבן געוויסע יידישע ספערן אין ווין איינגעוואונירט ביים עסטרייכישן אויסערן-מיניסטער לטובת מייזעלסן. דער מיניסטער האָט באַאויפטראַגט דעם עסטרייכישן גענעראַל-קאָנסול אין וואַרשע, ער זאָל אונטערנעמען אַן אינטערווענץ ביי דער צארישער מאַכט ארויסצולאָזן מייזעלסן פון אירע נעגל.

אין רעזולטאַט פון די באַמיונגען האָט דאָס קריג-געריכט ארויסגעגעבן א פּסק-דין, אַז מייזעלס ווי א פרעמדער בירגער ווערט ארויסגעשיקט פון דער רוסישער אימפּעריע.

---

[206] אין דער דאָקומענטן-ביילאַגע אין הערמאַנטן מ. ראָזענבלאַטס כתב-יד.

קאפיטל פופצן

מייזעלס אויף דעפּאָרטאַציע

ארום 10־טן פעברואר 1862 האָט דאָס ווארשעווער קריגס־געריכט ארויסגעטראָגן דעם אורטייל, לויט וועלכן מייזעלס ווי אַן עסטרייכישער בירגער דאַרף תיכף פארלאָזן דאָס לאַנד. דער עסטרייכישער קאָנסול האָט געפּרווט אינטערווענירן לטובת מייזעלסן, עס זאָל אים געגעבן ווערן די מעגלעכקייט צו פארבלייבן נאָך עטלעכע וואָכן אין ווארשע אויף צו הערלעדיקן זיינע ענינים. אין דעם זעלבן ענין האָט אויך אינטערווענירט א דעלעגאציע פון ווארשעווער יידן ביים נאמיעסטניק. אין דער יידישער אינטערווענץ האָט די צארישע מאכט געזען א פּרוּוו פון מאכן א דרוק אויף איר מצד דער יידישער באפעלקערונג. די יידישע אינטערווענץ האָט צוליב דעם אפּגעשוואכט די אונטערגענומענע באמיונגען מצד דעם עסטרייכישן קאָנסול, און אין רעזולטאט האָט די צארישע מאכט אָפּגעזאָגט דאָס ארויסלאָזן מייזעלסן אויף עטלעכע וואָכן פון ציטאדעל. דאקעגן האָט זי אים געוואָלט דערלויבן צו פארבלייבן א קורצע צייט אין ווארשע בתנאי, ער זאָל פאר דער דאָזיקער צייט וווינען אין ציטאדעל און האָבן די רעכט פריי אויפצונעמען דאָרטן זיין פאמיליע און באקאנטע, און אויך דערלעדיקן זיינע ענינים. מייזעלס האָט דעמאנסטראטיוו רעזיגנירט פון דער דאָזיקער „פרייהייט" אין ציטאדעל[207] און דעם 13־טן פעברואר פארלאָזט ווארשע, פאָרנדיק דערווייל צו זיין שוואָגער קיין קאטאָוויץ. וועגן דעם אלעם האָט דער עסטרייכישער קאָנסול גלייך ראפּאָרטירט קיין ווין, שליסנדיק דעם ראפּאָרט מיט די פאָלגנדיקע ווערטער:

„בער מייזעלס גורל, ווי אַן עסטרייכישער בירגער, איז אלנפאלס, כאָטש פאר גלייכע חטאים, א לפי־ערך לייכטערער, ווי דער גורל פון די

[207] אין דעם ראפּאָרט פון עסטרייכישן קאָנסול געשריבן דעם 14־טן פעבר. 1862 אינעם ציטירטן ווערק פון ד״ר געלבער, ז״ז 84—183.

קאַטוילישע און פּראָטעסטאַנטישע גייסטלעכע. די לעצטע זענען פאר־
שיקט געוואָרן קיין סיביר און אין טיף רוסלאנד, וואו עס איז נישט
מקנא צו זיין".[208]

ביים פארלאָזן ווארשע האָבן פּוילישע טוער דע־לאַנגט מייזעלסן
ווי א נאַציאָנאַלע מתנה 20.000 רובל, איינגעפלאָסענע פון די בילדער,
וואָס זיי האָבן פארקויפט, וועלכע שטעלן פאָר מייזעלסן בעת זיין זיצן
אין ציטאַדעל.

די ידיעה וועגן מייזעלס ארויסשיקן פון קאָנגרעס־פּוילן און וועגן
זיין געפינען זיך אויפן וועג קיין גאַליציע האָט זיך בליץ־שנעל פאר־
שפּרייט איבער גאנץ גאַליציע. די פּאַטריאָטישע קרייזן אין קראָקע האָבן
זיך געגרייט אים פייערלעך אויפצונעמען, און די סטודענטן האָבן גע־
פּלאַנט צו באַגעגענען אים מיט א פאַקל־צוג. ס'איז אָרגאַניזירט געוואָרן
א פארקויף פון מייזעלס בילד, וואָס האָט אריינגעבראַכט א גרויסע סו־
מע געלט.

אין לוואָוו איז דער „דזשענניק פּאָלסקי" ארויס מיט אן ארטיקל
אין וועלכן ס'איז אָנגעוויזן געוואָרן, אז א דאַנק מייזעלס גרויסע פאר־
דינסטן פאר פּוילן דאַרף אים לוואָוו פארבעטן פאר א רב, ער וואָלט דאָ
געפונען א פּאַסיק פעלד צו ארבעטן.[209]

דעם 11־טן מערץ איז אין דער וווינונג פון אדוואָקאַט לעווקאָוויטש
אין לוואָוו פאָרגעקומען א גרעסערע פארזאַמלונג פון דער קריסטלעכער
און יידישער שטודירנדיקער יוגנט. אויף דער פארזאַמלונג איז אָנגענו־
מען געוואָרן א באַשלוס צוצושיקן מייזעלסן, יאַסטראָוון און קראַמ־
שטיקן אן „אדרעס" פון פארערונג און דאַנק־אויסדרוקן.[210]

דער „דזשענניק פּאָלסקי", וואָס האָט דעם „אדרעס" אָפּגעדרוקט,
איז תיכף קאָנפיסקירט געוואָרן, און קעגן דעם רעדאַקטאָר איז פאר־
פירט געוואָרן א פּראָצעס.[211] אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם „אדרעס" זע־
נען דורכגעפירט געוואָרן רעוויזיעס, וואָס האָבן באַצוועקט פעסטצושטעלן,
ווער עס זענען זיינע מחברים, אין רעזולטאַט פון די געפונענע מאַטע־

---

[208] דאָרטן.

[209] באריכט פון דער לוואָווער פּאָליציי צום ווינער פּאָליציי־דירעקטאָר,
פון 11־טן מערץ 1862, אין דעם ציטירטן ווערק פון געלבערן, ביילאַגע 5, ז' 193.

[210] באריכט פון גענעראַל־גובערנאַטאָר מאַסנדאָרף פון 14־טן מערץ 1862,
דאָרט ביי געלבערן, ביילאַגע 5, ז' 196.

[211] דאָרטן.

ריאַלן זענען אַרעסטירט געוואָרן אַדוואָקאַט לעווקאָוויץ און די סטודענטן צוקער און יעקעלס.[212]

אונדז איז נישט געלונגען צו באַקומען דעם טעקסט פון דעם לוואָווער „אַדרעס", וואָס האָט אַרויסגערופן אַזאַ אויפרעגונג ביי דער עסטרייכישער אָקופּאַנטישער מאַכט אין לוואָוו און געצווּנגען נאָך זיך דערפרעסיעס קעגן זיינע מחברים. האָקעגן זענען אונדז באַקאַנט אָנערקענונגס־„אַדרעסן", וואָס זענען דעמאָלט געשריבן געוואָרן צו מייזעלסן אין אַנדערע שטעט פון גאַליציע, ווי למשל, סטאַניסלאַוואָוו.[213] די דאָזיקע „אַדרעסן" האָבן אָבער נישט געבראַכט מיט זיך קיין פּאָליציייִשע רעפּרעסיעס קעגן זייערע מחברים. מיר דאַרפן דעריבער אָננעמען, אַז אין דעם אינהאַלט פונעם לוואָווער „אַדרעס" זענען געווען נישט בלויז פאַרערונגס־אויסדריקן פאַר מייזעלסן, יאַסטראָוון און קראַמשטיקן פאַר זייער פּאַטריאָטישער טעטיקייט אין וואַרשע, נאָר ס'איז אין אים אויך געקומען צום אויסדרוק די רעוואָלוציאָנערע באַפרייונגס־שטרעבונג פון די פּאַטריאָטן אין גאַליציע, אויף דעם זאָגן עדות נישט בלויז די דערמאָנטע פּאָליציייִשע רעפּרעסיעס, וואָס ער האָט אַרויסגערופן, נאָר אויך דער פאַקט, וואָס דער אָרגאַן פון דער אונטערערדישער באַוועגונג אין לוואָוו „פּאַרטיזאַנט" איז שאַרף אַרויסגעטרעטן קעגן דער עסטרייכישער אָקופּאַנטישער מאַכט, פאַר איר קאָנפיסקירן דעם „אַדרעס" און פאַר אָנווענדן טעראָר קעגן זיינע מחברים.[214] מיר ווילן דערביי אויפמערקזאַם מאַכן אויף דער קלאָרער רעוואָלוציאָנערער איינשטעלונג, וואָס קומט צום אויסדרוק אינעם „פּאַרטיזאַנט" פון 31־טן מערץ. בעת אין פריערדיקן נומער פון 20־טן פעברואַר האָט דער „פּאַרטיזאַנט" געשריבן, אַז „גאַליציע קאָן נאָר זיין פאַר זיי (ד. ה. פאַר קרוין־פּוילן, עווענטועל פאַרן פּויזנער געביט) אַ רעזערוואַר פון מענטשן און געלט... מיר וועלן זיך אָבער נישט לאָזן אַריינציען (דורך דער עמיגראַציע) אין קיין באַוועגונג, וואָס איר אויסגאַנג־פּונקט שטיצט זיך אויף פאַלשע הנחות".[215] האָט דער זעלבער „פּאַרטיזאַנט" אין דערמאָנטן נומער פון 31־טן

---

212 צוקער און יעקעלס זענען פאַרמשפּט געוואָרן אויף לאַנגיעריקער טורמע, לעווקאָוויטש איז אַזוי מערדערלעך צעשלאָגן געוואָרן בעת דער אויספאָרשונג, אַז ער איז געבליבן אַ קאַליקע אויף זיין גאַנץ לעבן.

213 פאַרעפנטלעכט ביי באַלאַבאַן: Dzieje Żydów w Krakowie i na Kazimierzu 1304—1868. Tom II. Kraków 1936, str. 617.

214 „פּאַרטיזאַנט" נומער 3, פון 31-טן מערץ 1862.

215 „פּאַרטיזאַנט" פון 20-טן פעברואַר 1862.

מערץ אונטערגעשטראָכן, אַז „מיט עסטרייך וועט מען נישט דערגיין צו קיין טאָלק אויפֿן לעגאַלן וועג, און מע דאַרף קוקן מיט פֿאַרדאַכט אויף יעדן שריט פֿון דער רעגירונג, נישט גלייבן איר און שטערן איר מיט כּוח". דאָס באַקרעפֿטיקט אונדזער פֿעסטשטעלונג, אַז דער „אַדרעס", וואָס ווערט פֿאַרטיידיקט דורך דעם אַרטיקל אין „פּאַרטיזאַנט",[216] איז געווען אַדורכגענומען מיט דער נייער רעוואָלוציאָנערער ליניע און אַז די מחברים זיינע האָבן געהערט צום רעוואָלוציאָנערסטן פֿליגל פֿון דער נאַציאָנאַל־באַפֿרייערישער באַוועגונג. דאָס האָט באַוויזן די עסטרייכיש־אָקופּאַנטישע מאַכט־אָרגאַנען אָנצונעמען פֿאָרזיכט־מיטלען קעגן דעם געפֿערלעכן מייזעלס. דער גענעראַל־גובערנאַטאָר פֿון גאַליציע מאַנסדאָרף האָט אַרויסגעגעבן דעם 4־טן מערץ אַ פֿאַראָרדענונג צו דער קראָקעווער פּאָליציי, אַז אין צוזאַמענהאַנג מיט דער מעגלעכקייט פֿון מייזעלס קור מען קיין קראָקע זאָלן אָנגענומען ווערן פֿאָרזיכט־מיטלען. אין הסכּם מיט דער פֿאַראָרדענונג האָט דער קראָקעווער פּאָליציי־דירעקטאָר אַרויסגערופֿן מייזעלס קרובֿים און דורך זיי מודיע געווען מייזעלסן קיין קאַטאָוויץ, אַז עס איז „געווונטשן" ער זאָל זיך וואָס לענגער דאָרטן אויפֿהאַלטן.[217]

דער גענעראַל־גובערנאַטאָר און די לוואָווער פּאָליציי האָבן אַליאַרמירט ווין וועגן דער סכּנה, אַז מייזעלס זאָל געוויילט ווערן פֿאַר אַ רבֿ אין לוואָוו, און בכלל וועגן די כוואַליע פֿון אַקטיוון פּאַטריאָטיזם, וואָס זיין באַוויזן זיך אין גאַליציע קאָן אַרויסרופֿן. אין רעזולטאַט פֿון די אַליאַרמען האָט דער עסטרייכישער מיניסטער אַרויסגעגעבן דעם 16־טן מערץ אַ פֿאַראָרדענונג דער לוואָווער פּאָליציי, אַז אין צוזאַמענהאַנג מיט די ידיעות וועגן אַרויסשטעלן מייזעלס קאַנדידאַטור אויף דעם רבנות־אַמט אין לוואָוו באַפֿעלט ער, אַז ווי מייזעלס וועט זיך נאָר באַווייזן אין שטאָט, זאָל די פּאָליציי אים תּיכּף אַרויסשיקן.[218]

מייזעלס האָט שוין ביי זיין אָנקומען קיין קאַטאָוויץ גוט פֿאַרשטאַנען זיין טראַגישע לאַגע, אַז ער איז פּאַקטיש אַ היימלאָזער. מייזעלס האָט געוווּסט, אַז — ווען דיק אַרויסווייזן אירע יידישע בירגער איר „ליבעראַליזם און הומאַניזם" — האָט די עסטרייכישע מאַכט אינטערווע־

[216] „פּאַרטיזאַנט" נומער 3, פֿון 31־טן מערץ 1862.

[217] אין בריוו פֿון קראָקעווער פּאָליציי־ראַט, מערקל, פֿון 8־טן אַפּריל 1862, ביי געלבערן, ביילאַגע 5 ז' 204.

[218] אינסטרוקציע פֿון פּאָליציי־מיניסטער פֿון 16־טן מערץ 1862, ביי געלבערן, ביילאַגע 5, ז' 197.

נירט לטובת מייזעלסן ביי דער צארישער מאכט, כדי צו ראטעווען אים פון דער תליה, אָדער פון פאַרשיקונג, אָבער איצט וועט זי נישט וועלן האָבן אין אירע גרענעצן א מענטש, וואָס איז ארויסגעשיקט געוואָרן פון קאָנגרעספּוילן צוליב זיין קאַמף פאַר באפרייונג. צוליב דעם האָט ער געמוזט אָנהייבן אן אקציע אויפצווייזן דער עסטרייכישער מאכט וועגן דער נישט־געזעצלעכער האנדלונג פון צארישן געריכט בנוגע אים, ווי אן עסטרייכישן בירגער. מייזעלס האָט זיך באמיט צו באוועגן די עסטרייכישע רעגירונג, זי זאָל אָננעמען די נייטיקע שריט מבטל צו מאכן דעם אורטייל און געבן אים די מעגלעכקייט צוריקצוקומען קיין ווארשע. אויב די עסטרייכישע רעגירונג וועט אזא אינטערווענץ נישט וועלן אונטערנעמען, האָט מייזעלס אויסגערעכנט, וועט זי אָבער ווייניקסטנס, זייענדיק איבערצייגט אין זיין אומשולד — געבן אים די מעגלעכקייט פריי זיך צו באזעצן אין גאליציע.

אין איינקלאנג מיט דעם פלאן האָט מייזעלס דורך דער פארמיטלונג פון עסטרייכישן קאָנסול אין ווארשע איבערגעשיקט, דעם 24־טן פעברואר 1862, צום עסטרייכישן אויסערן־מיניסטער קיין ווין א ווענדונג, אין וועלכער ער באמיט זיך צו באווייזן די אומגעזעצלעכקייט פון דעם פסק־דין פונעם צארישן געריכט און לייגט פאַר א בקשה, אז דער אויסערן־מיניסטער זאָל אָננעמען שריט וועגן דערלויבן אים צוריקצוקומען קיין ווארשע. דער קאָנסול, באראָן לעדערער, האָט דעם 5־טן מערץ איבערגעשיקט מייזעלס ווענדונג קיין ווין צוגעבנדיק זיינע באמערקונגען, אין וועלכע ער איז, כלומרשט, מסכים מיט מייזעלס אויספירונגען. דערביי גיט ער אָבער אָנצוהערן, אז צוליב דעם, וואָס די אויספאָרשונג און דאָס געריכט קעגן מייזעלסן איז געפירט געוואָרן אין געהיים, און אים איז נישט באקאנט דער באשולדיקונגס־אקט, קאָן ער נישט גאראנטירן פאַר מייזעלס ארגומענטן. ער זאָגט זיך גלייכצייטיק קאטעגאָריש ארויס קעגן דעם, אז דער עסטרייכישער אויסערן־מיניסטער זאָל אינטערווענירן לטובת מייזעלס צוריקקומען קיין ווארשע. ער ווייזט אָן, אז עס איז אומפאַרשטענדלעך פאַרוואָס מייזעלס, ווי אן עסטרייכישער בירגער, וויל דווקא זיין רב אין רוסלאנד. בכלל, באַטאָנט לעדערער, געהערט מייזעלס צו די עסטרייכישע בירגער, וועלכע, זייענדיק אויף דער רוסישער טעריטאָריע, דערמאָנען זיי זיך, אז זיי זענען בירגער פון עסטרייך דעמאָלט, ווען זיי באדאַרפן א טובה. פאַק־

טיש וואָלט פאַר דער עסטרייכישער רעגירונג געווען אַ כּך בעסער, ווען אַזעלכע מייזעלס וואָלטן געוואָרן רוסן.[219]

מייזעלס האָט, נאַטירלעך, נישט געוווּסט פון לעדערערס צושריפט, ער האָט אפשר אויך נישט געהאַט קיין אָנונג וועגן דער נייער סכּנה, וואָס לויערט אויף אים, דהיינו, אַז דער גענעראַל־גובערנאַטאָר פון גאַליציע און די פּאָליציי־אינסטאַנצן האָבן זיך דערמאָנט מייזעלס אַלטע חטאים פון די יאָרן 1846—1848 און אויפגעהויבן אַן אַקציע צו באַווייזן, אַז מייזעלס איז בכלל נישט געווען נאַטוראַליזירט ווי אַן עסטרייכישער בירגער, אָדער ער האָט די בירגערשאַפט פאַרלוירן דורך איבערנעמען דעם רבנות־אַמט אין וואַרשע. צוליב דעם האָט אים געדראָט נישט צו ווערן אַרייַנגעלאָזט קיין גאַליציע און צו ווערן אַ היימלאָזער.

אָבער דאָך האָט מייזעלס אין אַ געוויסער מאָס פאַרשטאַנען זיין נישט היימלעכע לאַגע. דעם 23־טן מערץ האָט ער זיך דערשלאָגן קיין ווין, ווו ער איז געוואָרן אויפגענומען דורך דעם אויסערן־מיניסטער רעכבערג. אין היפוך צו די פּראָווינציעלע עסטרייכישע באַאַמטע, וועלכע האָבן נישט געקאָנט באַהאַלטן אין זיך זייער שׂנאה צו די פּאָליאַקן, האָט רעכבערג, צוליב דער אַלגעמיינער אויסערן־פּאָליטיק[220] פון עסטרייך זיך באַמיט צו מאַכן דעם אָנשטעל, אַז ער איז אַ פריינד פון די פּאָליאַקן און האָט אפילו פאַרשטענדעניש פאַר זייער בונטצוועגן זיך אין קאָנגרעס־פּוילן.[221] רעכבערג האָט אויך אַרויסגעוויזן העפלעכקייט צום אַלטן רב און באַוווּסטן פּאַטריאָטישן קעמפער[222] אין רעזולטאַט

---

[219] לעדערערס צושריפט צו מייזעלס וועגדונג זע: אין דעם ציטירטן ווערק פון געלבערן, ז״ז 189, 188.

[220] Wereszycki H.: Austrja a powstanie styczniowe. Lwow 1930, str. 51—54.

[221] Klaczko Julian: Ètudes de diplomatie contemporaine les cabinets de L'Europe en 1863—1864. Paris 1866.

[222] נישט קאָנענדיק אָפּגעבן אין דער דאָזיקער ארבעט קיין ברייטער אָרט דער עסטרייכישער אויסערן־פּאָליטיק און איר באַציונג צו די געשעענישן אין קאָנגרעס־פּוילן, וויל איך בלויז דערמאָנען, אַז אפילו בעת דעם אויסברוך פונעם אויפשטאַנד אין יאָר 1863 איז די עסטרייכישע רעגירונג געווען געצווונגען, צוליב איר פּאָליטישער לאַגע, צוצושיקן צוזאַמען מיט פראַנקרייך און ענגלאַנד אַ נאָטע צו רוסלאַנד, נשט געקוקט דערויף, וואָס זי האָט דאָך געהערט צו די דריי אָקופּאַנטישע מלוכות, וועלכע האָבן צווישן זיך פונאַנדערגעטיילט פּוילן. זע וועגן דעם: Istorija diplomatii. Tom I. Pod redakcijej W. P. Potiemkina. Moskwa 1941, str. 484.

פון דעם באַזוך האָט דער עסטרייכישער פּאָליציי־מיניסטער געגעבן אַן אינסטרוקציע דער קראָקעווער פּאָליציי, נישט צו מאַכן מייזעלסן קיין שטערונגען אין זיין קומען קיין קראָקע. דער פּאָליציי־מיניסטער גיט אויך צו פאַרשטיין דעם קראָקעווער פּאָליציי־ראַט, אַז אַזוי ווי מייזעלס שטרעבט צוריקצופאָרן קיין וואַרשע, איז ממילא נישטאָ קיין מורא, אַז ער וועט זיך נעמען צו אַ וועלכער נישט איז רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט אין קראָקע. דער פּאָליציי־מיניסטער גיט אויך אָנצוהערן, מע זאָל אַלץ טאָן אויסצומיידן מאַניפעסטאַציעס, וואָס ווערן געפּלאַנט לכבוד מייזעלסן. די קראָקעווער פּאָליציי האָט געענטפערט דעם פּאָליציי־מיניסטער, אַז זי זעט נישט קיין מעגלעכקייט אָפּצוהאַלטן די קראָקעווער באַפעלקערונג און בפרט די סטודענטן פון מאַניפעסטאַציעס לכבוד מייזעלסן. דעריבער, אויב מייזעלס געפינט זיך נאָך אין ווין, זאָל מען ווירקן אויף אים, ער זאָל נישט קומען קיין קראָקע. ווייזט אָבער אויס, אַז זייער בקשה, ווין זאָל אויפהאַלטן מייזעלס רייזע קיין קראָקע, האָט נישט געהאַט קיין דערפאָלג. מייזעלס האָט באַשלאָסן קומען סוף אַפּריל קיין קראָקע. די קראָקעווער פּאָליציי האָט אָבער אויסגעפונען, ער זאָל ווידער אָפּלייגן זיין קומען, כמעט נאָך אויף פיר וואָכן. דעם 27־טן מאַי האָט מייזעלס געמוזט קומען קיין קראָקע אינקאָגניטאָ, און די פּויליש באַפעלקערונג האָט לגמרי נישט געוווּסט וועגן זיין קומען. בלויז אַ טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג האָט דעם אָוונט לכבוד אים מאַניפעסטירט.

די פּאָליציי האָט, לויט די אָנווייזונגען פון ווין, גענוי קאָנטראָלירט מייזעלס טעטיקייט און זיינע באַציונגען.

די קראָקעווער פּאָליציי האָט, אין הסכם מיט דער ווינער אינסטרוקציע, צוגעשיקט דעם גענעראַל־גובערנאַטאָר גענויע באַריכטן וועגן מייזעלס אויפפירן זיך. די באַריכטן, וועלכע זענען פּאָליטיש גענוג נאַיוו, גיבן אונדז אָבער אַ גענוי בילד, מיט וואָס מייזעלס האָט זיך פאַרנומען אין קראָקע במשך פון זיין דריי־חדשימדיקן אויפהאַלט, ווי אַזוי ער איז „פּאָליטיש נישט געווען טעטיק". נאָך דעם, ווי מייזעלס האָט פאַרבראַכט אין קראָקע 14 טעג, האָט דער קראָקעווער פּאָליציי־דירעקטאָר צוגעשיקט צו זיין מאַכט אַ באַריכט, אין וועלכן מיר לייענען:

„...מייזעלס שטרעבט פון איין זייט איינצוהאַלטן די סימפּאַטיעס פון דער יידישער און פּוילישער באַפעלקערונג, פון דער

צטייטער זייט וויל ער בשום־אופן נישט פארערגערן זיינע באציאונגען מיט דער רעגירונג, ווייל ער האט זיך דערוווסט וועגן די אונטערגענומענע שריט אין דער פראגע פון מאכן אומגילטיק זיין עסטרייכישע בירגערשאפט, און אזא אורטייל וויל ער אויסמיידן.

מיט די דאזיקע שטרעבונגען זיינע דערקלערט זיך אויך זיין דערמאנט פארהאלטן זיך, ער זוכט צוצוציען אלע יידן צו זיך, ער נעמט אויף ביי זיך נישט בלויז רעליגיעזע, צו וועלכע ער אליין געהערט, נאר אויך די אזויגערופענע „דייטשן". וועלכע ער וויל פאראייניקן מיט די ערשטע. גלייכצייטיק גילט ער פאר א מארטירער צוליב דער פוילישער זאך און שטעלט זיך פאר ווי אזעלכער, וואס נעמט ווייטער אנטייל אין איר. אזוי האט ער צוו. אנד. אויף דער באמערקונג, וואס יידן האבן אים געמאכט, אז אין צוקונפטיקן באפרייטן פוילן דערווארט די יידן דער אלטער יאך, אפגעענטפערט: „מען פאסט פאלש אויף די איצטיקע סיטואציע: דער ייד ווערט אין פוילישן לאנד גערופן אויסצונוצן זיין פארקערן מיט די אומבאוווסטזיניקע מאסן פון דער דארפישער באפעלקערונג צו באווירקן זיי, ווייל דאס קענען די העכערע קלאסן, צוליב דעם קנאפן צוטרוי צו זיי מצד די פויערים, נישט טאן, אזוי, אז דאס איז א גענוגנדיקע גאראנטיע פארן צוקונפטיקן גלייכבארעכטיקן די יידישע באפעלקערונג מיט דער קריסטלעכער אין דעם פרייען פוילן".

פון דעם ציטירטן ראפארט דערוויסן מיר זיך נישט בלויז, אז מייזעלס איז נישט געווען אומטעטיק אין קראקע, נאר מיר באקומען אויך גענוי מייזעלס פארמולירונג און באגרינדונג וועגן דער פאטריאטישער אויפגאבע פון די יידן אין דער פוילישער געזעלשאפט. מייזעלס זעט זיי נישט בלויז ווי מיטבאטייליקטע אינעם אוממיטלבארן קאמף פאר פוילנס באפרייונג, נאר אויך ווי די ארגאניזאטארן און פראפאגאנדיסטן, וועלכע דארפן באוועגן די פויערישע מאסן זיך אנצושליסן אינעם קאמף. מייזעלס האט געהאט פאר די אויגן די דערגרייכטע רעכט פון די יידן בעת דער רעוואלוציע פון יאר 1846.

ס'איז כדאי אויך צו דערמאנען, אז אויסער דער „נישט פאליטישער טעטיקייט" צווישן די יידן אין קראקע האט מייזעלס אויפגענומען אויף לענגערע געשפרעכן די קראקעווער פוילישע טוער פון אלע שטאנדן, ווי: אדאם פאטאצקי, וואדזשיצקי, וויטשעלסקי א. א. און די פאר־

שטייער פון די סטודענטן: קאזשימיעזש סטראשעווסקי, יוליאן ווענזיק, סקארזשינסקי א. א.[223]

במשך פון דער צייט, וואס מייזעלס איז געזעסן אין קראקע, זענען פון פארשיידענע זייטן געמאכט געווארן באמיונגען צו דערמעגלעכן אים צוריקצוקומען קיין ווארשע. די ווארשעווער קהילה האט זיך אפגעזאגט אויפצונעמען א צווייטן רב אויף מייזעלס ארט, הגם ס'האט זיך געפונען א גרופע דאזארעס, פאלקס־פארעטער, וועלכע האבן צוגעשיקט צו דער צארישער מאכט א דאנק־בריוו פאר איר העלפן פטור צו ווערן פון מייזעלסן. די ברייטסטע ווארשעווער יידישע פאלקס־מאסן האבן אבער נישט געוואלט פארגעסן, אז זייער באליבטער אלטער רב געפינט זיך אין גלות. אויך כמעט די גאנצע פוילישע געזעלשאפט האט געפאדערט זיין צוריקקער קיין ווארשע. אנהייב סעפטעמבער 1862 האט דער נאמיעסטניק, גרויספירשט קאנסטאנטין, דערלויבט מייזעלסן צוריקצוקומען און ווידער פארנעמען זיין אמט.

---

[222] די דערמאנטע סטודענטן זענען, נאכן אויסברוך פונעם אויפשטאנד, אריבער די גרענעץ פון קאנגרעס־פוילן און אנגעפירט מיט די קאמפן אין מיעכאווער געגנט. סטראשעווסקי איז אומגעקומען דעם 17־טן פעברואר 1863, בעת דעם העלדישן שלאכט אין מיעכאוו. דארטן איז אויך שווער פארוואונדעט געווארן סקארזשינסקי.

Tokarz Wacław: Kraków w początkach Powstania Styczniowego i wyprawa na Miechów. Kraków 1914, str. 71.

קאַפּיטל זעכצן

מייזעלס טויט. די באַדייטונג און ראָל פֿון דעם גרויסן פּאַטריאָטישן קעמפֿער

סוף זומער 1862, ווען קאָנסטאַנטינס און וויעלאָפּאָלסקיס תּלינים האָבן שוין געהאַט אומגעבראַכט די רעוואָלוציאָנערן ריל און זשאַנצאַ,[224] און דער טעראָר קעגן דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג האָט זיך פֿילפֿאַך פֿאַרשטאַרקט, האָט וויעלאָפּאָלסקי ווידער געמאַכט פּרוּוון צו געווינען אַ טייל פֿון דער פּוילישער באַפֿעלקערונג און אים אויסנוצן קעגן די אינטערעסן פֿון גאַנצן פֿאָלק. מיט דער דאָזיקער כּוונה האָט ער אויך פֿאַרעפֿנטלעכט אַ ריי פֿאַראָרדענונגען, וועלכע האָבן פֿאַרגעזען דאָס אָפּשאַפֿן אין קאָנגרעס־פּוילן די יידן־באַגרענעצונגען און דעם ספּעציעלן שטייער.[225] ער האָט זיך גערעכנט, אַז דורך אַזאַ צוגעוואָרפֿענער „פֿרייהייט" פֿאַר יידן, וועט אים געלינגען לייכטער צו האַלטן אין צאַרישער פֿאַרקנעכטונג דאָס גאַנצע פֿאָלק אין קאָנגרעס־פּוילן.

אַזאַ איז געווען די לאַגע אין לאַנד, ווען מייזעלס האָט זיך צוריקגעקערט קיין וואַרשע. דער גרויספֿירשט קאָנסטאַנטין האָט, אויף וויעלאָפּאָלסקיס אָנווייזונגען, געפֿירט געשפּרעכן מיט די יידישע גבירים

[224] ריל און זשאַנצאַ זענען געהאָנגען געוואָרן דעם 25־טן אויגוסט 1862 פֿאַר אַדורכפֿירן אַ נישט־געלונגענעם אַטענטאַט אויף וויעלאָפּאָלסקין.

[225] וויעלאָפּאָלסקיס אוקאַז וועגן „גלייכבאַרעכטיקונג" פֿאַר יידן, וואָס איז אונטערגעשריבן געוואָרן דעם 5־טן יוני 1862, האָט גלייכצייטיק פֿאַרגעזען אַ שפּאָר ביסל באַגרענעצונגען, ווי: דעם פֿאַרבאָט צו קויפֿן ביי די פּויערים געוויסע ערד־שטחים; דאָס נישט דערלויבן אַ יידישן לאַנדבאַזיצער צו פֿאַרנעמען אין די ערשטע 10 יאָר דעם אַמט פֿון וואָיט; דעם פֿאַרבאָט צו פֿירן די האַנדלס־ביכער אָדער אָפּמאַכן אין דער יידישער שפּראַך, און נאָך אַנדערע. פֿאַרשטייט זיך, אַז פֿאַר דער אַדמיניסטראַטיווער אויספֿיר־מאַכט זענען די באַגרענעצונגען גענוג געווען פֿאַר אַ באַווייז, אַז די יידן פֿאַרבלייבן אויך ווייטער בירגער פֿון צווייטער מדרגה.

ראזען און קראנענבערג. נאך זיין קומען קיין ווארשע איז אויך מייזעלס פארבעטן געווארן דורך דעם נאמיעסטניק, וועלכער האט מיט אים אפגעהאלטן א לאנגן שמועס. בעתן שמועס האט מייזעלס אויפגעקלערט דעם נאמיעסטניק: „אז יידן זענען געטריי דעם לאנד ווו זיי לעבן" און אז די יידישע תורה לערנט זיי צו זיין אויף דער זייט פון די שוואכע.[226]

דער נאמיעסטניק האט געהאלטן דעם שמועס פאר אזוי וויכטיק, אז ער האט תיכף געשיקט קיין פעטערבורג א באריכט, אין וועלכן ער באצייכנט מייזעלסן ווי א קלוגן ייד, הגם נישט שטארק באהאוונט אין די ענינים פון פאליטיק. ער שטרייכט אויך אונטער אין זיין באריכט, אז ער האט ארויסגעדרונגען פונעם געשפרעך, אז מיט מייזעלסן „לאזט זיך רעדן".[227] זאלן מיר דערביי באמערקן אז פון מייזעלס ווערטער איז צומווייניקסטן געווען ארויסצודרינגען, אז מיט די יידן וועט זיך לאזן רעדן. אינגיכן האט מען זיך טאקע געקאנט איבערצייגן, אז מייזעלס האט זיך נישט געענדערט, אז ער איז געווען און געבליבן אויף דער זייט פון די רעוואלוציאנערע פאטריאטן.

אויך וויעלאפאלסקי האט ארויסגערופן מייזעלסן און אים דערקלערט: „פון איצט אן (ד. ה. נאכן פארעפנטלעכן די דעקרעטן, וואס שאפן אפ די אויסנאם-געזעצן פאר יידן — א. ק.) האבן שוין די יידן נישט קיין סיבה זיך צו מישן אין געוויסע ענינים".

א טייל גבירישיידישע קרייזן זענען טאקע געווען גרייט זיך אויפצוהערן מישן אין געוויסע ענינים... און געהארכזאם דינען דעם מלכות, אבער די יידישע פאלקס-מענטשן, יידישע באלמעלאכעס און די פראגרעסיווע יוגנט, וועלכע האבן באוויזן במשך פון די יארן 1861—1862 נאך ענגער זיך צו באהעפטן מיט די פוילישע קעמפער פאר דער באפרייונג פון לאנד, האבן נישט געקלערט וועגן קיין שלום מיטן אקופאנט. יידישע יוגנטלעכע זענען געפארן קיין גענוא (איטאליע) און אריינגעטרעטן אין דער דארט נעגרינדעטער שול, וואס האט געבילדעט אפיצערן קאדרן פארן אויפשטאנד. די יידישע האנטווערקערישע און אקאדעמישע יוגנט איז אויך געווען אקטיוו אין די רעוואלוציאנערע קרייזלעך אונטער דער אנפירונג פון „רויטן צענטראל-קאמיטעט", וועל-

[226] ציטירט לויט יעקב שאצקי „געשיכטע פון יידן אין ווארשע" באנד 2, ז' 238.

[227] דארטן.

בער האָט זיך דעם 1־טן סעפּטעמבער 1862 דערקלערט פאַר דער נאַ־ציאָנאַלער רעגירונג.

וויעלאָפּאָלסקי האָט געזען, אַז זיינע אויסרעכענונגען אויף צו גע־פינען אַן אָנשפּאַר אין באַדייטנדיקע טיילן פון דער פּוילישער באַפעל־קערונג זענען נישט רעאַל און אַז דער באַוואָפנטער אויפשטאַנד ווערט אויף אַן אמת געגרייט. האָט ער זיך אַנטשלאָסן אויף אַ שנעלן שריט. דעם 6־טן אָקטאָבער 1862 באַווייזט זיך אַ פאַראָרדענונג, אַז דאָס געמען רעקרוטן צום מיליטער וועט נישט מער פאָרקומען דורך גורל־סיסטעם, ווי ביז איצט, נאָר די יוגנט וועט ווערן גערופן צום מיליטער דורך אינדיווידועלע אויפפאָדערונגען. אַרום 70 טויזנט פּוילישע יוגנט־לעכע האָט געדראָט צו ווערן איינגעקלעמט אין צאַרישע מונדירן.

נאָך מער, לויט דער פאַראָרדענונג זענען באַפרייט געוואָרן פון דער מיליטער־פּליכט: ערד־באַזיצער, פּויערים און לערן־יינגלעך ביי דאָרפישע באַלמעלאָכעס. דאָס האָט קלאָר באַוויזן, אַז וויעלאָפּאָלסקי צילט מיט זיין פאַראָרדענונג פּשוט צו פאַרשיקן קיין סיביר דעם רע־וואָלוציאָנערן אַקטיוו פון פּוילישן פאָלק און אין דער ערשטער ריי די פּוילישע און יידישע אַרבעטער, האַנטווערקער און אַקאַדעמישע יוגנט.

אין דער נאַכט פון 15־טן אויפן 16־טן יאַנואַר 1863 האָבן זיך פּאָליציי און סאָלדאַטן אַריינגעריסן אין די וווינונגען פון דער וואַרשעווער באַפעלקערונג און אַרויסגענומען פון זייערע שטיבער 1657 מענער. אינעם קראָקעווער „טשאַס" פון 18־טן יאַנואַר שרייבט דער וואַרשעווער קאָרעס־פּאָנדענט צווישן אַנדערן אַט וואָס:

„די כאַפּונג. וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין האַלבער נאַכט, איז געוואָרן אויסגעפירט מיט דער גרעסטער אַכזריות... עס זענען צוגענומען געוואָרן מענער, וואָס האָבן איבערגעלאָזן אַזש פינף קינ־דער. עס זענען גענומען געוואָרן אַזעלכע, וואָס לויט זייער עלטער אונטערליגן זיי שוין נישט קיין מיליטער־דינסט... אַ סך וואַרשעווער האָבן זיך געמוזט פאַרמאַכן. עס זענען אויך גענומען געוואָרן זייער אַ סך יידן. צוזאַמענגעמען האָבן געליטן די האַנטווערקער. מיט צערי־סענע הערצער, מיט בלוט אין די אויגן, מיט הענט, וואָס ציטערן פון נקמה־דורשט, קוקן מיר אין איינגעהאַלטענעם שטילשווייגן אויף דעם אויסגעפירטן רויב פון אונדזערע קינדער".

דער דאָזיקער שענדלעכער אַקט פון דער „בראַנקע" האָט פאַרשנעל־לערט דעם אויסברוך פונעם אויפשטאַנד. אין דער נאַכט פון 22־טן אויף

דעם 23־טן יאנואר 1863 האָט זיך אָנגעהויבן דער העראָישער יאנואר־אויפשטאנד.

ווי ס'גיט איבער די אויסלענדישע פרעסע פון יענער צייט, האָט דער נאָמיעסטניק ארויסגערופן דעם אלטן מייזעלס, וועלכער האָט זיך געפונען אונטער דער שטרענגסטער פּאָליציייאישער אויפזיכט, און פון אים געפאָדערט, ער זאָל אויסרופן א חרם אויף יענע יידן, וואָס ווען צושטיין צום אויפשטאנד. דער פאקטיש געפאנגענער מייזעלס האָט אָבער געהאט דעם מוט קעגנצושטעלן זיך דעם ווילן פון זיין פאנגער. דאקעגן האָט מייזעלס אין געהיים באפוילן, אז אין די בתי־מדרשים און שולן פון גאנצן לאנד זאָל געלייענט און קאָמענטירט ווערן דער מאניפעסט פון דער נאַציאָנאלער רעגירונג.

מיר האָבן נישט קיין קאָנקרעטן מאטעריאל וועגן מייזעלס קאָנטאקטן מיט דער נאציאָנאלער אויפשטאנד־רעגירונג, וועגן וועלכער ס'דערמאָנט ד"ר נ. מ. געלבער, אָבער ווי א באווייז פון זיין פארבינדונג מיט די אויפשטענדלער קאָן דינען דער פאקט, וואָס נאָכן דערשטיקן דעם אויפשטאנד ווערט דער גרייז־גראָער מייזעלס צום צווייטן מאָל ארויסגעשיקט פון ווארשע.

נאָך א קורצן אויפהאלטן זיך אין גלות קומט ער צוריק קיין ווארשע. דאָ, אונטער דער שרעקלעכער צארישער רעאקציע, קומט אים אויס צו פארברענגען זיינע לעצטע יאָרן. ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן בלייבט ער אונטער דער שטרענגסטער השגחה פון דער פּאָליציי, אפילו וועגן די באזוכן ביי זיינע קינדער האָט מען אויספירלעך ראפּאָרטירט דעם מיליטערישן גובערנאטאָר.

דעם 15־טן פעברואר 1870 איז דוב בער מייזעלס געשטאָרבן. די צארישע רעגירונג האָט פארבאָטן צו שרייבן גרעסערע נעקראָלאָגן וועגן זיין טויט.[228] נישט געקוקט אויף דעם, האָט זיך די ידיעה וועגן טויט פונעם באליבטן פאָלקס־פירער שנעל פארשפרייט איבער ווארשע. זיין לוויה, וואָס איז געווען א שטומע, איז פארוואנדלט געוואָרן אין איינער פון די גרעס־

---

[228] נאָך מייזעלס טויט האָט דער נאָמיעסטניק גראף בערג, ארויסגעגעבן אַ געהיימע פאַראָרדענונג דעם ווארשעווער שטאָט-פּרעזידענט גענעראַל וויטקאָווסקי, אַז ער זאָל נישט דערלאָזן צו קיין רבנים-וואַלן כל-זמן ער וועט נישט האָבן אויף אַ פּריוואטן וועג באקומען גענויע ידיעות וועגן די קאנדידאטן און מיטטיילן דעם נאָמיעסטניק די פּרטים וועגן זיי, בפרט האָט ער פאַרזאָגט נישט צו דערלאָזן אַלס קאַנדידאַטן רבנים פון אויסלאַנד.

הילאַרי נוסבאַום „היסטאָריע פון יידן 5-טער באַנד ז' 437, ווארשע 1890 (אין פּויליש).



הרב דוב־בער מייזעלס

פּאָרטרעט פונעם פּעריאָד פון יאַנואַר-אויפשטאַנד

טע נאציאָנאַלע דעמאָנסטראַציעס, וועלכע וואַרשע האָט ווען נישט איז געזען. אין פּאַריז, ווי אין אַנדערע צענטערן, ווו עס האָבן זיך געפונען פאַרטריבענע פּוילישע פּאַטריאָטן, זענען אָפּגעריכט געוואָרן הספּדים און הזכרות.

* * *

דער אַדורכגעפירטער אַנאַליז פון מייזעלס עטלעכע־און־דרייסיק־יעריקער טעטיקייט גיט אונדז די פולע רעכט פעסטצושטעלן, אַז מייזעלס פּאָליטישער אני־מאמין האָט זיך פאַרגעשטעלט אַזוי:

1. די היסטאָרישע פאַרבינדונג פון די פּוילישע יידן מיטן פּוילישן לאַנד באַרעכטיקט און פאַרפליכטעט זיי צו זיין פּאַטריאָטן פון פאָטערלאַנד.

2. די רעכטלעכע לאַגע פון די יידן אין פּוילן וועט ווערן געלעזט נאָר דורך דעם באַפרייען פּוילן פון אונטער דער אָקופּאַנטישער מאַכט. לעזן די יידן־פראַגע הייסט ביי מייזעלסן: פּאָליטישע און בירגערלעכע רעכט פאַר אַלע יידן אין פּוילן נישט אָפּהענגיק פון קיין בילדונגס־ אָדער פאַרמעגנס־צענז. די ווירטשאַפטלעכע לאַגע פון די יידן האָט מייזעלס פאַרבונדן מיט דעם פריי־מאַכן און באַשענקען מיט ערד־אייגנטום די פּויערים.

3. די זיכערקייט, אַז דאָס באַפרייטע פּוילן וועט אויך באַפרייען די יידן באַשטייט אין דעם, וואָס די יידן וועלן נישט זיין קיין פּאַסיווע צו־שויער צו דעם גרויסן קאַמף פאַר דער נאַציאָנאַלער באַפרייונג, וועלכן דאָס פּוילישע פאָלק פירט, נאָר וועלן זיך אַקטיוו באַטייליקן אין דעם קאַמף און האָבן די אַמביציע צו ווערן אַ פאַקטאָר, וועלכער זאָל וועקן די שלאָפנדיקע טיילן פון פּוילישן פאָלק צום נאַציאָנאַל־באַפרייערישן קאַמף.

אָט דאָס איז געווען מייזעלס פּאַטריאָטישער אני־מאמין, פאַר וועלכן ער האָט געוואונען די ברייטסטע יידישע פאָלקס־מאַסן אין פּוילן.

וואָס נוגע מייזעלס צוגאַנג צו די אַלגעמיינע פּאָליטיש־סאָציאַלע לאַנד־פּראָבלעמען, דאַרף נאָכאַמאָל אונטערגעשטראָכן ווערן, אַז פאַר מייזעלסן איז דאָס צענטראַלסטע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע פּראָבלעם פונעם לאַנד געווען דאָס אַדורכפירן די פולע באַפרייונג פון די פּויערים דורך אָנערקענען זיי פאַר די פאַקטישע באַלעבאַטים פון דער ערד. דורך דעם וועט ווערן, ערשטנס, אַרויסגעהויבן דאָס לאַנד פונעם עקאָנאָמישן קריזיס און וועט פאַרבעסערן זיין מאַטעריעלן ווויליין; צווייטנס, וועט זיך דער פּויער דעמלט איבערצייגן, אַז ער ווערט דורך די איבעריקע

שיכטן פון פאָלק אָנערקענט ווי א פולבארעכטיקטער ברודער און וועט זיך סאָלידאר אָנשליסן אינעם נאציאָנאלן באפרייונגס־קאמף, און זיין אָנטייל וועט פארזיכערן דעם נצחון פונעם נאציאָנאל־באפרייערישן אויפשטאנד״. אָט דער ניכטערער קוק אויף די עקאָנאָמיש־פּאָליטישע נויטן פון לאנד אין דער פארבינדונג מיט זיין פאטריאָטישן אני־מאמין, מיט זיין טיפער ליבשאפט צו די יידישע פאָלקס־מאסן — האָט מייזעלסן דיקטירט אונ־טערצושטיצן די קראָקעווער סאָציאלע און נאציאָנאלע קאמפּס־באוועגונג אין יאָר 1846. דאָס האָט אים אויך אוועקגעשטעלט אין דער נאָענטסקייט פונעם דעמאָקראטישן לאגער אין גאליציע בעת דעם פעלקער־פרילינג פון יאָר 1848. צוליב די איבערצייגונגען האָט ער זיך אויך אָנגעשלאָסן אין די רייען פון די פאטריאָטן אין דעם צוגרייטונגס־פעריאָד פונעם יאנואר־אויפשטאנד און בעת דעם אויפשטאנד גופא.

דערביי דארף אָבער ווערן אונטערגעשטראָכן, אז די פּאָליטישע באגרענעצטקייט פון דער סביבה, אין וועלכער ער איז טעטיק געווען, האָט אים געשטערט, ער זאָל זיך דערהייבן צו דער מדרגה פון א קאָנסעק־ווענטן דעמאָקראטישן קעמפער, פון דאנען באקומט זיך ביי אים א טיילווייזער פּאָליטישער דואליזם. אָבער דאָס מינערט נישט זיין גרויס־קייט ווי א פיאָנער פון אויפריכטיק־פּאָלקסטימלעכן פאטריאָטיזם ביי יידן אין פוילן. מייזעלס האָט געטריי געדינט דעם נאציאָנאל־באפרייערישן קאמף פון פוילישן פאָלק און דערמיט דער באפרייונג פון די יידן אין פויל., אין דינסט פון אָט די הייליקסטע אידעאלן האָט ער אויסגענוצט זיין אויטאָריטעט ווי דער הויפּט־רב און אריינגעדרונגען אין אלע שיכטן פון דער יידישער געזעלשאפט. מיר באגעגענען אים ווי א דערמונטערער פון דער קאָנספּיראטיווער יידישער יוגנט, וועלכע האָט זיך געפונען אין די רייען פון די „רויטע״. גלייכצייטיק באמיט ער זיך צו געווינען פאר דער פוילישער זאך דעם חסידים־פירער יצחק מאיר אלטער. מייזעלס קומט צו מיט זיין פאטריאָטיש־דעמאָקראטישן וואָרט צום פשוטן ייד פון פאר־וואָרפנסטן פראָווינץ־שטעטל און דאָרף.

* * *

ד״ר מארקוס יאסטראָוו ענדיקט זיין ציקל ארטיקלען וועגן מייזעלסן, וואָס ער האָט פארעפנטלעכט עטלעכע טעג נאָך מייזעלס טויט, מיט אָט די ווערטער:

„...ווען די פרייהייט וועט אמאָל, נאָכן פארענדיקן דעם קאמף,

אויך אין די פראָווינצן פון סארמאציען (פוילן) פארצייכענען איר

מאַרטירער און העלדן, דעמלט וועט בער מייזעלס נישט פאַרגעסן ווערן. צווישן די בעסטע אָנגערופענע נעמען וועט אויך מייזעלס נאָמען ווערן גערופן".

דוב בער מייזעלס און זיין טעטיקייט געהערן צו דער שענסטער טראַדיציע פון פּוילישן יידנטום, צום גאָלדענעם פאָנד פון די דעמאָקראַטישע טראַדיציעס פון פּוילישן פאָלק. זיין מי־פּולער קאַמף פאַר באַפרייען פּוילן, פאַר דער גלייכבאַרעכטיקונג פון די יידן, פאַר צערייסן די פעאָדאַלע קייטן, וועלכע האָבן געפּענטעט דאָס פּויערטום, פאַר יידיש־פּוילישער פאַרברידערונג — ווערט דערמאָנט מיט דער זעלביקער פּיעטעט, ווי די אויפטוען פון די גרעסטע פּוילישע רעוואָלוציאָנערן און דעמאָקראַטן, אין נייעם פאָלקס־דעמאָקראַטישן פּוילן, וואָס בויט די רושטאַוואַניעס פון סאָציאַליזם. מייזעלסעס טרוים וועגן ווילשטאַנד און גליק פאַרן פאָלק ווערט מקויים אין אונדזערע היינטיקע גרויסע היסטאָרישע טעג.

ב י י ל א ג ע ס

דער אַרטיקל פֿון עדוואַרד דעמבאָווסקי וועגן דער ייִדן־פֿראַגע אין „דזשענניק אָזשענדאָווי" פֿון 24טן פֿעברואַר 1846

(דער פּוילישער טעקסט)

Sejm ostatni W. M. Krakowa zajął się organizacyą Izraelitów miejscowych założywszy sobie jedynie zrównać ich co do formy i kroju sukien czyli krócej mówiąc co do ubioru z współobywatelami innych wyznań. Dopiero błogi Rząd rewolucyjny w dniu 23 b. m. i r. pojąwszy i oceniwszy należycie stanowisko żydów naszych, odezwą do nich napisaną dał poznać że uważa żydów nie za oddzielne plemie, ale przenarodowienie wcielenia ich w massę narodu Polskiego — sobie założył. Izraelici znów ze swej strony pomni na swobody jakich używali za panowania Królów Polskich, pomni na szlachetne uczucia i czyny Polaków rzucili się rączo do pracy to jest — do urzeczywistnienia życzenia Rządu i Narodu Polskiego — wywdzięczając się za troskliwość — niezwyczajną przychylnością i sprężystym zapałem, służenia sprawie ogólnej. Wielu już ochotników zapisało się w szeregi mających walczyć za Wolność i Narodowość — wielu już posłuszeństwem, skromnością i odwagą się odznaczyło, a żaden nie okazał się niegodnym zaufania jakie w nim pokładano.

Tak rzecz uważając, koniecznie wnosić wypada że i między Izraelitami musieli się znajdować tacy którzy pojmując wyrobienie się żywiołu liberalnego, współwierców swoich na tę tak pożądaną katastrofę w dziejach ludzkich — przygotowywali — wypada — że młodzież Izraelska odda-

jąca się umiejętnościom przejęta szlachetnością swego posłannictwa wdrożyła się dostatecznie i pojęła ducha czasu i inne towarzyszące okoliczności — pracowała w zaciszu nad wykształceniem tej dziedziny dotychczas między żydami odłogiem leżącej.

Wypadałoby więc z kolei rzeczy — w tej dla nas stanowczej chwili — dalej działać i wpływać na Izraelitów polskich — zająć się utworzeniem Komitetu składać się mającego z Obywateli zaufanie Rządu posiadających tak wiary chrześcijańskiej jako i żydowskiej, któremu by powierzoną była władza wykonawcza. Komitet ten musiałby się przedewszystkiem o liczbie do uzbrojenia zdatnych przekonać i zapewnić — obmyśleć środki uskutecznienia tego w jak najkrótszym czasie, musiałby wpływać na uzdatnienie młodzieży polskiej izraelskiej do pojmowania ważności sprawy Narodowej, powinien Komitet ten zdawać sprawę ze swych czynności Rządowi Narodowemu, zasięgać w przypadkach wątpliwych informacyi od Rządu, słowem ma mieć sobie powierzoną ważną gałęź administracyi Rządu Narodowego.

Pewni jesteśmy że Izraelici nasi nie ostygną z zapału jakiem teraz są przejęci, że staną się również i na polu bitwy godnymi Synami Ojczyzny która im praw człowieczeństwa nie odmawia, a tem samem udowodnią że idea wzbudzona, rozkrzewiona i dobrze zrozumiana, posiadając siłę ożywczą, nie tylko w natchnienie wprawia, ale nadto poświęcenie się dla urzeczywistnienia tej wyrobionej idei za sobą pociąga.

Dziennik Rządowy
Rzeczypospolitej Polskiej
No. 2 Rok 1846 Kraków 27 Lutego.

די יידישע איבערזעצונג פון ע. דעמבאָווסקיס אַרטיקל:

...דער לעצטער סיים פון דער פריישטאַט קראָקע האָט זיך פאַר-
זומען מיט דער אָרגאַניזאַציע פון די אַרטיקע איזראַעליטן, שטרעבנדיק

בלויז אויסצוגלייכן זיי אין דער פאָרם און אין דעם שניט פון דער הלבשה, אָדער, רעדנדיק בקיצור, איז דער קליידונג מיט די מיטבירגער פון אנדערע אמונות. ערשט די געבענטשטע רעוואָלוציאָנערע רעגירונג, האָט דעם 23־טן ד. ח. געגעבן צו וויסן, פארשטייענדיק און אָפּשאַצנדיק געהעריק די שטעלונג פון אונדזערע יידן, אין אַן אויפרוף, וואָס איז צו זיי געשריבן געוואָרן, אז זי האלט נישט די יידן פאר קיין אָפּגעזונדערטן שבט, נאָר האָט זיך געשטעלט פאר א ציל, דורך דערנענטערן זיי צו דער נאציע, איינצושליסן זיי אין דער מאסע פון פוילישן פאָלק. די איזראעליטן ווידער, געדענקענדיק די פרייהייטן, פון וועלכע זיי האָבן גענאָסן בעת דער הערשאפט פון די פוילישע קעניגן, געדענקענדיק די איידעלע געפילן און מעשים פון די פאָליאקן, האָבן זיך פון זייער זייט פלייסיק אריינגעוואָרפן אין דער ארבעט, דאָס הייסט — צו פארווירקלעכן די ווונטשן פון דער רעגירונג און פון פוילישן פאָלק — אָפּדאנקענדיק פאר דער זאָרגזאמקייט — מיט אַן אויסערגעוויינלעכער סימפאטיע און שטארקער התלהבות, אין דינסט פון דער אלגעמיינער זאַך. א סך פרייוויליקע האָבן זיך שוין פארשריבן אין די רייען, וואָס דארפן קעמפן פאר פרייהייט און נאציאָנאליטעט; א סך האָבן זיך שוין אויסגעצייכנט מיט געהאָרכזאמקייט, באשיידנקייט און דרייסטקייט, און קיין איינער האָט זיך נאָך נישט ארויסגעוויזן פאר נישט ווירדיק דעם צוטרוי, וואָס מ'האָט אים באשאָנקען.

באטראכט אזוי דעם ענין, איז נייטיק אונטערצושטרייכן, אז אויך צווישן די איזראעליטן האָבן זיך געמוזט געפונען אזעלכע, וואָס האָבן, פארשטייענדיק די ווירקונג פונעם ליבעראַלן פאקטאָר, צוגעגרייט זייערע מיטגלויביקע צו דער אזוי וויכטיקער קאטאסטראָפע אין דער מענטשלעכער געשיכטע, ס'איז נייטיק (אונטערצושטרייכן), אז די איזראעליטישע יוגנט, וועלכע צייכנט זיך אויס מיט קענטעניש, אדורכגענומען מיט איר איידעלער שליחות, האָט זיך ענדלעך איינגעגלידערט און אויפגעפאסט דעם גייסט פון דער צייט און די אנדערע באגלייט־דערשיינונגען, און האָט געארבעט בשתיקה איבערן אויסבילדן זיך אויף דעם געביט, וואָס איז ביז איצט געווען א רויער באָדן ביי די יידן (מיליטער־אויסבילדונג — א. ק.).

עס וואָלט דעריבער במילא נייטיק געווען — אין דער דאָזיקער פאר אונדז דעצידירנדיקער מינוט — ווייטער צו ווירקן און באאיינפלוסן די פוילישע איזראעליטן, פארנעמען זיך מיט שאפן א קאָמיטעט, וואָס זאָל באשטיין פון בירגער, וועלכע גענייסן דעם צוטרוי פון דער רעגירונג,

יה פון קריסטלעכן הן פון יידישן גלויבן, וועלכן ס׳וואָלט אָנפּאַרטרויט געוואָרן די אויספיר־מאַכט. דער דאָזיקער קאָמיטעט וואָלט זיך קודם־כל געמוזט קלאָר מאַכן די צאָל פּעיקע צו געווער און פאַרזיכערן — באַטראַכטן די מיטלען צו פאַרווירקלעכן דאָס אין דער קורצסטער צייט; ער וואָלט געמוזט משפּיע זיין, אַז די פּוילישע און איזראַעליטישע יוגנט זאָל פּעיק זיין צו פאַרשטיין די וויכטיקייט פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע. דער דאָזיקער קאָמיטעט דאַרף אָפּגעבן א דין־וחשבון פון זיין טעטיקייט דער נאַציאָנאַלער רעגירונג, אין ספּעציפישע פאַלן נעמען אינפאָרמאַציעס ביי דער רעגירונג, מיט איין וואָרט — ס׳דאַרף אים אָנפּאַרטרויט ווערן א וויכטיקער צווייג פון דער אדמיניסטראַציע פון דער נאַציאָנאַלער רעגירונג.

מיר זענען איבערגעצייגט, אַז אונדזערע איזראַעליטן וועלן זיך נישט אָפּקילן פון דער התלהבות, מיט וועלכע זיי זענען איצט אַדורכגענומען, אַז זיי וועלן אויך אויפן שלאַכט־פעלד זיך ארויסווייזן פאַר ווירדיקע זין פונעם פאָטערלאַנד, וואָס זאָגט זיי נישט אָפּ די מענטשלעכע רעכט, און אַזוי ארום וועלן זיי באַווייזן, אַז אין אויפגעוואַכטע, פאַרשפּרייטע און גוט־פאַרשטאַנענע אידעע, וועלכע פאַרמאָגט א באַלעבונגס־כּוח, רופט ארוים נישט בלויז באַגייסטערונג, נאָר אויך א גרייטקייט זיך מקריב־זיין פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון אָט דער אויפגעקומענער אידעע.

(רעגירונגס־צייטונג פון דער פּוילישער רעפּובליק. קראָקע, דעם 27־טן פעברואַר 1876, נ. 2).

דער באַריכט פון „דזשענניק אַרזשעגאָווי" וועגן דעם ארויסטריט פון בעריש מייזעלס און מאָוריצי קשעפּיצקי דעם 28־טן פעברואַר 1846 אין דער אַלטער שול

(דער פּוילישער טעקסט)

Obywatel Rabin Meisels odbył w dniu 28 b. m. w Sobotę nabożeństwo w Bóżnicy starej wielkiej za pomyślność Sprawy wspólnej. Jakoż tłumnie zebrany lud Izraelski rzewnie się modlił, a Rabin Meisels stosowną miał przemo-

wę przedstawiającą ważność chwili, i całe znaczenie wydarzeń całego upłynionego wielkiego tygodnia, odwoływał się do różnych textów z Pisma Ś-go, i zachęcał do odwagi — poświęcenia i wytrwałości.

Następnie Obywatel Maurycy Krzepicki następującą miał mowę:

Bracia! Współwyznawcy!

Niepotrzebuję Wam przypomnieć cierpienia, prześladowania, i uciemiężenia — któremi Rządy bezustannie dręczyły. Patrzaliście jeden na drugiego jak na ptastwo — na które chytry czyha strzelec. Co mówię, ptastwo, to buja po wolnem przestworzu powietrza, to przynajmniej naturalne swoje potrzeby swobodnie zaspakajać może; — ale braciom naszym wszelki ruch, wszelki popęd i wszelkie środki materyalnego i umysłowego życia były przecięte. Zkąd te pochodziły zakazy faraońskie małżeństw — zkąd daniny nadzwyczajne — zkąd skupiania po oddzielnych przedmieściach — zkąd i dla czego Policyanie i Zbiry spędzali żydów w dzień świętalny z mostu Stradomskiego? Otóż te wszystkie ustawowe bezprawia pochodziły z wyobrażeń feodalnych — szwabskich — niemieckich — z Patentów Kaiserów Austryackich. Wszak po upadku Jerozolimy, Kaiserowie uważali nas za swoich niewolników, a żaden Naród Europejski nie był tak gościnnym dla Przodków naszych z Hiszpanii, Niemiec i Czech wygnanych — jak Naród Polski.

Na tej tu ziemi gdzie spoczywają prochy przodków naszych — Synagoga Polska najpiękniej rozkwitnęła, i dla tego po całym świecie słynie z cnót i pobożności. Chwila tedy kiedy Bóg ożywia ducha nadziei błogiej wskrzeszenia imienia i istnienia Polski, jest chwilą narodową równie dla rodziny Izraelskej. W niebie jest jeden raj, ale na ziemi prócz Edenu nad Eufratem jest drugi Eden nad Wisłą.

Bracia!

Ufajmyż dobrej sprawie, słowu miłości rodzaju ludzkiego, słowu Boskiemu — nielękajmyż się tych którzy fałsze, bajki i kłamstwa rozsiewają — i poświęcajmyż nasze osoby i nasze majątki jak na wolnych i odważnych Synów Ojczyzny przystoi.

Dziennik Rządowy
Rzeczypospolitej Polskiej
N. 4. Rok 1846 Kraków 1 marca.

די יידישע איבערזעצונג פון מייזעלס און קשעפיצקיס ארויסטרעטונג

דער בירגער הרב מייזעלס האט שבת, דעם 28סטן ד"ח אפגעריכט אין דער אלטער גרויסער שול א תפילה לטובת דער געמיינזאמער זאך. דאס מאסנהאפט־פארזאמלטע יידישע פאלק האט היים געדאוונט, און הרב מייזעלס האט געהאלטן א פאסיקע רעדע, פארשטעלנדיק די וויכטיקייט פונעם מאמענט און דעם גאנצן באטייט פון די געשעענישן פון דער גאנצער פארגאנגענער גרויסער וואך. ער האט זיך פארופן אויף פארשידענע טעקסטן פון תנ"ך און געמוטיקט צו דרייסטקייט, קרבנות־גרייטקייט און אויסדויער.

דערנאך האט דער בירגער מאוריצי קשעפיצקי געהאלטן די פאלגנדיקע רעדע:

ברידער! מיטגלויביקע!

איך דארף אייך נישט דערמאנען די צרות, רדיפות און אונטערדריקונגען, מיט וועלכע די רעגירונגען האבן אונדז כסדר געפייניקט. איך האט איינער אויפן צווייטן געקוקט ווי אויף פייגל, אויף וועלכע עס לויערט א כיטרער שיסער. וואס זאג איך פייגל, זיי פליען אינעם פרייען לופט־רוים, זיי קאנען צומווינציקסטן פריי באפרידיקן זייערע נאטירלעכע באדערפענישן, אבער פאר אונדזערע ברידער איז אפגעשניטן געווען יעטוועדע באוועגונג, יעטוועדע שטרעבונג און יעטוועדע מיטלען פון מאטעריעלן און גייסטיקן לעבן. פון וואנען האבן געשטאמט די פרעה־פארבאטן וועגן חתונות, די אויסערגעווייגלעכע שטייערן, דאס ארײנשטויסן אין באזונדערע פארשטעטן, פון וואנען און פארוואס האבן די פאליציי־לייט און כוליגאנעס פארטריבן די יידן אין א יום־טוב־טאג פונעם

סטראַדאַמער בריק? אַט די אַלע קאָרעקס־אומרעכטן האָבן געשטאַמט פֿון די שוואַבישע פּעדאַלע אָנשווינגען, פֿון די פּאַטענטן פֿון די עסטרייכישע קייסאָרים. האָבן דאָך די קייסאָרים נאָכן פֿאַלן פֿון ירושלים אונדז באַטראַכט ווי זייערע שקלאַפֿן, און קיין שום אייראָפּעיש פֿאָלק איז נישט געווען אַזוי גאַסטפֿריינדלעך פֿאַר אונדזערע אבות, די פֿאַרטריבענע פֿון שפּאַניע, דייטשלאַנד און טשעכיע, ווי דאָס פּוילישע פֿאָלק.

אויף אָט דער ערד, אין וועלכער עס רוט דאָס אש פֿון אונדזערע אָבות, האָט זיך די פּוילישע סינאַגאָגע צום שענסטן צעבליט, און דערי־בער איז זי באַרימט אין דער גאַנצער וועלט מיט איר טוגנט און פֿרומקייט. דעריבער איז די מינוט, ווען גאָט באַלעבט דעם גייסט פֿון דער גע־בענטשטער האָפֿענונג ווידער אויפֿצושטעלן דעם נאָמען און דעם קיום פֿון פּוילן, אַ נאַציאָנאַלע מינוט אויך פֿאַר דער משפּחה פֿון יידישן פֿאָלק. אין הימל איז פֿאַראַן איין גן־עדן, אָבער אויף דער ערד איז הוץ דעם גן־עדן ביים טייך עופֿראַט פֿאַראַן אַ צווייטער גן־עדן ביי דער ווייסל.

ברידער!

לאָמיר האָבן צוטרוי צו דער גוטער זאַך, צום וואָרט פֿון ליב־שאַפֿט פֿון מענטשלעכן מין, צום געטלעכן וואָרט. לאָמיר נישט מורא האָבן פֿאַר די, וואָס פֿאַרשפּרייטן פֿאַלשקייטן, בבא־מעשׂיות און ליגנס, און לאָמיר מקריב זיין אונדזער נפֿש און אונדזער פֿאַרמעגן, ווי עס פּאַסט פֿאַר פֿרייע און דרייסטע זין פֿונעם פֿאָטערלאַנד.

(אַמט־צייטונג פֿון דער פּוילישער רעפּובליק, קראָקע,
דעם 1־טן מערץ 1846, נומער 4).

וועגן דעם אויפֿרוף פֿון יהושע לובלינער
(לויט דער מאַגיסטער־אַרבעט פֿון לובאַ לעווינזאָן)

(דער פּוילישער טעקסט)

Z PRACY MAGISTERSKIEJ LUBY LEWINSON
o odezwie J. Lublinera

„W związku z rewolucją krakowską 1846 r. wydał Lubliner „odezwę do Izraelitów zamieszkałych we wszystkich

częściach Rzeczypospolitej Polskiej". Wzywa on w niej Żydów, by „ofiarowali rządowi narodowemu swe majątki, swe osoby, a wtedy zasłużą być poczytywanymi pomiędzy synami Polski". Wykazuje on, że rząd zaborczy stosował wobec nich jeszcze większe represje niż rząd Polski niepodległej, każdy urzędnik od dozorcy policyjnego do gubernatora uciska ich, wypędza z miast, zabiera młode dzieci do wojska, „gdzie ich nie czeka żaden stopień, lecz nędza i knut". Wręcz przeciwnie postępuje Rząd Narodowy, który w manifeście z dnia 25 lutego głosi: „Odtąd nie znamy żadnej różnicy, bądźmy synami jednej matki ojczyzny, jednego ojca Boga w naturze".

Z radością stwierdza Lubliner, że pięćset Żydów krakowskich zaciągnęło się w szeregi powstańców, że bogaci ofiarowali wielkie sumy na sprawę narodową, że rabin krakowski Majzels zachęcał Izraelitów do „połączenia się z ich braćmi Polakami w walce o wolność, o niepodległość krajową i równość polityczną wszystkich bez żadnej różnicy". Stara się przekonywać Żydów, „że teraz albo nigdy jest pora uzyskać prawa obywatelskie". Emancypacja polityczna Żydów powinna być, zdaniem jego, wypływem samodzielnej ich akcji i poświęcenia się dla wolności narodowej, a nie skutkiem ducha epoki. Odezwę tę kończy Lubliner hasłem: „Niech żyje Polska wolna i niepodległa, nie znająca różnicy wyznań religijnych w równości praw obywatelskich".

(W/wym. praca, str. 46 — 47)

„Odezwa ta została dla podkreślenia znaczenia i dodania jej wagi podpisana przez Lelewela i Stanisława Worcella, którzy poświadczają zasługi patriotyczne Lublinera. Zaświadczenie to kończą zdaniem: „tem milej nam to świadectwo wydać, że widoki w powyższej odezwie wyłożone zupełnie podzielamy".

Zbiory Lelewela, Batign. 14229, odezwa do Izraelitów zamieszkałych na wszystkich częściachcałej Rzeczypospolitej, Bruxelles, 1846 r.

(Ibidem, str. 26,27).

די יידישע איבערזעצונג וועגן לובלינערס אויפרוף

אין שייכות מיט דער קראָקעווער רעוואָלוציע פון 1846 האָט לובלינער אַרויסגעלאָזט „אַ רוף צו די איזראַעליטן, וואָס וווינען אין אַלע טיילן פון דער פּוילישער רעפּובליק". ער רופט די ייִדן, זיי זאָלן „מקריב זיין פאַר דער נאַציאָנאַלער רעגירונג זייערע פאַרמעגנס, זייערע נפשות, און דעמלט וועלן זיי פאַרדינען צו ווערן אָנגערעכנט צווישן פּוילנס זין". ער ווייזט אויף, אַז די אָקופּאַנטישע רעגירונג האָט אָנגעווענדעט לגבי זיי נאָך גרעסערע רעפּרעסיעס, איידער די רעגירונג פונעם אומאָפּהענגיקן פּוילן: יעדער באַאַמטער, פון אַ פּאָליציייִשן וועכטער ביז אַ גובערנאַטאָר, אונטערדריקט, טרייבט אַרויס פון די שטעט, נעמט צו יונגע קינדער אין מיליטער, „וווּ עס דערוואַרט זיי נישט קיין שום ראַנג, בלויז די נויט און די בייטש". פּונקט פאַרקערט האַנדלט די נאַציאָנאַלע רעגירונג, וועלכע פּראָקלאַמירט אין איר מאַניפעסט פון 25־טן פעברואַר: „פון איצט אָן ווייסן מיר נישט פון קיין שום אונטערשיד, לאָמיר זיין זין פון איין פאָטערלאַנד, פון איין פאָטער גאָט אין דער נאַטור".

מיט פרייד שטעלט פעסט לובלינער, אַז פינף הונדערט קראָקעווער ייִדן זענען אַריינגעטרעטן אין די רייען פון די אויפשטענדלער, אַז די רייכע האָבן געשענקט גרויסע סומעס אויף דער נאַציאָנאַלער זאַך, אַז דער קראָקעווער רב מייזעלס האָט דערמוטיקט די איזראַעליטן „זיך צו פאַראייניקן מיט די ברידער פּאָליאַקן אינעם קאַמף פאַר פרייהייט, פאַר דער אומאָפּהענגיקייט פון לאַנד און פאַר פּאָליטישער גלייכקייט פון אַלעמען אָן קיין שום אונטערשייד". ער באַמיט זיך איבערצוצייגן די ייִדן, אַז „איצט אָדער קיינמאָל נישט איז די צייט צו געווינען בירגעררעכט". די פּאָליטישע עמאַנציפּאַציע פון די ייִדן דאַרף זיין, לויט זיין מיינונג, אַ רעזולטאַט פון זייער זעלבשטענדיקער אַקציע און קרבנותגרייטקייט פאַר דער נאַציאָנאַלער פרייהייט און נישט סתם קיין פּועל־יוצא פון דעם גייסט פון דער עפּאָכע. דעם דאָזיקן אויפרוף פאַרענדיקט לובלינער מיטן

לאָזונג: „זאָל לעבן א פריי און אומאָפּהענגיק פּוילן, וואָס ווייסט נישט פון קיין שום רעליגיעזע אונטערשיידן בנוגע דער גלייכקייט אין בירגער־רעכט".

„דער דאָזיקער אויפרוף איז, כדי אונטערצושטרייכן זיין באַטייט און כדי אים צוצוגעבן וואָג, אונטערגעשריבן געוואָרן דורך לעלעוועלן און סטאַניסלאַוו וואָרצעלן, וועלכע באַשטעטיקן לובלינערס פּאַטריאָטישע פאַרדינסטן. די באַשטעטיקונג פאַרענדיקט זיך מיט די ווערטער: „ס'איז אונדז נאָך מער אָנגענעם ארויסצוגעבן די באַשטעטיקונג דערפאַר, ווייל מיר טיילן פולשטענדיק אונדזער הסכם מיט די אויסזיכטן, וואָס ווערן איבערגעגעבן אין דעם אויבנגעבראַכטן אויפרוף".

(די לעלעוועל־זאַמלונגען, דער אויפרוף צו די איזראעליטן, אין אלע טיילן פון דער רעפּובליק, בריסעל 1846).

הילף פון די יידן פאַר די צוריקגעקומענע פּאָליטישע אַרעסטירטע אין מערץ 1848

Do Szanownych Obywatelek! Wszystkie stany i wyznania łączą i kojarzą się z sobą. Promień po promieniu spływa na ludy ,które na wolności i braterstwie zasadzają swój byt narodowy. Świętą tedy jest powinnością wesprzeć wyswobodzonych Apostołów wolności, a kiedy Konstytucya dozwala nam przywitać naszych męczenników, to Starozakonni niemniej jako prawi Polacy spieszą ze złożeniem ofiar w kwocie Złp. 400 uzbieranych, przeznaczonych na zapomogę więźniów z Berna przybywających.

Szanowne Obywatelki zechcą przyjąć wyraz szacunku i życzliwości.

Kraków d. 26 Marca 1848 r.

(Tu następują podpisy).

„Jutrzenka" N. 7 1848 Kraków d. 29 Marca — Środa.

יידישע איבערזעצונג

צו די געערטע בירגערינס!

אלע שטאנדן און גלויבנס פאראייניקן און פארבינדן זיך. איין שטראל נאכן צווייטן פליסט אראפ אויף די פעלקער, וועלכע באזירן זייער נאציאנאלן קיום אויף פרייהייט און ברידערלעכקייט. ס'איז דעריבער א הייליקע פליכט אונטערצושטיצן די ארויסגעלאזטע פרייהייטס־אפאסטאלן, און ווען די קאנסטיטוציע דערלויבט אונדז צו באגריסן אונדזערע מארטירער, איילן די אלטגלויביקע — ווי עכטע פאליאקן — צו געבן זייער שפענדונג, וואס זיי האבן צונויפגעזאמלט אין א סכום פון 400 פוילישע זלאטעס, באשטימטע אויף צו שטיצן די ארעסטירטע, וואס זענען צוריקגעקומען פון בערן.

זאלן די געערטע בירגערינס באוויליקן אנצונעמען דעם אויסדרוק פון כבוד און ווונטשן.

קראקע, דעם 26־טן מערץ יאר 1848.

(דא קומען אונטערשריפטן)

„יוטזשענקא" נומער 7, קראקע, מיטוואך, דעם 29־טן מערץ 1848.

דער אויפרוף פון די קראקעווער יידן צו זייערע מיטגלויביקע אין פוזנער גרויספירשטנטום

ODEZWA IZRAELITÓW W KRAKOWIE DO WSPÓŁWYZNAWCÓW W W. KSIĘSTWIE POZNAŃSKIEM

Bracia Izraelici!

Słowo Boże, które wszystko z nicości wywołało, które wszechświatem rządzi i kieruje, i wszędzie światło i życie rozlewa, słowo Boże które przodków naszych z ohydnej niewoli egipskiej wyzwoliło, aby ich na górze Synaj z otchłani przesądów, bałwochwalstwa i bezprawności wybawić, — to najwyższe słowo wyswobadza obecnie ludzkość Europejską z przemocy tyranów i ich doradzców, a za-

razem obdarza naszych współwyznawców prawem na które długo czekali, prawem które się ludziom przynależy.

W chwili przeto powszechnej radości i naocznego objawu łaski Bożej, najświętszym jest obowiązkiem Izraelity ożywić się duchem miłości Ojczyzny, przejąć się patryotyzmem dla kraju w którym się zrodził i wzniecić w swoich współwyznawcach święty zapał dla sprawy wolności.

Szlachetny naród Polski, któremu tyle Europa winna i któremu ludność wyznania Mojżeszowego liczne dobrodziejstwa zawdzięcza, szlachetny naród który naszych przodków w chwili gdy synowie Gallii i Germanii niemiłosiernie ich na nędzę i tułactwo wskazali, gościnnie i bratersko na łono swoje przyjął, — naród ten który od lat ośmdziesiąt swej pozbawiony samodzielności, z właściwą sobie wytrwałością i bezustannem poświęceniem o niezależność swoją walczy, niezadługo już w spełnieniu wyroku ludów, wyobrazicieli woli Bożej, stanie u mety swoich życzeń, dążności i oczekiwań.

Ukryta w sercu Europy sympatya dla nieszczęśliwej Polski odsłania się we wszystkich oświeconych ludach, i odgłosy tej sympatyi odtętniają we Francyi, Anglii i Niemczech. Polska która dotąd była jabłkiem niezgody, staje się hasłem powszechnego dla ludów pokoju.

Kochani współwyznawcy! Nas rodaków polskich, ileż świętych węzłów łączy z tym narodem! w tym tu kraju od kolebki aż do grobu wspólną mamy Ojczyznę, wspólnie prześladowani jesteśmy braćmi niedoli, uciskiem, sromotą i wygnaniem dotknięci, wspólne i jednakie były nasze uczucia. Równe zatem z Polakami są nasze obowiązki, tak względem nas samych jak i braci naszych jęczących pod jarzmem rządu północnego władzcy; tam to dzieje się gorzej aniżeli za czasów Faraona, wyrywają dzieci z łona matek i przeznaczają na męczeństwo. W odrodzeniu Polski jedyna dla nich nadzieja, jedyne zbawienie.

Bracia! mamyż jeszcze choć chwilę odciągać się z poświęceniem naszej krwi, naszego mienia dla świętej i czystej sprawy tego szlachetnego narodu? Mamyż jeszcze na chwilę opóźnić nasze oświadczenie: czy do Polaków czy do Niemców mamy być policzeni? oddajemy cześć narodowi Niemieckiemu, temu wielkiemu ludowi inteligencyi i przemysłu, ale w obliczu tego samego narodu poniżymy i zhańbimy się jak tchórzliwi zdrajcy w razie wyrzeczenia się wszelkich uczuć dla Ojczyzny, wszelkiej wdzięczności i wszelkiego współudziału w nieszczęśliwym losie naszych północnych braci, a to tylko dla tego aby momentalnie samolubnemu źle zrozumianemu hołdować interessowi.

Naród Polski w roku 1791 kreśląc konstytucyą praw o które się dziś Europa dobija, ugodnił Starozakonnych podnosząc ich do stanowiska Obywatelskiego, w wielkim tygodniu r. 1846 objawił aktem publicznym emancypacyą Izraelitów, a teraz z własnego natchnienia zaniósł petycyą do Monarchy o zrównanie Obywatelskie i Polityczne Polaków Starozakonnych z Chrześcianami.

Naród tak wspaniałomyślny zasługuje na nasze poświęcenie, zasługuje na współudział w bólach porodu Ojczyzny, która w przyszłości nas wszystkich uszczęśliwi.

Naprzód więc Bracia! nie szczędźmy ofiar i trudów dla świętej sprawy, okażmy światu, że i w naszych żyłach płynie krew Machabeuszów, i że nasze serce równie jak i przodków naszych mocno bije ku wszystkiemu co jest szlachetnem i wzniosłem.

Niech się zleje na nas łaska Boga, i Adonaj dopomóż naszym działaniom. Amen. Kraków d. 3 Maja 1848.

(Tu podpisy)

„Jutrzenka" N. 34 1848. Kraków d. 9 Maja — Wtorek.

אויפרוף פון די קראָקעווער ייִדן צו זייערע מיטגלויביקע אין פּוילנער גרויספירשטנטום !

ברידער ייִדן !

גאָטס וואָרט, וואָס האָט אַרויסגערופן אַלץ פון גאָרנישט, וואָס געוועלטיקט און פירט מיטן וועלטאַל און וואָס שפּרייט אומעטום ליכט און לעבן, גאָטס וואָרט, וואָס האָט באַפרייט אונדזערע אָבות פון דער שווערלעכער מצרישער שקלאַפעריי, כדי זיי צו באַפרייען אויפן באַרג סיני פון דעם תהום אַבערגלויבנס, געצנדינעריי און אומגעזעצלעכקייט, — דאָס דאָזיקע העכסטע וואָרט באַפרייט איצט די מענטשהייט פון אייראָפּע פון דעם טעראָר פון טיראַנען און פון זייערע עצה־געבער, און צוגלייך באַשענקט עס אונדזערע מיטגלויביקע מיט די רעכט, אויף וועלכע זיי האָבן לאַנג געוואַרט, מיט די רעכט, וועלכע קומען יעדן מענטש.

דעריבער איז, אינעם מאָמענט פון אַלגעמיינער פרייד, ווען פאַר אונדזערע אויגן אַנטפּלעקט זיך גאָטס גנאָד, דער הייליקסטער חוב פון יעדן ייִד אויפצוּוועקן אין זיך דעם גייסט פון ליבע צום פאָטערלאַנד, אַדורכדרינגען זיך מיט פּאַטריאָטיזם פאַרן לאַנד, אין וועלכן ער איז געבוירן געוואָרן און אָנצינדן אין זיינע מיטגלויביקע דאָס הייליקע פייער פאַר דער זאַך פון פרייהייט.

דאָס איידעלע פּוילישע פאָלק, וועמען אייראָפּע איז אַזוי פיל שולדיק און וועמען די באַפעלקערונג פון משהס גלויבן האָט צו פאַרדאַנקען אַ סך טובות; דאָס איידעלע פאָלק, וואָס האָט אויפגענומען אונדזערע אָבות אין זיין שויס מיט גאַסטפריינדלעכקייט און ברידערלעכקייט, ווען זיי זענען דורך די זין פון גאַליע און גערמאַניע פאַרמשפּט געוואָרן אויף אומברחמנותדיקן דלות און וואַגלעניש; דאָס פאָלק, וואָס האָט מיט 80 יאָר צוריק פאַרלוירן די אייגענע זעלבסטשטענדיקייט, קעמפט מיט דעם אויסדויער, וואָס איז אים אייגנטימלעך, און מיט אומאויפהערלעכער קרבנותפולער גרייטקייט פאַר זיין אייגענער אומאָפּהענגיקייט. שוין אינגיכן וועט עס אויפן יסוד פון דעם פּסק־דין פון די פעלקער — די אויסדריקער פון גאָטס רצון — שטיין ביים ציל פון זיינע פאַרלאַנגען, שטרעבונגען און דערוואַרטונגען.

ס׳אַנטפּלעקט זיך ביי דער אויפגעקלערטער מענטשהייט פון אייראָפּע די סימפּאַטיע, וואָס איז באַהאַלטן אין איר האַרץ, פאַרן אומגליק־

לעבן פוילן, און די קלאַנגען וועגן דער דאָזיקער סימפּאַטיע הילכן שוין אָפּ אין פראַנקרייך, ענגלאַנד און אין דייטשלאַנד. פוילן, וואָס איז ביז איצט געווען דער עפּל, פאַר וועלכן מע רייסט זיך אַרום, ווערט איצט אַן אַלגעמיינער לאָזונג פאַר די שלום־ליבנדיקע פעלקער.

טייערע מיטגלויביקע! וויפל הייליקע פעדעם פאַרבינדן אונדז, אָפּשטאַמיקע פון פוילן, מיט דעם דאָזיקן פאָלק. דאָס דאָזיקע לאַנד, איז פונעם וויגעלע ביז צום קבר איין בשותּפותדיק פאָטערלאַנד. מיר זענען צוזאַמען פאַרפאָלגטע אחים־לצרה. מיר ליידן גלות, דערנידעריקונג און אונטערדריקונג. בשותּפותדיקע און די זעלביקע זענען געווען אונדזערע געפילן. דעריבער האָבן מיר די זעלבע פליכטן ווי די פאָליאַקן סיי לגבי זיך, און אויך בנוגע אונדזערע ברידער, וועלכע קרעכצן אונטערן יאָך פון דעם צפון־הערשער; עס קומען דאָרט פאָר מעשים ערגערע ווי אין פרעהס צייטן, מען רייסט אַרויס קינדער פון דער מאַמעס שויס און מע באַשטימט זיי אויף פאַרפייניקונג.

די ווידעראויפלעבונג פון פוילן איז זייער איינציקע האָפענונג און זייער איינציקע ישועה.

ברידער! צי מעגן מיר כאָטש אויף איין מינוט אָפּשלעפּן דאָס מקריב זיין אונדזער בלוט, אונדזערע פאַרמעגנס פאַר דער הייליקער און גערעכטער זאַך פון דעם דאָזיקן איידעלן פאָלק? צי מעגן מיר נאָך אויף איין מינוט פאַרשפּעטיקן מיט אונדזער דערקלערונג: צי דאַרפן מיר ווערן פאַררעכנט פאַר פאָליאַקן אָדער דייטשן? מיר גיבן אָפּ כבוד דעם דייטשן פאָלק, דעם גרויסן פאָלק פון אינטעליגענץ און אינדוסטריע, אָבער פאַר דעם זעלביקן פאָלק ווילן מיר זיך דערנידעריקן און זיך צו שאַנד מאַכן ווי פחדנותדיקע פאַרעטער, אויב מיר ווילן זיך אָפּזאָגן פון יעדן געפיל לגבי דעם פאָטערלאַנד, פון יעדער דאַנקבאַרקייט און יעדער מיטבאַטייליקונג אין דעם אומגליקלעכן גורל פון אונדזערע ברידער פון צפון, און דאָס בלויז, כדי מאָמענטאַל צו דינען דעם עגאָיסטישן, שלעכט פאַרשטאַנענעם אינטערעס.

דאָס פוילישע פאָלק האָט אין יאָר 1791, באַשטימענדיק דורך דער קאָנסטיטוציע די רעכטן, פאַר וועלכע עס קעמפט היינט אייראָפּע, ווירדיק אויפגעהויבן די יידן צום בירגער־שטאַנד. אין דער גרויסער וואָך פון יאָר 1846 האָט עס דערקלערט די עמאַנציפּאַציע פון יידן מיט אַן עפנטלעכן אַקט און פון אייגענער איניציאַטיוו האָט עס איצט אַרייַנגעטראָגן אַ פּעטיציע צום מאָנאַרך וועגן אויסגלייכן בירגערלעך און פּאָליטיש די יידן מיט די קריסטן.

אזא איידלמוטיק פאָלק פארדינט אונדזער אָפּפערווילליקייט, פאר־דינט אונדזער אָנטייל אין די חבלי־לידה פונעם פאָטערלאנד, וועלכעס וועט אין דער צוקונפט אונדז אלע באגליקן.

ובכן, פאָרויס, ברידער! לאָמיר נישט שפּאָרן קיין קרבנות און מי פאַר דער הייליקער זאך. לאָמיר באווייזן דער וועלט, אז אויך אין אונ־דזערע אָדערן פליסט מאקאבעיש בלוט, אז אויך אונדזערע הערצער שלאָגן שטארק, פּונקט ווי די הערצער פון אונדזערע אָבות פאר אלץ, וואָס איז איידל און דערהויבן.

זאָל אויף אונדז אראָפּנידערן דער גנאָד פון אלמעכטיקן גאָט! זאָל ער אונדז העלפן אין אונדזער אָנשטרענג, אָמן!

קראָקע, 3־טן מאי 1848.

(די אונטערשריפטן)

(„יוטשענקא" נר. 34, קראָקע, דעם 9־טן מאי 1848).

ווענדונג פון רעוואָלוציאָנער־דעמאָקראַטישע פוילישע יידן עמיגראַנטן פון פראַנקרייך צו די יידן אין פוילן

...Redakcya otrzymała z Nancy następującą odezwę do Izraelitów polskich w przekładzie francuskim wraz z hebrajskim tekstem.

Najukochańsi Bracia i Współwyznawcy!

Nadzwyczajne wypadki przekształcają całą Europę, zadziwiająca spełnia się rewolucya. Wzniosłe zasady braterstwa, wolności i równości, które podniosły zwycięstwo we Francyi, staną się wkrótce godłem wszystkich narodów, wspólnym węzłem wszystkich członków rodu ludzkiego. Dzięki temu powszechnemu ruchowi, tak widocznie nacechowanemu ręką Opatrzności, a który w skutkach swych zmieni całą postać społeczeństwa, dając mu za podstawę

miłość, sprawiedliwość, uszanowanie praw i wszelkich wyznań — dzięki mówię temu wstrząśnieniu; godzina wyswobodzenia i dla was Bracia moi uderzy, a wkrótce zjednoczeni ze wszystkich zakątów waszego wygnania, powróciwszy do ziemi Polskiej, do waszej ukochanej Ojczyzny, powitacie uściskiem miłości i wzajemnego współczucia wszystkich współziomków waszych, którzy już odtąd widzieć w was będą braci i przyjaciół połączonych wspólnym interessem wolności i szczęścia Ludu, któregoście niedolę podzielali a zarazem i wyswobodzenie jego.

Teraz Bracia moi przygotujcie się do walki której dzień już bliski, łączcie się z nami, okażcie dowody poświęcenia za świętą sprawę Ojczyzny; niech każdy z was w miarę sił swoich i zdolności, całej potęgi ducha w tej walce użyje! Łączmy się przeciw wspólnemu nieprzyjacielowi! Niech raz już zaginie władza ciemiężącego was tyrana! niech panowanie jego przepadnie na wieki! Czyliż przypominać wam potrzeba o Bracia! wszytkie klęski i nieszczęścia, jakie despota rossyjski nad waszemi zawiesił głowy? Mamże wam mówić o jego nieubłaganej zawiści, barbarzyńskiem postępowaniu, okropnym despotyzmie, o wszelakich gwałtach, których się ciągle na was dopuszcza? znacie Mikołaja, znacie jego zamiary; moglibyście mieć kiedy nadzieję oddychania swobodnie pod jego żelaznem berłem? Co mówię, nie czujecież wy coraz bardziej gniotącego was jarzma! Gnębi was, przymusza do niewolniczej służby, a wasze dzieci porywa dla powiększenia swoich szeregów. A czyż kiedykolwiek najsłabsza nawet nadzieja lepszego bytu może ukołysać serce Izraelity?

Nie omieszkajcie więc łączyć się równie jak my z naszymi ziomkami Polakami i braćmi Francuzami i dopomóżcie nam wspólnie do zrzucenia jarzma rossyjskiego. Bóg błogosławi naszym zamiarom, poszczęści naszemu orężowi

i obroni naszą chorągiew wolności, bo On nigdy nieodmówił opieki walczącym za świętą sprawę wolności, za tryumf miłości bratniej i za nieprzedawnione najświętsze prawa Ludzkości!

Nasi bracia Polacy i Francuzi wzywają nas, żądają oni, aby odtąd równość przestała być jedynie czczem słowem, lecz aby była ogłoszoną i urzeczywistnioną przez wszystkich nas i dla nas. Spieszmy więc zadość uczynić temu wezwaniu, temu okrzykowi wydobytemu z tysiąca piersi braci naszych. Powstańmy jako jeden mąż! Strzeżcie się, abyście nie ulegli postrachom i zwodniczym ulgom nieprzyjaciół waszych. Starać się oni będą spotwarzać przed wami braci Polaków i Francuzów, a usiłowania ich w śmieszność obracać, zapał który ich ożywia, ogień święty który ich ogarnia i odwagę wznieca, nazwą oni próżnością. Naprzeciw wszystkim tym zniewagom stawcie wasz patryotyzm, bądźcie głuchymi na wszelkie pochlebstwa, na wszelakie zdradliwe obietnice, jakieby wam ofiarowano. Nieupadajcie na duchu, bo ta słabość będzie waszą zgubą; niewpadajcie w zastawione wam sidła; bądźcie wytrwali i gotowi dopomódz nam, gdy się do kraju waszego zbliżymy, ale wiedźcie zarazem, że jeżeli wahać się będziecie w pomaganiu nam, od czego niech was Bóg uchowa, wtedy dobra sprawa bez waszej pomocy odniesie tryumf, wyswobodzenie nasze za łaską Bożą nastąpi, a wy nie unikniecie zatracenia i hańby! Pomnijcie na zdrajców którzy zaprzedali Ojczyznę w roku 1830 i na los jaki ich spotkał. Odpokutowali oni zbrodnię swoją w męczarniach a hańba ich podłych czynów na nasze spadła głowy i niewinni wraz z winnymi cierpieć musieli. Oby to smutne wspomnienie zawsze wam przed oczyma stało, oby głęboko wyrytem w sercach waszych zostało i było dla was nauką! Odłączcie się od zdrajców, odepchnijcie ich od waszego

łona, walczcie za sprawiedliwość, a szczęście wasze bliskie, bo już widzimy wschodzącą zorzę wolności.

Wasz brat i współwyznawca
(podpisano) Henryk Gonsaver.

Swiadczę niniejszym jako powyższa odezwa jest wiernym przekładem z języka hebrajskiego i zaadressowaną jest przez podpisanego do Izraelitów polskich.

S. Ulmann*)

(L. S.) Nadrabin konsystorza izraelskiego w Nancy.

(„Jutrzenka“, Kraków d. 4 lipca — wtorek. Nr. 78, str. 2 1848 r.).

יידישע איבערזעצונג

...אונדזער רעדאַקציע האָט דערהאַלטן פון נאַנסי דעם פאָלגנדיקן אויפרוף פון די פוילישע איזראַעליטן אין דער פראַנצויזישער איבערזעצונג צוזאַמען מיטן העברעישן טעקסט.

טייערסטע ברידער און מיטגלויביקע!

אויסערגעוויינלעכע געשעענישן געשטאַלטיקן איבער גאַנץ אייראָפּע, עס ווערט אויף א וווּנדערלעכן אופן מקוים די רעוואָלוציע. די דערהויבענע פּרינציפּן פון ברידערלעכקייט, גלייכהייט און פרייהייט, וועלכע האָבן אָפּגעהאַלטן א נצחון אין פראַנקרייך, וועלן אײַנגיכן ווערן דער

* ווער עס איז העבריק גאַנסאָווער, דער אונטערשרייבער פון דעם רוף, האָב איך נישט באַוויזן פעסטצושטעלן. דאַקעגן וועגן דעם באַשטעטיקער פון דעם רוף קאָנען מיר איבערגעבן פאָלגענדיקעס: סאַלאָמאָן אולמאַן, געב. 1806, געשט. 1865, פריער אויבער-ראַבינער פון נאַנסי און אין אָנהייב פון די זעכציקער יאָרן געוואָרן אויבער-ראַבינער פון פראַנקרייך און געווען אַ מיטגליד פון דעם „פּוילישן קאָמיטעט פון אַלע רעליגיעס" (אַליאַנס פּאָלאָנעז דע טוט לע (אַליאַנס פּאָלאָנעז דע טוט לע קרואַיאַנס רעליזשיעז"), אַנטשטאַנען אין פּאַריז „Alliance Polonaise de toutes les croyances religieuses“. אינעם 1863־טן יאָר דורך די באַמיונגען פון יהושע לובלינער און יאַן טשינסקי, צו שטיצן דעם פּוילישן אויפשטאַנד. ווי מיר זעען, איז דער באַשטעטיקער פון דעם רוף, ש. אולמאַן געווען אַן אויפריכטיקער און אַקטיווער פריינד פון דער פּוילישער נאַציאָנאַלער באַפרייאונגס-באַוועגונג במשך פון זיין גאַנץ לעבן.

לאַזונג פון אַלע פעלקער, דער בשותפותדיקער בונד פון אַלע מיטגלידער פון דער מענטשהייט. אדאנק דער דאַזיקער אַלגעמיינער באַוועגונג, אין וועלכער מע דערקענט בולט די האַנט פון דער השגחה־העליונה און וועלכע וועט אין אירע רעזולטאַטן ענדערן די גאַנצע פיזיאָגנאָמיע פון דער געזעלשאַפט, געבנדיק איר פאַר א יסוד ליבע, גערעכטיקייט, אַכטונג פאַר רעכט און פאַר אַלע רעליגיעס — אדאנק דער דאַזיקער אויפטרייסלונג, זאָג איך, וועט אויך פאַר אייך, ליבע ברידער, אויסשלאָגן די שעה פון באַפרייונג, און אינגיכן וועט איר, פאַראייניקנדיק זיך, זיך אומקערן פון אַלע ווינקלען פון אייער גלות אויף דער פוילישער ערד, אין אייער געליבטן פאָטערלאַנד, איר וועט באַגריסן מיט ליבע און קעגנזייטיקן מיטגעפיל אַלע אייערע מיטבירגער, וועלכע וועלן פון היינט אָן זען אין אייך ברידער און פריינד, פאַראייניקטע דורכן געמיינזאַמען אינטערעס פאַר פרייהייט און גליק פון פאָלק, וואָס זיינע לײדן האָט איר געטיילט און אויך זיין באַפרייונג.

איצט, ברידער מיינע, גרייט זיך צום קאַמף, וואָס זיין טאָג איז שוין נאָענט; פאַראייניקט אייך מיט אונדז, גיט באַווייזן פון זיך מקריב זיין פאַר דער הייליקער זאַך פון פאָטערלאַנד; זאָל יעדער פון אייך, לויט זיינע כוחות און פעיקייטן, אויסנוצן די גאַנצע קראַפט פון גייסט אין דעם דאָזיקן קאַמף. לאָמיר זיך פאַראייניקן קעגן דעם שותפותדיקן שונא! זאָל שוין איינמאָל פאַר אַלעמאָל אומקומען די הערשאַפט פון דעם טיראַן, וואָס דריקט אייך אונטער! זאָל זיין הערשאַפט אונטערגיין אויף אייביק!

צי דאַרפן מיר אייך דערמאָנען, אַ ברידער, די אַלע מפּלות און אומגליקן, וועלכע דער רוסישער דעספּאָט האָט אַראָפּגעלאָזט איבער אייערע קעפּ? צי דאַרף איך אייך זאָגן וועגן זיין אומברחמנודיקן האַס, באַרבאַרישע האַנדלונגען, שרעקלעכן דעספּאָטיזם, וועגן אַלערליי גוואַלדאַקטן, וועלכע ער באַגייט כסדר לגבי אייך? איר קענט ניקאָלאַיען, איר קענט זיינע כוונות. צי וואָלט איר ווען נישט איז געקאָנט האָבן אַ האָפענונג פריי אָפּצואָטעמען אונטער זיין אייזערנער הערשאַפט? וואָס זאָג איך — צי פילט איר נישט דעם יאָך, וואָס שטיקט אייך אַלץ מער? ער דערדריקט אייך, ער צווינגט אייך צו שקלאַפּערישער דינסט, און רייסט אַוועק אייערע קינדער, כדי צו פאַרגרעסערן זיינע רייען. און צי קאָן כאָטש ווען עס איז די מינדעסטע האָפענונג אויף אַ בעסערער עקזיסטענץ פאַרוואַגן האָס האַרץ פון אַ ייד?

האלט זשע זיך נישט אָפּ דעריבער פון פאראייניקן זיך גלייך אזוי ווי מיר מיט אונדזערע פוילישע לאנדסלייט און פראנצויזישע ברידער און העלפט אונדז בשותפותדיק אראָפּצוּוואַרפן דעם רוסישן יאָך. גאָט וועט בענטשן אונדזערע כוונות, ער וועט געבן הצלחה אונדזער געווער און באשיצן אונדזער פרייהייטס־פאָן, ווייל ער האָט נאָך קיינמאָל נישט אָפּגעזאָגט שוץ די קעמפנדיקע פאר דער הייליקער זאַך פון פרייהייט, פארן טריומף פון ברידער־ליבע און פאר די נישט אלטווערנדיקע הייליקסטע רעכט פון דער מענטשהייט!

אונדזערע ברידער — פאָליאַקן און פראנצויזן רופן אונדז, זיי פאַר־לאנגען, אז פון איצט אָן זאָל גלייכהייט נישט זיין מער קיין פוסט וואָרט, נאָר זי זאָל אויסגערופן און פארווירקלעכט ווערן דורך אונדז אלעמען און פאר אונדז. לאָמיר איילן אנטקעגן צו קומען דעם דאָזיקן רוף, דעם דאָזיקן געשריי, וואָס רייסט זיך ארויס פון טויזנטער ברוסטן פון אונ־דזערע ברידער. לאָמיר אויפשטיין ווי איין מאן! היט אייך, איר זאָלט זיך נישט אונטערגעבן די דראָונגען און די פארפירערישע צוזאָגן פון אייערע שונאים. זיי וועלן זיך באמיען צו פארשווארצן אין אייערע אויגן די ברידער פאָליאַקן און פראנצויזן, און זייערע באמיונגען צו פארוואנדלען אין חוזק; די באגייסטערונג, וואָס באלעבט זיי, דעם הייליקן פלאם, וואָס נעמט זיי ארום און פלאקערט אויף מוט, וועלן זיי אָנ־רופן פוסטקייט. קעגן די דאָזיקע אלע באליידיקונגען שטעלט ארויס אייער פאטריאָטיזם. זייט טויב אויף יעדער חניפה, אויף אלע פארעטערישע צוזאָגן, וועלכע זיי וועלן אייך פאָרלייגן פארלירט נישט דעם מוט, ווייל אָט די שוואכקייט וועט זיין אייער אומקום. לאָזט אייך נישט פאנגען אין דער נעץ, וואָס ווערט פאר אייך פארוואָרפן, האָט אויסדויער און זייט גרייט אונדז צו העלפן, ווען מיר וועלן זיך דערנענטערן צו אייער לאנד, אָבער ווייסט גלייכצייטיק, אז אויב איר וועט זיך קווייקלען אונדז צו העלפן, פון וואָס גאָט זאָל אייך באהיטן, דעמלט וועט די גוטע זאַך פאָרט טריומפירן אָן אייער הילף. אונדזער באפרייונג וועט קומען מיט גאָטס גנאָד, און איר וועט נישט אויסמיידן אומקום און בזיון! דער־מאָנט אייך — די פארעטער, וועלכע האָבן פארקויפט אונדזער פאָטער־לאנד אין יאָר 1830 און דעם גורל, וואָס האָט זיי געטראָפן. זיי זענען אָפּגעקומען זייער פארברעכן אין יסורים, און די חרפה פאר זייערע ני־דערטרעכטיקע מעשים איז אויף אונדזערע קעפּ געפאלן, און אומשול־דיקע האָבן געמוזט ליידן צוזאמען מיט שולדיקע. הלוואי זאָל די דאָ־זיקע טרויעריקע דערינערונג שטענדיק שטיין פאר אייערע אויגן, הלוואי

זאָל זי בלייבן טיף איינגעקריצט אין אייערע הערצער און זיין פאַר אייך א לערע! זונדערט אייך אָפּ פון די פאַרטעער, פאַרטרייבט זיי פון זיך, קעמפּט פאַר גערעכטיקייט, און אייער גליק איז נאָענט, ווייל מיר זעען שוין דעם אויפגייענדיקן קאַיאָר פון פרייהייט.

א י י ע ר ב ר י ד ע ר א ו ן מ י ט ג ל ו י ב י ק ע ר

(אונטערגעשריבן) הענריק גאַנסאָווער

דערמיט באַשטעטיק איך, אַז דער אויבנגעברענגטער אויפרוף איז א געטרייע איבערזעצונג פון דער העברעישער שפּראַך און איז אדרעסירט פון דעם אונטערגעשריבענעם צו די פּוילישע איזראַעליטן.

ס. אולמאַן

(ל. ס.) אויבערראַבינער פון דער יידישער קאָנסיסטאָריע אין נאַנסי.

(„יוטזשענקא", קראָקע, דינסטיק, דעם 4־טן יולי, יאָר 1848)

ווענדונג פון די יידן צום ווינער פּאַרלאַמענט

ADRES DO SEJMU WIEDEŃSKIEGO

Wysoka Izbo ustawodawcza!

Jeżeli w chwili wzniesienia przeze Was, czcigodni posłannicy ludowi, nowej budowy społeczeńskiej, odzywamy się do Was w sprawie już dość przez się czystej i jasnej, a przyrodzonem prawem ludzkiem i opinią publiczną uświęconej; jeżeli raz jeszcze, a da Bóg już raz ostatni, zabieramy głos w kwestyi odłączenia zupełnego wyznania religijnego od praw i obowiązków politycznych, sądzimy, że nas do tego upoważnia 19 wiekowe męczeństwo, a przynagla dźwigane jeszcze przez nas brzemię nieskruszonych dotąd kajdan niewoli, tudzież głęboko w sercu tkwiące uczucie poniewieranego w nas aż do ostatnich czasów owego piętna boskiego, które wszelako Stwórca niezatartemi ślady na czole każdego wyrył człowieka. W imieniu Boga Wszechmocnego, w imieniu odwiecznej Jego sprawiedli-

wości, domagamy się głośno i dobitnie przyjęcia nas bezwarunkowego na łono wspólnej nam z innymi braćmi Polakami matki Ojczyzny jako jej prawych i wiernych dzieci; żądamy pełnego w niczem nieukróconego udziału w życiu politycznem, które nam świętokradzka ręka tyranii jak zbrodniarzom i obłąkanym niemiłosiernie wydarła i z wysileniem ostatniem skrzywdzonej w swem najświętszem prawie ofiary, wołamy o zniesienie owych niezliczonych, nienawiścią tchnących i grubą ciemnotą średniowieczyzny nacechowanych ustaw wyjątkowych, na których wspomnienie wzdryga się każdy, kto tylko godność ludzką ma w jakiemkolwiek poszanowaniu.

Wraz z nami cała Europa ucywilizowana wygląda z utęsknieniem wyrzeczenia przez Was uroczystego, zasady równości bezwzględnej w obliczu prawa, owej wielkiej i płodnej w błogie owoce prawdy, że nie wyznanie, ale człowieczeństwo jest warunkiem obywatelstwa. Wyjawione w tymże duchu życzenia naszych współobywateli galicyjskich w licznych adressach do tronu, jak równie uznanie tego prawa kardynalnego we wszystkich innych obradujących obecnie zgromadzeniach narodowych, a nawet w samej stolicy głowy kościoła katolickiego, a nadewszystko duchem światła i prawdy kierowany sejm kontytucyjny w Wiedniu, który na tejże zasadzie równości z łona ludu wyszedłszy, już ją tem samem i składem swoim uświęca; utwierdzają w nas to silne przekonanie, że nas tą razą oczekiwania nasze nie zawiodą.

Zaiste! pokładamy niczem niezachwianą ufność w Waszem świetle i sprawiedliwości czcigodni posłowie Sejmu konstytucyjnego, i nie wątpimy na chwilę, że w odrodzonej Ojczyźnie nie będzie już kasty Pariasów, ale odezwą naszą pragniemy o ile to w naszej jest mocy wesprzeć Wasze szlachetne usiłowania, i odebrać zaciętym nieprzyjaciołom wolności tak skorym do podejrzliwości i ten błahy pozór, jakiby w milczeniu Izraelitów przeciwko tymże upa-

trywać mogli, uważając takowe za rodzaj dobrowolnego zrzeczenia się. Owszem protestujemy jak najdobitniej przeciw takiemu hańbiącemu ludzkość wyobrażeniu, i oświadczamy jak najuroczyściej iż niezmordowanie bronić będziemy praw naszych jako świętych i nietykalnych, których równie jak człowieczeństwa ani się pozbywać ani też odmawiać nikomu się nie godzi. A jako niezawodną jest prawdą że słońce wolności z łona społeczeństwa tylko błogie i dla całej ludzkości użyteczne owoce na jaw wydobywa, tak i my czujemy w sobie silną moc i żądzę wywiązania się chlubnego z obowiązków obywatelskich i poświęcenia wszystkiego dla wolności i Ojczyzny, za którą niedawno jeszcze i krew męczeńska współwyznawców naszych płynęła. Tak jest! równi w prawach i obowiązkach, równi także będziemy w cnotach obywatelskich,i zarówno z całym narodem błogosławić będziemy Sejmowi, który pierwszy w naszym kraju, niezaprzeczonym prawom ludzkości sankcyą wszechwładztwa ludowego udzielił. (Opatrzone przeszło 500 podpisami).

„Jutrzenka", Kraków d. 1 Października 1848 Nr 153.

יידישע איבערזעצונג

ווענדונג צום ווינער סיים

הויכע געזעצגעבערישע קאמער!

אויב מיר ווענדן זיך צו איך, ערנווירדיקע שליחים פון פאלק, אין דעם מאמענט ווען איר שטעלט אויף א נייע געזעלשאפטלעכע געבײַדע, אין אן ענין, וועלכער איז פאר זיך אליין גענוג ריין און קלאר, און וועלכער איז באשטעטיקט געווארן דורך דעם מענטשלעכן רעכט און דורך דער עפנטלעכער מיינונג; אויב מיר נעמען א ווארט נאכאמאל, און זאל גאט געבן, אז צום לעצטן מאל, וועגן דער פראגע פון פולשטענדיקן אפטיילן דעם רעליגיעזן גלויבן פון די פאליטישע רעכט און פליכטן — האלטן מיר, אז עס באַרעכטיקן אונדז צו דעם די נייַנצן הונדערט

יאָר מאַרטירערײַ, און עס אײַלט אונדז צו דער יאָך פון די נישט צעשמעטערטע שקלאַפערײַ־קײַטן, וועלכע מיר טראָגן נאָך אַלץ, ווי אויך דאָס געפיל, וואָס שטעקט טיף אין האַרצן און ווערט אין אונדז באַליידיקט אַזש ביז די היינטיקע צײַטן, יענער חותם־אלוקים, וואָס דער באַשעפער האָט טיף אויסגעקריצט אויפן שטערן פון יעדן מענטש. אין נאָמען פון אַלמעכטיקן גאָט, אין נאָמען פון זײַן אייביקער גערעכטיקייט, פאָדערן מיר בקול־רם און אויסדריקלעך אַרײַנצונעמען אונדז אָן תנאים צוגלײַך מיט די ברידער פאָליאַקן אין דער געמיינזאַמקייט פון אונדזער מוטערלעך פאָטערלאַנד, ווי איר גוזעצלעכע און טרײַע קינדער; מיר פאָדערן אַ פּוילן, מיט קיין שום זאַך נישט באַגרענעצטן, אַנטייל אין דעם פאָליטישן לעבן, וואָס עס האָט בײַ אונדז אומברחמנותדיק אַרויסגעריסן די לעסטערנדיקע האַנט פון דער טיראַניע פּונקט ווי בײַ פאַרברעכער און משוגעים, און מיטן לעצטן אָנשטרענג פון אַ קרבן, וואָס איז באַרויבט פון זײַן הייליקסטן רעכט, רופן מיר אָפּצושאַפן יענע אויסנאַליקע אויסנאַם־געזעצן, וואָס אָטעמען מיט האַס און זענען געשטעמפּלט מיט דער געדיכטער פינצטערניש, וואָס בלויז אויף זייער דערמאָנונג ציטערט אויף יעדער איינער, וועלכער האָט נאָר אַ וועלכער־נישט־איז אַכטונג פאַר מענטשלעכער ווירדע.

צוזאַמען מיט אונדז קוקט אויס מיט בענקשאַפט גאַנץ אייראָפּע אויף אייער פייערלעכן פּראָקלאַמירן די אַבסאָלוטע גלײַכהייט לגבי דעם געזעץ, אויף יענעם גרויסן און פרוכטבאַרן אמת, אַז נישט דער גלויבן, נאָר די מענטשלעכקייט איז דער באַדינג פאַר בירגערשאַפט. די ווונטשן פון אונדזערע גאַליצישע מיטבירגער, וועלכע זענען אויסגעדריקט געוואָרן אינעם זעלביקן גײַסט אין צאָלרײַכע אַדרעסן צום טראָן, ווי אויך דאָס אָנערקענען דאָס דאָזיקע קאַרדינאַלע רעכט אין אַלע אַנדערע נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונגען, וועלכע האַלטן איצט אָפּ באַראַטונגען, און אפילו אין דער סאַמע הויפּט־שטאָט פון דעם קאָפּ פון דער קאַטוילישער קירך, און קודם־כל דער קאָנסטיטוציע־סיים אין ווין, וועלכער ווערט געפירט אין גײַסט פון ליכט און אמת און איז אַנטשטאַנען פון פאָלק אויף דעם זעלביקן יסוד טאַקע פון גלײַכהייט, וואָס דאָס גופא און זײַן באַשטאַנד באַשטעטיקן אָט דעם יסוד, — (די אַלע דערשײַנונגען) באַפעסטיקן אין אונדז די שטאַרקע איבערצײַגונג, אַז דאָס מאָל וועלן מיר זיך אין אונדזערע דערוואַרטונגען נישט אַנטוישן.

באמת! מיר האָבן דעם אומדערשיטערלעכן צוטרוי צו אייער ליכטיקייט און גערעכטיקייט, ערנווירדיקע דעפּוטאַטן פונעם קאָנסטיטואירנ־

דיזן סיים, און צווייפלען נישט אויף קיין רגע, אז אין דעם ווידערגעבוי־
רענעם פאטערלאנד וועלן שוין נישט זיין קיין פאריער־קאסטעס, אבער
מיט אונדזער רוף באגערן מיר, אויף וויפל דאס איז אין אונדזער כוח,
צו שטיצן אייערע אייזערלע אנשטרענגונגען און צוציונעמען ביי די פאר־
ביסענע שונאים פון פרייהייט, וועלכע זענען אזוי לייכט אויף חשדים,
אויך די דאזיקע נישטיקע מעגלעכקייט צו קאנען פארווארפן די יידן פאר
זייער שוויגן, האלטנדיק דאס פאר א מין פריוווילק אפזאגן זיך. פאר־
קערט, מיר פראטעסטירן ווי צום שטארקסטן קעגן אזא השערה, וואס
באליידיקט די מענטשלעכקייט, און מיר דערקלערן ווי צום פייערלעכסטן,
אז מיר וועלן אומדערמידלעך פארטיידיקן אונדזערע רעכט אלס הייליקע
און אומבארירלעכע, וועלכע מע טאר נישט, אקוראט ווי מענטשלעכקייט,
ביי קיינעם צונעמען אדער אפזאגן. און ווי עס איז א זיכערער אמת,
אז די זון פון פרייהייט ברענגט ארויס פון דער טיף פון דער געזעל־
שאפט, נאר געבענטשטע און פאר דער גאנצער מענטשהייט נוצלעכע
פירות, אזוי פילן מיר אויך אין זיך א שטארקן כוח און באגער אויס־
צופירן מיט כבוד די בירגער־פליכטן און מקריב צו זיין אלץ לטובת
דער פרייהייט און דעם פאטערלאנד, פאר וועלכן עס האט ערשט נישט
לאנג געפלאסן אויך דאס מארטירער־בלוט פון אונדזערע מיטגלויביקע.
אזוי איז עס! גלייכע אין די רעכט און אין די פליכטן, גלייכע וועלן
מיר אויך זיין אין די בירגער־טוגנדן, און צוזאמען מיטן גאנצן פאלק
וועלן מיר בענטשן דעם סיים, וועלכער האט דער ערשטער אין אונדזער
לאנד באשטעטיקט די אומאפהענגיקייטס־רעכט פון דער מענטשהייט מיט
דער סאנקציע פון דער פולשטענדיקער מאכט פון פאלק.

(עס קומען 500 אונטערשריפטן)

(„יוטשזשענקא״, קראקע, 1 אקטאבער 1848, נומער 153).

דער קאמף פאר אפשאפן דעם כשר־פלייש שטייער

Kraków 19 Maja. Demonstracye ludowe, które wszędzie po miastach znaczniejszych upowszechnione, w stolicy Austryi w zwyczajny tryb weszły — nareszcie i do na
się przeniosły, a to pomiędzy klassę mieszkańców, która

przez długie wieki niewoli i ucisku, na wszystkie prześladowania dotychczas niemem tylko odpowiadała wzdychaniem. System który przez trzdyzieści przeszło lat walcząc w obronie zbrodniczego swego bytu, uciekał się do obłudy i hypokryzyi naprzeciw objawom samowiedzy ludów; deptał bez wszelkich nawet skrupułów najświętsze prawa ludzkości, naprzeciw nieszczęśliwym z pod opieki praw zupełnie wyjętym Izraelitom. Teraz gdy ludy poczuły się na siłach, i zwaliwszy system obrzydły, zasiadają w sądzie świata jako wyobraziciele woli Bożej, i Izrael śmiało podnosi czoło dopominając się przywrócenia i poszanowania swej godności. Wczoraj zebrawszy się lud na Kazimierzu do liczby tysiąca przed biórem Komitetu Starozakonnych, kiedy tenże właśnie posiedzenie swe odbywał, zażądał zniesienia ohydnej opłaty od koszernego, która oprócz uciążliwego podatku mieszcząc w sobie cechę wyłącznej sromoty, każdy niemal kęs mięsa Żydowi trucizną zaprawia. Z grona zebranego ludu deputowani w liczbe dziesięciu wybrani, podpisali na żądanie członków Komitetu zobowiązanie się w imieniu wszystkich mieszkańców Kazimierza, do przyjęcia i ponoszena innego podatku na utrzymanie szpitala, szkoły początkowej, duchowieństwa i urzędników Komitetu, zastrzegając atoli, ażeby podatek ten 40.000 złp. nie przechodził i ażeby do repartycyj onego sześciu z ludu wszelkiego stanu wezwanych było. Sporządzoną w tym względzie odezwę, Komitet przychylną z swej strony do Władzy wyższej poparłszy opinią, zniesienie opłaty od koszernego mięsa uchwalił i natychmiast przez ogłosiciela swego do powszechnej podał wiadomości. I tak tedy pierwsza demonstracya na Kazimierzu przeszła spokojnie, i przyjaciołom Izraelitów to nastręcza zadowolniające przeświadczenie, że lud co wśród największej niedoli i nędzy, nie upadł, ale owszem czuć zaczyna cisnące go jarzmo; zdoła powoli skruszyć węzy przesądów, jakie nań ciemiężcy jego włożyli, i stanie się zupełnie godnym bra-

terstwa chrześcijan i tej błogiej przyszłości, którą sprawiedliwość narodów mu gotuje.

H. M.

„Jutrzenka“ N. 44 1848. Kraków d. 20 Maja — Sobota.

יידישע איבערזעצונג

קראקע, דעם 19־טן מאי. די פאלקס־דעמאנסטראציעס, וועלכע האבן
זיך פארשפרייט אומעטום אין אלע גרעסערע שטעט און זענען געווארן
אין דער הויפט־שטאט פון עסטרייך א געווינלעכע דערשיינונג, האבן
זיך סוף־כל־סוף אריבערגעטראגן אויך צו אונדז, און דאס צווישן דעם
קלאס איינוווינער, וועלכע האבן אין משך פון לאנגע יאר־הונדערטער
פארקנעכטונג און אונטערדריקונג ביז איצט געענטפערט אויף אלע רדי־
פות בלויז מיט א שטום קרעכצן. דער סיסטעם, וועלכער האט אין משך
פון העכער דרייסיק יאר, ראנגלענדיק זיך פאר זיין פארברעכערישער
עקזיסטענץ, זיך באנוצט מיט צביעות און היפאקריזיע קעגן די דערשיי־
נונגען פון זעלבסטבאוווסטזיין ביי די פעלקער, האט געטרעטן אן שום
סקרופולן אפילו די הייליקסטע מענטשן־רעכט פון די אומגליקלעכע
איזראעליטן, וועלכע זענען פולשטענדיק געשטעלט געווארן אויסערן
שוץ פון געזעץ. איצט, ווען די פעלקער האבן אין זיך דערפילט א כוח
און, אראפווארפנדיק דעם עקלדיקן סיסטעם, זיך אוועקגעזעצט אינעם
וועלט־געריכט ווי די אויסדריקער פון גאטס ווילן, הייבן אויך די איז־
ראעליטן אויף דרייסט דעם קאפ, פאדערנדיק, מע זאל זיי צוריקגעבן
און שוינען זייער ווירדע. נעכטן האט זיך אויף קאזשימיעזש, פאר דער
געביידע פון דעם קאמיטעט פון די אלטגלויביקע, בעת ער האט אפגע־
האלטן זיין זיצונג, צונויפגענומען אן עולם פון א מויזנט מענטשן און
געפאדערט אפצושאפן דעם שענדלעכן אפצאל פאר כשרס, וועלכער
פארמאגט חוץ דעם שטייער־לאסט אויך א שטריך פון באזונדערער שאנר
און פילט אן כמעט יעדן ביסן פלייש פאר דעם יידן מיט סם. די אויס־
געוויילטע דעפוטאטן פונעם עולם אין דער צאל פון צען האבן אונטער־
געשריבן אויף דער פאדערונג פון די קאמיטעט־מיטגלידער א פארפליכ־
טונג אין נאמען פון אלע קאזשימיעזשער איינוווינער אנצונעמען און
אויסצוטראגן אן אנדער שטייער אויף אויסצוהאלטן דעם שפיטאל, די

אַנפּאַנג־שולן, די כּלי־קודש און די קאָמיטעט־באַאַמטע, באַוואָרענענדיק זיך אָבער, אַז דער דאָזיקער שטייער זאָל נישט איבערשטייגן 40.000 פּוילישע זל. און אַז זיין פאַנאַנדערגעטיילונג זאָל געמאַכט ווערן דורך זעקס אויסגעוויילטע פונעם פאָלק אָן אונטערשיד פון שטאַנד. דעם אויפ־רוף, וואָס איז צו דעם צוועק צוגעגרייט געוואָרן, האָט דער קאָמיטעט פון זיין זייט אונטערגעשטיצט מיט א מיינונג צו דער מאַכט, האָט אָנ־גענומען א באַשלוס אָפּצושאַפן דעם כּשר־פלייש־אָפּצאָל און עס תיכף דורך זיין באַקאַנטמאַכער געגעבן צו וויסן דער עפנטלעכקייט. אַזוי אַרום איז די ערשטע דעמאָנסטראַציע אויף קאַזשימיעזש אַדורך רואיק, און די פריינד איזראַעליטן גיט דאָס א באַפרידנדיקע איבערצייגונג, אַז דאָס פאָלק, וואָס איז אין דעם גרעסטן אומגליק און נויט נישט געפאַלן, נאָר אַדרבא הייבט אָן פילן דעם יאָך, וואָס דריקט אים, וועט פאַמעלעך באַ־וויזן צו צעשמעטערן די פענטעס פון די פאַראורטיילן, וועלכע די אונ־טערדריקער האָבן אויף אים אַרויפגעלייגט, און ווערט זיין די ברודער־לעכקייט פון די קריסטן און די גליקלעכע צוקונפט, וועלכע עס גרייט אים צו די געזעצמעסיקייט פון די פעלקער.

(„יוטזשענקא“, נר. 49, קראָקע, שבת, דעם 20־טן מאי 1848).

(איבערגעזעצט פון דייטש)

פון ד"ר מאַרקוס יאַסטראָוס „ביאָגראַפישע שטריכן פון בעריש מייזעלס" פאַרעפנטלעכט אין 1878

דער לייענער פון דער דאָזיקער ביאָגראַפיע פון מייזעלסן וועט זיך דערמאָנען, אַז די אַרעסטירטע, וועלכע זענען געזעסן אין דעם ציטאַדעל זענען געשטעלט געוואָרן פראַגן, אויף וועלכע מיר האָבן געדאַרפט געבן אַ שריפטלעכן ענטפער. די פראַגן האָבן זיך באַצויגן צו דער סיבה און דער אָפּשטאַמונג פון דער פאַרבריידערונג צווישן דער קריסטלעכער און יידישער באַפעלקערונג. מייזעלס האָט צוליב פּרינציפּיעלע סיבות די אויסאַרבעטונג פון אַזאַ שריפטלעכן ענטפער אָפּגעוואָרפן.

צוליב דעם, וואָס דעם זעלבן טאָג, ווען עס זענען מיר דיקטירט געוואָרן די פראַגן, האָב איך זיך צופעליק אָדער בכיוון געפונען מיט אים אין דער זעלבער תפיסה־צעלע, האָט ער מיר גערן געהאָלפן אין מיין אַרבעט, מיט זיינע דערפאַרונגען און מיט זיין עצה. צוליב דעם, וואָס דער דאָזיקער שריפטלעכער ענטפער איז פאַרפאַסט געוואָרן אונטער פאַרשלאָסענע תפיסה־טירן און איז צוגעטיילטע בויגנס פּאַפּיר, קאָן מייזעלס באַטראַכט־ווערן פאַר זיין מיט־פאַרפאַסער, און דאָס קאָן דינען ווי אַ באַווייז פון זיין פרייען מוט, וואָס איז אַ כבוד פאַר דעם זקן, וואָס איז דערצויגן געוואָרן אין יידישער גלות־דיקער דערנידערונג און דער צייט ווען ביי אַ יונגן דרייסיק־יעריקן מאַן, אַ דערצויגענעם אין אַ קלאַסישער בילדונגס־אַטמאָספער קאָן דאָס באַטראַכט ווערן פאַר זעלבסט־פאַרשטענדלעך. מייזעלס האָט געוווסט וועגן דער סאָלידאַרישקייט, וואָס בינדט אונדז אין אונדער געמיינזאַמען פּראָצעס; ער האָט געוווסט, אַז יעדע געפאַר, וואָס דראָט מיר צוליבן פאַרשטעלן די אמתע לאַגע פון די יידן און דאָס פאַרהאַלטן זיך פון דער רעגירונג, וועט נישט לייכטער טרעפן אויך אים. ער איז אָבער אַנטשלאָסן צוגעשטאַנען צו דער מיט־אַרבעט און גענומען אויף זיך די מיטפאַראַנטוואָרטלעכקייט. דאָס פרייע

און צוגלייך באדענקטע ווארט איז צופיל געלעגן אין זיין גאנצן מהות, ער זאל קאנען אנדעריש עצהנען ווי די באדענקטע אויפריכטיקייט.

די פראגן, וועלכע זענען מיר פארגעלייגט געווארן, אויף ווי ווייט איך קאן מיך דערמאנען, זענען געווען פאלגנדיקע:

1) ווען די יידן זענען פארפאלגט געווארן דורך די קריסטן, פאר וואס האבן זיי זיך נישט געווענדעט מיט זייערע אנקלאגעס צו דער רעגירונג ד. ה. צום נאמיעסטניק?

2) וואס דערחווארטן די יידן פון דער פאראייניקונג מיט די קריסטן?

3) ווי אזוי איז געקומען צו דער פאראייניקונג? וועלכע פערזאנען זענען ביי חעם געווען צוממערסטן טעטיק?

אויף די פראגן איז געגעבן געווארן דער פאלגנדיקער ענטפער:

„די געשיכטע פון די יידן און פון זייער געזעלשאפטלעך־פאליטישער סיטואציע אין דער דער נייער צייט ווייזט אונדז, אז צוויי כוחות זענען משפיע אויף דער פארערגערונג פון זייער לאגע, כוחות, וועלכע זענען צווישן זיך ענג פארבונדן, אדער דאס איז אן איבערגעטריבענער נאציאנאליזם, וואס רודפט די יידן און באאיינפלוסט די געזעצגעבונג, וואס עקזיסטירט (אפילו אין א לאנד מיט אן אבסאלוטיסטישער רעגירונגס־פארם) אין א קלענערער אדער גרעסערער מאס; דער רעזולטאט פון די רעפּוטאציעס פון די באאמטע, וואס שטייען אין פארבינדונג מיטן פאלק און פירן אויס די געזעצן מיט א גרעסערן אדער קלענערן אייפער. אדער עס זענען שולדיק די באגרענעצנדיקע און אויסשליסנדיקע אנטי־יידישע געזעצן, וואס שאפן פאראורטיילן לגבי די יידן, פארשטארקן זיי כסדר און פארוואנדלען אין נאציאנאלן האס.

ווען אין א געוויסן לאנד איז געקומען צו א פארבעסערונג אין דער יידן־לאגע, האבן זיי דעמלט באקומען גלייכבארעכטיקונג, וועלכע איז אין איינקלאנג מיט אירע אידעאלן, דעמלט איז אונטערגענומען געווארן א קאמף קעגן די פאראורטיילן פון די מאסן און ער איז זיגרייך דערפירט געווארן ביזן סוף; אדער די פארבעסערונג פון דער יידן־לאגע איז געווען א רעזולטאט פון א מער באוווסטזיניקער איינשטעלונג פון פאלק וועגן דעם בירגערלעכן ווערט פון די יידן, אן איינשטעלונג, וועלכע האט באווויגן די רעגירונג אפצושאפן די יידישע אויסנאם־געזעצן, וואס זענען שוין איצט קעגן דעם פאלקס־גייסט אזוי איז געשען און איז נאך טיילווייז איצט אין דייטשלאנד.

איבערגייענדיק צו די היגע באציונגען, האב איך אין ווארשע אין יאר 1858 אנגעטראפן אויף אזא צושטאנד:

ביידע אויבן דערמאָנטע כוחות, דער איבערגעטריבענער נאַציאָנאַליזם און די געזעצן וואָס באַגרענעצן די יידן. און נאָך מער: די שאַרפֿקייט, מיט וועלכער די דאָזיקע געזעצן ווערן אָנגעווענדט דורך דער אַדמיניסטראַטיווער מאַכט און אויך זייער הפקרדיק עובר זיין אויף די געזעצן לגבי די יידן, האָבן דערגרייכט אַ מדרגה, וואָס איז שווער זיך פֿאָרצושטעלן עפּעס ערגערס — ווי למשל מאָרדן יידן... אַזאַ אויסברוך פֿון נאַציאָנאַליסטישן פֿאַנאַטיזם איז פֿאָרגעקומען מיט עטלעכע יאָר צוריק אין אַ שטעטל (מורעק), ווען יום־כּיפּור איז צעשטערט געוואָרן דאָס בית־מדרש און ס׳זענען צעריסן געוואָרן ספֿרי־תורות. די יידן, וואָס זענען געווען ביים דאַווענען, זענען באַפֿאַלן געוואָרן. די פֿאַרברעכער זענען פֿאַרבליבן אומבאַשטראָפֿט, הגם ס׳זענען דערלאַנגט געוואָרן קעגן זיי אָנקלאַגעס. די אַדמיניסטראַטיווע מאַכט־אָרגאַנען נישט בלויז, וואָס זיי האָבן זיך אויסערגעוויינלעך פֿיינטלעך באַצויגן צו די יידן, נאָר האָבן זיך אויך דערלויבט צו אינטערפּרעטירן לויט זייער ווילן די געזעצן פֿאַר יידן, און דאָס האָט געגרענעצט מיט מבטל זיין אַפֿילו די פּריווילעגיעס, וועלכע זיין קייסערלעכע מאַיעסטעט האָט געגעבן איינצלנע יידן און דעם כּלל. צווישן אַנדערן דערמאָן איך דאָ דאָס רעכט פֿון ערן־בירגער, וואָס זיין מאַיעסטעט האָט צוגעטיילט געוויסע יידן מיט דער בפֿירושער באַמערקונג, אַז דאָס רעכט גייט איבער אויף אַלע זייערע אָפּשטאַמיקע. דאָס דאָזיקע רעכט פֿון ערן־בירגערשאַפֿט איז אַזוי אינטערפּרעטירט געוואָרן: אונטערן באַגריף אָפּשטאַמיקער דאַרף מען פֿאַרשטיין נאָר די דירעקטע זין פֿון דעם ערן־בירגער, אָבער נישט דער ווייטערדיקער אָפּשטאַם. ביי די געריכט־אָרגאַנען, וועלכע דאַרפֿן זאָרגן פֿאַר דער גערעכטיקייט, האָבן זיך גאַנץ אָפֿט באַמערקט בנוגע די יידן דערשיינונגען פֿון איינזייטיקייט. כ׳דערמאָן דאָ איינעם פֿון די אָנצאָליקע ביישפּילן. די באַקאַנטע און נאָך ביז ערשט נישט לאַנג באַנוצטע פֿאָרמולן אין די געריכטס־אורטיילן: „נעמענדיק אין אַכט, אַז דער באַשולדיקטער איז אַ ייד" — נאָך וועלכע ס׳איז שוין ממילא געגנג געווען בלויז צו וואַרפֿן אויף אַ יידן פֿאַרדאַכט, כּדי אים צו באַשטראָפֿן צוליב דעם פֿאָראורטייל, אַז אַ ייד קאָן נישט זיין גערעכט.

פֿון אַלץ, וואָס האָט געהייסן ייד אָדער יידיש, האָט דאָס פֿאָלק ווי צומשטאַרקסטן אָפּגעחוזקט. מ׳האָט גיריק אונטערגעכאַפּט אַלץ, מיט וואָס מע האָט געקאָנט אַרויסווייזן די יידן דעם דאָזיקן חוזק. ס׳איז כּמעט נישט געווען קיין פֿאַרוויילונג, וואָס זאָל זיך נישט ענדיקן מיט שלאָגן יידן. די פּאָליציי האָט געקוקט צופֿרידן, דורך די פֿינגער, אויף די נאַ־

ציאָנאַליסטישע אויפבריזן. די קריסטלעכע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען זענען געווען פּאָפּולער ביים פאָלק נאָר דענסטמאָל, ווען מ'האָט אויף זיי געקאָנט אָנווייזן אז זיי אונטערדריקן יידן. איך פאררוף זיך צווישן אנדערע אויף די סחורה־הייזער, וועלכע האָבן אײַנגעגעבן פארן איינציקן ציל פון זייער עקזיסטענץ דאָס ארויסרייסן דעם האנדל פון יידישע הענט. צו דעם קומט ענדלעך צו דאָס געפערלעכסטע געווער, מיט וועלכן ס'קאָן זיך באוואָפענען די נאציאָנאליסטישע ליידנשאפט — די פרעסע. כדי צו ווערן פּאָפּולער, באנוצט זיך די פּרעסע מיט די יידן ווי מיט א קעגנשטאנד פון חוזק און האס.

ווען די לאגע פאר יידן איז צוליב דעם געוואָרן אלץ געפערלעכער, האָבן זיי זיך, פארשטייט זיך, באמיט צו פארטיידיקן מיטן זעלבן געווער, דאָס הייסט מיט דער הילף פון דער פּרעסע. אָבער די מערערע ארטיקלען, וואָס זענען אין דעם גייסט געשריבן געוואָרן, האָט די צייטונג נישט אדורכגעלאָזט און אוועקגעלייגט אין ארכיוו. די דעמלטיקע קהלה־פארוואלטונג איז געצוווּנגען געווען אריינצוטראָגן אן אָנקלאגע צו דעם דעמלטיקן „קוראטאָר פון דערציִונג און עפנטלעכער בילדונג", וועלכער איז גלייכצייטיק געווען הויפּט־דירעקטאָר פון דער קאָמיסיע פאר אינערלעכע פראגן — קעגן דער אויפפירונג פון דער אנטיסעמיטישער פּרעסע, וועלכע ווערט פאוואָריזירט פון דער צענזור, מיט דער פאָדערונג, מע זאָל זי איינצוימען. די פילמאָליקע אריינגעטראָגענע ביטעס זענען ביזן היינטיקן טאָג געבליבן אָן ענטפער. אויף דער פראגע, פארוואָס די ידן האָבן זיך נישט געווענדעט מיט א ביטע צום נאמיעסטניק, קאָן מען ענטפערן, אז מ'האָט געדארפט אָפּהיטן דעם אמטלעכן וועג און מ'האָט תמיד געדארפט אָפּווארפן די דעציזיע פון די נידעריקערע אינסטאנצן איידער מ'האָט זיך געקאָנט ווענדן צו דער העכסטער. די נידעריקערע מאכט האָט אָבער ביז איצט נישט געענטפערט. אויסער דעם איז דער דעמלטיקער הויפּט־דירעקטאָר פון דער קאָמיסיע פאר אינערלעכע ענינים באקאנט געווען פאר דער הויפּט־פיגור פון דער רעגירונג, און פון א ביטע צום נאמיעסטניק האָט מען נישט געקאָנט דערווארטן מער, ווי פון א ביטע צום קוראטאָר און דירעקטאָר.

אזוי האָבן זיך פאָרגעשטעלט די באציונגען, ווען די גלויבנס־אנטאגאָניזמען האָבן דערגרייכט דעם העכסטן שטאפל, בעת דער ארויסטרעטונג פון 23 באליידיקטע יידן, וועלכע האָבן צום טייל געהערט צום געבילדעטן שטאנד, קעגן דעם רעדאקטאָר פון דער „גאזעטא ווארשאווסקא", וואָס האָט אין קורצן דערפירט צום באקאנטן פּראָצעס.

אין ענטפער אויף א זייער באליידיקנדיקן ארטיקל פון דער דאָזיקער צייטונג האָבן 23 געבילדעטע יידישע יונגעלייט ארויסגערופן דעם רעדאקטאָר אויף א דועל, און דער דאָזיקער פּחדן האָט איבערגעגעבן די זאַך דעם געריכט.

דאָס געריכט האָט געפּסקנט, אז דעם רעדאקטאָר פון דער צייטונג, ווי אן עפנטלעכע פּערזאָן, קומט ספּעציעלע שוץ, און האָט פארמשפּט די ארויסרופער אויף תפיסה און געלט־שטראָפן. דער פּראָצעס האָט געהאַט א שטארקן אָפּקלאַנג און געגעבן די באשולדיקטע די מעגלעכקייט אויסצודריקן אויף עפנטלעכע זיצונגען זייערע יידישע און בירגערלעכע געפילן — א זאַך, וואָס שפּעטער האָבן עס נישט באוויזן צו טאָן אנדערע צוליב די פּאַרפליכטנדיקע צענזור־פאָרשריפטן.

אין דער דאָזיקער צייט פון גרויסער אָנגעשטרענגטקייט, האָט זיך שוין אין געוויסע געבילדעטע קריסטלעכע קרייזן געלאָזט באמערקן אן ערנסטע ענדערונג אין זייער מיינונג וועגן יידן. מ'האָט דאָרט אָנערקענט, אז אזא שנאה איז אומבארעכטיקט און מוז ברענגען שאָדן דעם לאנד. צו דער ענדערונג האָט אין א גרויסער מאָס מיטגעווירקט די פּרעסע, וועלכע האָט אין אויסלאנד פארטיידיקט די יידן.* אָבער ווי אלע אידעען, וואָס די השגחה שיקט צו די מענטשן, כדי זיי צו מאכן אייד־דעלער, מוזן זיי צוערשט רייף ווערן אין די מוחות פון די געבילדעטע מענטשן, איידער זיי גייען איבער צום פאָלק. דאָס זעלבע איז געשען מיט דער אידעע פון אָנערקענען די יידן פאר בירגער פון לאנד. די מעדיצינישע אקאדעמיעס און די העכערע שולן זענען, צוליב דעם אוממיטלבארן טרעפן זיך פון געבילדעטע אָדער זיך בילדנדיקע יידן און פּאָליאקן, געווען דאָס אָרט, וווּ די פאָראורטיילן זענען צום ערשט פארשוונדן.

אין דער צייט, ווען צווישן פאָלק האָט נאָך געגליט די אונטערגעגעצטע שנאה קעגן יידן, און די געפאר פאר זייער לעבן איז געוואָרן אלץ נעענטער, האָט זיך שוין אין געהיים געגרייט — און איך קאָן נישט זאָגן אנדערש, נאָר אז דאָס איז געשען צו ליב דער געטלעכער השגחה — דער מיטל צו ראטעווען זיי פון דעם שונאס אויסברוך. אזוי איז געשען אויך אין דעם פאל.

בשעת די פעברואר־מאניפעסטאציעס (1861) האָט זיך צום ערשטן מאָל געלאָזט הערן דאָס שלאָג־וואָרט: „ברידער אלטגלויביקע, קומט מיט אונדז". די לעצטע האָבן ווי געוויינטלעך געפּרוווט זיך צוריקצוציען

*) קודם־כל די פראָגרעסיווע פוילישע פּרעסע אויף עמיגראציע — א. ק.

מחמת מורא. ס׳האָבן זיך אָנגערופן אויך קעגנערישע שטימען פון דער אמאָליקער שנאה, אָבער מ׳האָט זיי באַלד איינגעשטילט.

ווען די נידעריקערע פאָלקס־מאַסן האָבן געזען, אַז די יידן נעמען אָנטייל אין דער נאַציאָנאַלער מאַניפעסטאַציע, האָט זיך מיט איינמאָל צוזאַמענגעבראָכן די קינסטלעך צוגעגרייטע שנאה, און איז איבערגעגאַנגען, ווי ס׳געשעט אָפט מיט פאָלקס־פאַסיעס, אין אַן איבערגעטריבענער פריינדשאַפט צו די יידן.

אַזוי אַרום איז אויף דער פראַגע, פון וואַנען ס׳שטאַמט די דאָזיקע פאַרברידערונג, שווער אַנדערש צו ענטפערן ווי, אַז: זי איז אַנטשטאַנען פון גאָטס השגחה, וועלכע האָט אָפט געראַטעוועט די יידן בשעת אַ געפאַר פון פאַרניכטונג, אָדער, וואָס ס׳איז דאָס זעלבע, פון דעם כוח, וואָס אַן אידעע האָט איבער די מאַסן, וועלכע איינצלנע פערזענלעכקייטן עס זענען געווען ספּעציעל מעטיק אין די דאָזיקע געשעענישן איז שווער צו זאָגן און צומווייניקסטן קאָן איך דאָס זאָגן, ווייל כ׳בין געשטאַנען ווייט פון די געשעענישן, ערשט שפּעטער האָב איך זיך וועגן זיי דערוווסט. צוליב דעם קאָן איך גאָרנישט זאָגן וועגן די פּערזאָנען, וועלכע זענען טעטיק געווען ביי דער פאַרברידערונג מצד דער קריסטלעכער באַפעלקערונג. דאָס ווייס איך אָבער אַז ביי יידן האָט מען נישט געדאַרפט קיין שום אַגיטאַטאָרישע כוחות, כדי צו דערפירן צו פאַראייניקונג מיט די קריסטן. ס׳איז דאָך לייכט צו פאַרשטיין, אַז די אונטערדריקטע האָבן אָנגענומען מיט פרייד די פריינדלעכע האַנט, וועלכע מע האָט זיי דערלאַנגט. די שוואַכע דאַרף מען נישט איינרעדן, זיי זאָלן זיך פאַרבינדן מיט די שטאַרקע.

אַזוי פיל איז פאַראַן אין דער שריפט פון דעם אונטערגעשריבענעם פּאַר זיינע פאַרפאָלגער. אויב זיי האָבן זיך געוואָלט אינפאָרמירן וועגן דער לאַגע פון די יידן, איז זיי נעזאָגט געוואָרן גענוג, אַז זיי, ווי די פירער פון די געזעצגעבערישע פאַרזאַמלונגען, זאָלן קאָנען ווירקן פאַרן וווּל פון די יידן. אָבער אויב זיי האָבן געמיינט צו מאַכן פון אונדז מוסרים, האָבן זיי געהאַט אַ גרויסן טעות.

(איבערגעזעצט פון דייטש)

פון די ראַפּאָרטן פונעם עסטרייכישן גענעראַל־קאָנסול אין וואַרשע באַראָן פאָן לעדערער קיין ווין

17־טן מערץ 1861.

אויך די רבנים האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין דער באַוועגונג.[1] דער הויפּט־רב מייזעלס האָט אין נאָמען פון זיינע מיטגליוויקע אונטערגע־שריבן דעם „אדרעס" און בעת דער לוויה[2] איז ער געגאַנגען געאָרעמט מיט דעם קאַטוילישן אַרציביסקופּ. און נישט געקוקט אויף דעם, וואָס לויט דעם יידישן ריטואַל דאַרף דער רב זיך נישט פאַרהאַלטן ביי א קירך, האָט ער דאָס יאָ געטאָן. די חסידישע יידן, די תּלמודיסטן זענען מיט דער האַנדלונג פון זייער הויפּט־רב נישט מסכים. לויט זייער מיי־נונג דאַרף קיין רב נישט בייזיין אויף א קריסטלעכער לוויה.

17־טן מערץ 1861.

וועגן דעם כוח און די פאַרבינדונגען פון דער פּאַרטיי פון דער באַוועגונג זאָגט זיך אַרויס קאָטצעבועַ[3] אַזוי: די קאָנסערוואַטיווע שליאַכ־טע האָט זיך פאַרבונדן מיט די דעמאָקראַטישע עלעמענטן, אָבער די ערשטע האָבן מורא נישט צו ווערן באַהערשט דורך די מיעראָסלאַווסקן.

די יידן האָבן זיך מיט גרויס עקסטאַז אָנגעשלאָסן אין דער רעוואָלו־ציאָנערער באַוועגונג. דער הויפּט־רב מייזעלס האָט אַרויסגעשיקט צו אַלע רבנים אַן אויפרוף אין דער יידישער שפּראַך, אַז די יידן דאַרפן די רו־

---

[1] געמיינט די פּוילישע נאַציאָנאַל־באַפרייערישע באַוועגונג.

[2] געמיינט די לוויה פון די פינף קרבנות פון 27־טן פעברואַר 1861, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 2־טן מערץ.

[3] גענעראַל־ליטענאַנט פאָן קאָטצעבועַ איז אין דער צייט געווען דער פאַק־טישער ליטער פון דער אָקופּאַנטישער וואַרשעווער רעגירונג. לעדערער גיט אין דעם ראַפּאָרט אָן אַ באַריכט פון דער קאָנפערענץ, וואָס ער האָט געהאַט מיט אים דעם 16־טן מערץ.

סישע רעגירונג באטראכטן פאר המנען און זיך אנשליסן אין דער פוילישער באוועגונג. דער הויפטחרב איז אין די פריערדיקע יארן געווען רב אין קראקע, און איצט איז ער דא א מיטגליד פון דער „רעלעגאציע".

באריכט פון נאמיעסטניק אין גאליציע גראף מענסדארף נומער 171

א י י ע ר ע ק ס ע ל ע נ ץ!

מערערע צייטונגען, צווישן זיי אויך דער „דזשעננניק פאלסקי", האבן נישט לאנג צוריק געבראכט די ידיעה וועגן דעם באזייטיקן פון די רוסיש־קייזערלעכע לענדער די ווארשעווער רבנים מייזעלס און ד"ר יאסטראוו, באמערקנדיק דערביי, אז מייזעלס זאל זיך באזעצן אין גאליציע.

צוליב דער אנזעעוודיקער ראל, וואס די דערמאנטע רבנים האבן געשפילט בעת די געשעענישן פאראיארן אין ווארשע, איז געווונטשן, אז די דערמאנטע זאלן געהאלטן ווערן וואס ווייטער פון דער מעגלעכקייט צו קאנען האבן וועלכן נישט איז איינפלוס אויף די יידן פון לאנד.

איך האב צוליב דעם תיכף דעם 4־טן ד. ח. אנגענומען די געהעריקע מאסמיטלען, ווייל די אגיטאציע צווישן די היגע יידן לטובת מייזעלסן איז איצט נאך מער געפערלעך צוליב דעם, וואס באלד נאך דעם קאנסטיטואירן זיך פון דער יידישער גמינע־פארוואלטונג וועלן שטיין אויף דער טאג־ארדענונג די וואלן פון א רב.

דער היגער פאליציי־דירעקטאר האט מיר מיטגעטיילט, אז צווישן די היגע יידן וועקט זיך פאר מייזעלסן א לעבעדיקע סימפאטיע, וואס ווערט דערמונטערט און אונטערגעהאלטן דורך דער פוילישער פארטיי. א געוויסער ייד, וועלכער שטייט אין געשעפטלעכע באציונגען מיטן פוילישן אדל (וואס זיין נאמען איז מיר נישט באקאנט), זאל זיך האבן אויסגעדריקט, אז מ'איז גרייט צו שאפן באדייטנדיקע סומען, כדי דעם רבער מייזעלס צו פארזיכערן דעם כסא־הרבנות אין לוואוו.

א ווייטערן באווייז וועגן דער עפנטלעכער סימפאטיע פאר די דערמאנטע פערזאנען גיט אונדז די צייטונג „דזשעננניק פאלסקי" נר. 58, אין וועלכער ס'איז געווען אפגעדרוקט אן „אדרעס" פון די היגע אקאדעמיקער צום אויבן דערמאנטן.

אין פארשטענדיקונג מיט דער קייזערלעכער פראקוראטור זענען די אפגעדרוקטע עקזעמפלארן פון דעם „דזשעננעיק פאלסקי” קאנפיסקירט געווארן. און צוליב דעם, וואס ס'איז נישט געפונען געווארן דער מאנוסקריפט פונעם אדרעס, זענען געווארן אדורכגעפירט רעוויזיעס גלייכצייטיק אין דער רעדאקציע און אין דער דרוקעריי. ס'איז אויך אדורכגעפירט געווארן א רעוויזיע אין דער וווינונג פון דעם יוריסט לעווקאוויץ לויט דער ליצענציע נום. 424/4, ביי וועלכן עס זענען זינט א געוויסער צייט פארגעקומען אין מיטן דער נאכט בעראטונגען פון יידישע און קריסטלעכע אקאדעמיקער, אויף וועלכע ס'איז רעדאגירט געווארן דער אדרעס.

די מאסמיטלען, וועלכע זענען געווארן אנגענומען געמיינזאם דורך דער אדמיניסטראציע און דורך די געריכטס־ארגאנען האבן נישט באוויזן אויסצוגעפינען דעם מאנוסקריפט פונעם אדרעס, אבער די קאמיסיע האט באקומען אנדערע כתבים, וועלכע באווייזן, אז לעווקאוויץ נעמט אן אקטיוון אנטייל אין דער פוילישער אגיטאציע. די כתבים און אויך דער גרעסטער טייל נעמען פון די אנטיילנעמער אין די בעראטונגען וועגן דעם אדרעס, וועלכע די פאליציי־דירעקציע האט ביז איצט באוויזן פעסטצושטעלן, זענען איבערגעשיקט געווארן צו דער קייזערלעכער פראקוראטור.

איך וועל אכטונג געבן איבער דעם עווענטועלן באוויזן זיך פון מייזעלסן אין לאנד און איבער זיינע מעשים און אויך פירן אויספארשונגען וועגן דער אגיטאציע, וואס וועט ווערן געפירט פאר דעם, ער זאל באזעצט ווערן אין לוואוו, און וועגן אלעם וועל איך שנעל תיכף מודיע זיין אייער עקסעלענץ

איך בעט אייער עקסעלענץ אנצונעמען מיינע פארערונגס־אויסדרוקן.

מענסדארף פאל.

לוואוו, דעם 14־טן מערץ 1862.

גענומען צו קענטעניש, ווין, דעם 22־טן מערץ 1862.

נר. מ.ב./1703

צום הער פאליציי־דירעקטאר אין לוואוו

ווין, דעם 16־טן מערץ 1862

פונעם באריכט פון דעם 11־טן ד ח., סיגנאטור 366, איז נישט קלאר, צי אייער עקסעלענץ האט גלייכצייטיק צוגעשיקט דעם נאמיעסט־ניק אין ענלעכן באריכט וועגן די קינפטיקע וואלן פון פארשטייער צו דער יידישער גמינע און פון א רב.

אויב דאס איז נאך נישט געטאן געווארן, בעט איך דאס תיכף צו מאכן, כדי דער גראף מענסדארף זאל באצייטנס האבן די מעגלעכקייט אנצונעמען ווירקזאמע מיטלען נישט צוצולאזן קיין קאנדידאטן, וועלכע זענען נישט איבערגעגעבן דער רעגירונג און זענען גענייגט צו די פויליש שטרעבונגען. דאקעגן זאלן ווערן מיט אלעם אונטערשטיצט די קאנדידאטן, וועלכע זענען באקאנט מיט זייער לאיאליטעט, און זען צו ווירקן אז זיי זאלן געוויילט ווערן.

וואס נוגע די דריי רבנים, וועלכע זענען באזייטיקט געווארן פון רוסיש־פוילן און די רעגירונגס־פיינטלעכע פארטיי וואלט געוואלט זיי ארויסשטעלן פאר קאנדידאטן אויפן לוואווער רבנות־אמט, דארפן זיי, ווי נישט לוואווער איינוווינער, תיכף ארויסגעשיקט ווערן פון לוואוו, אזוי ווי זיי וועלן זיך נאך דארטן באווייזן, כדי דורך דעם מאסמיטל אפצוהאקן דעם קאפ דער גאנצער אגיטאציע און אויף אזא אופן געבן צו פארשטיין זייערע אנהענגער, אז דאס באשטעטיקן זיי דורך דער רעגירונג וועט אנטרעפן אויף שוועריקייטן, וועלכע מע וועט נישט קאנען אדורכברעכן.

(דא קומט די אונטערשריפט פונעם פאליציי־מיניסטער)

נר. א/336

ראפארט פון לוואווער פאליציי־דירעקטאר

אייער עקסעלענץ!

דער „דזשענניק פאלסקי" נומ. 52 ברענגט די ידיעה וועגן דעם ארויסשיקן פון די רוסישע לענדער די באוווסטע רבנים מייזעלס, קראמ־

שטיק און דעם פּרעדיקער יאַסטראָוו פאַר זייער אָנשליסן זיך אין דער נאַציאָנאַלער פּאַרטיי און גיט דערביי צו אַ באַמערקונג, אַז לוּאָוו וואָלט געוויזן דאָס פּאָסיקסטע אָרט פאַר זייער טעטיקייט און, אַז מייזעלס האָט גרויסע פאַרדינסטן פאַרן לאַנד, וואָס באַרעכטיקט דאָס איינלאַדן אים אויפן לוואָווער רבנות־אַמט.

דער הויכער פּרעזידיום פון דער שטאַט־האַלטעריי, וועלכן איך האָב אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דעם ענין, האָט אַרויסגעגעבן אַ פאַראָרדע־נונג צו פאַרשן, צי און אין וואָס פאַר אַ ריכטונג ס'ווערט אויסגעווירקט אויף די היגע יידן לטובת מייזעלסן.

דעם 11־טן ד. ח. אינדערפרי האָט די פּאָליציי־דירעקציע דערהאַלטן אַ ידיעה, אַז ביי דעם היגן אַדוואָקאַט פון יידישן גלויבן יוזעף לעוואַקאָ־וויץ קומען פאָר מערערע פאַרזאַמלונגען, אין וועלכע עס נעמען ס'רוב אָנטייל יידן, און ביי דער געלעגנהייט איז דאָרט אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס צו שיקן מייזעלסן, קראַמשטיקן און יאַסטראָוון אַדאַנק און אַ צוטרוי־אַדרעס. גלייכצייטיק איז אונדז צוגעשטעלט געוואָרן אַ פּראָבע־עקזעמפּליאַר פון דעם „דזשענניק פּאָלסקי" נום. 58, אין וועלכן דער אַדרעס איז געווען אָפּגעדרוקט. נאָכן פאַרשטענדיקן זיך מיט דער פּראָ־קוראַטור, זענען די עקזעמפּליאַרן פון דעם נומער 58 „דזשענניק פּאָלסקי" קאָנפיסקירט געוואָרן אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם דאָרטן שוין אָפּגע־דרוקטן אַדרעס, און גלייכצייטיק איז אין דער רעדאַקציע ווי אין דער דרוקעריי און אין דער וווינונג פון אַדוואָקאַט יוזעף לעוואָקאָוויץ אַדורכ־געפירט געוואָרן אַ רעוויזיע, כדי צו געפינען דעם מאַנוסקריפּט פון דעם אַדרעס. די רעוויזיעס האָבן נישט געגעבן קיין רעזולטאַט. אינצווישן האָט די (אויפאָרשונג)־קאָמיסיע באַקומען אין איר באַזיץ דריי אַנדערע מאַנוסקריפּטן, וועלכע באַווייזן, אַז לעווקאָוויץ נעמט אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער פּוילישער נאַציאָנאַלער אַגיטאַציע. די כתב־יידן, ווי אויך די נעמען פון דעם גרעסטן טייל אָנטיילנעמער אין דער באַראַטונג וועגן דעם אַדרעס, וועלכע די פּאָליציי איז ביז איצט געלונגען פעסטצושטעלן, זע־נען איבער־געגעבן געוואָרן דער פּראָקוראַטור.

די פּאָליציי־דירעקציע, איבערגעבנדיק דאָס אין דעם היינטיקן ראַ־פּאָרט 395 ו. א. ז., דערלויבט זיך צוצוגעבן פאָלגנדיקס: דאָס עפנטלעכע מאַניפעסטירן דורך די יידן זייערע סימפּאַטיעס פאַר אַ מענטש, וועלכער איז אַזוי פּאָליטיש פאַרדעכטיקט, ווי עס איז מייזעלס נאָך פון דעם 1848־טן יאָר, צוזאַמען מיט דעם פאַקט, אַז אַט די יידישע שטרעבונגען ווערן אונטערשטיצט דורך דעם „דזשענניק פּאָלסקי", זענען גענוג באַ־

דייטנדיק, זיי זאָלן נישט קאָנען ווערן דורך דער הויכער רעגירונג אונ־טערגעשאצט. מע דאַרף זיך פאַרטראַכטן איבער דער אַלגעמיינער שטי־מונג ביי די יידן, וועלכע ווערט כסדר באַאַרבעט דורך דער רעגירונגס־פיינטלעכער פּאַרטיי, אין געגעבענעם פאַל וואָלט דער לאַגער נאָך מער פאַרשטאַרקט געוואָרן.

עס שטייען איצט פאַר נייע וואַלן צו דער באַדייטנדיקער יידישער קהלה אין לוואָוו, וועלכע וועט דערנאָך אויסוויילן אַ שטאָט־רב. די סימפּטאָמען פון די פּאָליטישע איינשטעלונגען ביי די יידן, וועלכע ווייזן זיך אַרויס אין די טעג, באַווייזן, אַז אין צוזאַמענהאַנג מיט די קינפטיקע צוויי געשעענישן איז אין דעם גרעסטן אינטערעס פון דער רעגירונג ווי ווייט מעגלעך צו באַווירקן, אַז מענטשן פון די עקסטרעמע פּוילישע פּאַרטייען זאָלן נישט ווערן געוויילט אין דער גמינע־פאַרוואַלטונג, אָדער אויף דעם רבנות־אַמט.

די צאָל פון די אויפריכטיקע רעגירונג־אָנהענגער איז אַזוי ווינציק, אַז מען וועט זיך לייכט קאָנען אָריענטירן וועגן דעם קאַנדידאַטן־אָפּ־קלייב אויף דיביידע פּאָסטנס, וועלכע וואָלטן געקאָנט האָבן דערפאָלג ביי אַ געהעריקער אונטערשטיצונג מצד דער רעגירונג.

צום סוף גיבן מיר צו, אַז לויט דער מינדלעכער מיטטיילונג פון דער היגער פּראָקוראַטור האָט דאָס קייזערלעכע לאַנד־געריכט שוין באַשלאָסן צוצוציען צו געריכטלעכער פאַראַנטוואָרטלעכקייט אויפן גרונט פון פּאַ־ראַגראַף 65 לויט א. פון ז. ג. ל. דעם „דזשענניק פּאָלסקי" פאַר זיין אָפּ־דרוקן דעם דערמאָנטן אַרטיקל.

האַממער

לוואָוו, דעם 11־טן מערץ 1862 יאָר

נר. 2385/P.

ראַפּאָרט פון דער קראָקאָווער פּאָליציי וועגן מייזעלסן

אייער עקסעלענץ!

אין שייכות מיט מיין מיטטיילונג, וואָס איז אַרויסגעשיקט געוואָרן פון וואַרשע אונטערן נר. ג/171 צ. מ. 14.1. וועגן דעם הויפּטרב מייזעלס, שיק איך איבער אייער עקסעלענץ אַן אָפּשריפט פונעם ראַפּאָרט, וואָס איז

מיר צוגעשיקט געוואָרן דורכן דירעקטאָר פון דער קראָקעווער פּאָליציי צו אייער געפעליקן באַקענען זיך.

פון דעם ראַפּאָרט קומען אַרויס פּרטים, וועלכע דערלויבן צו באַ־צווייפלען די ביז איצט נישט אָפּגעפרעגטע צוגעהעריקייט פון דעם אויבן דערמאָנטן צו דעם דאָזיקן לאַנד, און פון דער אַנדערער זייט ברענגען זיי אַרויס פאַקטן, וועלכע קאָנען זיין א יסוד צו אַן אַרויסטרעטונג קעגן אים, ער זאָל פאַרלירן די עסטרייכישע בירגערשאַפט.

צוליב דעם וויַיז איך אָן דער שטאַט־האַלטעריי, זי זאָל גלייך דורכ־פירן א גענויע חקירה־ודרישה אין ביידע ריכטונגען און לויט די רעזול־טאַטן דעצידירן און מיר מודיע זיין, וועגן וואָס איך וועל אייער עקסע־לענץ מעלדן. וועגן דעם דאָזיקן בין איך גלייכצייטיק מודיע דעם הער מיניסטער.

נעמט צו אייער עקסעלענץ די פאַרזיכערונג פון מיין טיפסטן דרך־ארץ
מאַנסדאָרף מ. פּ.

לעמבערג, דעם 27־טן מערץ 1862.

צו דעם קייסערלעכן געהיימראַט, דעם שאַמבעלאַן און ריטער פון א סך הויכע אָרדנס א.א.וו., דעם קייסערלעכן מיניסטער פון דער פּאָליציי, דעם הער קאַרל מעק־ערי, עקסעלענץ אין ווין

געערטער קייזערלעכער שטאַטהאַלטעריי־פּרעזידיום!

פאַררופנדיק זיך אויפן באַפעל פון 24 ד. ח. 155. צ, בנוגע דער נאָכשפּירונג פון הרב מייזעלס צוריקקער קיין קראָקע, האָב איך דעם כבוד צו מעלדן דעם חשובן פּאָליציי־פּרעזידיום אָט וואָס: ווען איך האָב זיך דערוווּסט, אַז מייזעלס, וואָס געפינט זיך נאָך זיין דערווייטערונג פון וואַרשע אין קאַטאָוויץ, אין פּרייסיש־שלעזיען, קלערט צוריקצוקומען קיין קראָקע, האָב איך זיך באַמיט צו ווירקן אויף זיינע היגע קרובים, אַז די דאָזיקע נסיעה זאָל ווערן ווי צום לענגסטן אָפּגעלייגט, וואָס איז נישט געבליבן אָן רעזולטאַט. לויט דעם, וואָס איך האָב זיך דערוווּסט פון א באַגלייבטן מקור, האָט מייזעלס רעזיגנירט פון זיין פּלאַן צו באַזוכן קראָ־קע. ער זאָל זיך דאַקעגן גרייטן די טעג צו פאָרן קיין ווין דורך אָדערבערג, און דאָס היגע יידנטום וויל אַרויסשיקן צו אים א דעלעגאַציע אים צו באַגריסן. איך האָב דעריבער געהאַלטן פאַר מיין חוב צו געבן צו וויסן

דער פּאָליציי־דירעקציע פון ווין וועגן דעם פאַרגעזעענעם אָנקום פון דעם זייער נישט זיכערן פאַרשוין, כדי אים גוט נאָכצושפּירן.

וועגן דעם רב בער מייזעלס משפּחה־פאַרהעלטעניש און וועגן זיין פּאָליטישער פאַרגאַנגענהייט דערלויב איך זיך צו מעלדן אַט וואָס:

לויט זיין געבורט און אָפּשטאַם איז ער אַ רוסישער אונטערטאַן און ער זאָל אין יאָר 1820 האָבן געקומען פון זיין געבורטס־אָרט שטשעקאָ־משיני אין רוסיש־פּוילן ווי אַן אַנטלאָפענער פון דעם מיליטער־דינסט.

אַ פּאָר יאָר שפּעטער האָט ער חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער פון דעם כשאַנאָווער ייד, באַרנשטיין, און אדאַנק דעם באַקומענעם נדן זיך געפונען אין אַזעלכע גוטע פאַרמעגן־באַדינגונגען, אַז ער האָט צוזאַמען מיט זיין שווער און דעם קראָקעווער ייד האַלבערשטיין געעפנט אַ באַנק און מיט דער הילף פון שוחד האָט ער באַקומען די שטעלע פון קראָ־קעווער האַנאַרירטן רב.*)

בשעת דעם פּוילישן אויפשטאַנד פון יאָר 1830/31 האָט ער אַנטייל־גענומען אין בחינמדיקן צושטעלן געווער. ער האָט אויך אונטערגעשטיצט די קראָקעווער אומרוען אין יאָר 1846 און ער האָט זיך נישט ווייניקער פאַרדעכטיקט אויפגעפירט אין די יאָרן 1848, 1849.

צוליבן בחינמדיקן געווער־צושטעלן אין יאָר 1830 האָט ער פאַר־לוירן זיין גאַנץ פאַרמעגן. אָבער זיינע אָנהענגער, וועלכע ער האָט זיך איינגעקויפט מיט זיין באַוווסט געוואָרענער נדיבות, איז געלונגען אדורכ־צופירן, אַז מע האָט אים אָנערקענט אַ געהאַלט אין דער הויך פון 750 פל. צוליב דעם, וואָס דאָס דאָזיקע געהאַלט איז נישט געווען געגנוג פאַר דעם צום וווילטאָג צוגעוווינטן מייזעלס, און די יידישע קהלה האָט נישט געוואָלט מסכים זיין אויף קיין העכערונג, איז מייזעלס צוריקגעקומען סוף יאָר 1855 מיט אַ פּאַספּאָרט, וואָס איז אים אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך דער רעמלטיקער לאָקאַלער רעגירונג, אין רוסיש־פּוילן און איז דאָרטן (אין וואַרשע) געוואָרן, לויט דעם ווי איך בין געוווירגעוואָרן פון אַ באַגלויבטער קוועלע, צוערשט רב און נאָכדעם הויפּט־רב און האָט דאָרטן צוויי מאָל אָפּגעגעבן אַ שבועה. אויף דעם דאָזיקן פּאָסטן איז ער גע־בליבן, ביז מ׳האָט אים איינגעזעצט אין תפיסה פאַר זיין שטאַרקן אַנטייל אין די מלוכה־פאַרעטערישע אומרוען און ער איז שפּעטער אַרויסגעשיקט געוואָרן פון וואַרשע.

---

*) ווי מיר האָבן שוין אויפגעוויזן, שטימט עס נישט מיטן אמת.

דורך זיין רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט אין די יאָרן 1846 ,1830 און 1848, און אויך דורך דער פּאָליטישער ראָל, וואָס ער האָט צוזאַמען מיטן יאַסטראָוון געשפּילט דעם פריערדיקן יאָר אין וואַרשע, האָט זיך מייזעלס דערוואָרבן ביי די קריסטלעכע און יידישע אינטעליגענטן, א נאָמען, וואָס די אַגיטאַטאָרן און די צאָלרייכע פריינד און קרובים האָבן אויסגענוצט, כדי דורכצופירן געלט־זאַמלונגען, פון וועלכע איינע האָט גע־געבן אין קראָקע טויזנט פל. אין זילבערנע צוואַנציקערס. ס'איז א סוד, וואָס איז שוין אַלעמען באַקאַנט, אַז אין קאַטאָוויץ האָבן אים באַזוכט א סך פערזאָנען, וואָס געהערן צו דער רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי, און אַז זיי האָבן געטיילט צווישן דער יידישער באַפעלקערונג זיינע פאָטאָגראַפיעס, ווי מע טיילט קמיעות.

דער דאָזיקער צושטאַנד און די פאַרגאַנגענהייט פון דעם דערמאָנטן רב הייסט אונדז פאָרויסזען מיט דער גאַנצער זיכערקייט, אַז זיין אַנוועזנ־קייט אין קראָקע און אין גאַליציע וועט אויך אויסגענוצט ווערן, כדי צו פאַרשפּרייטן צווישן דער יידישער באַפעלקערונג א פּראָפּאַגאַנדע קעגן דער רעכטלעכער אָרדענונג.

צי מייזעלס האָט זיך, נאָך זיין אַנטלויפן פון פּוילן, פּאַקטיש נאַ־טוראַליזירט לויט די פאָרשריפטן, וואָס פאַרפליכטן אין קראָקע, אין זיין פריערדיקער היים־ שטאָט, קאָן פעסטגעשטעלט ווערן נאָר דורך א באַל־דיקער און געוויסנהאַפטער אויספאָרשונג מצד די קאָמפּעטענטע אַדמי־ניסטראַטיווע מאַכט־אָרגאַנען. זיכער איז אָבער, אַז אין וואַרשע האָט ער פאַרנומען איינע נאָך די אַנדערע די שטעלעס פון רב אין הויפּט־רב און ווי אַזעלכער צוויי מאָל געמוזט אָפּגעבן א שבועה א פרעמדער מאַכט אָן א ספּעציעלער דערלויבעניש מצד דער עסטרייכישער רעגירונג.

צוליב דעם האַלט איך פאַר ריכטיק, נעמענדיק אין אַכט די שעד־לעכקייט פון דערמאָנטן רב, פאָרצושלאָגן, אַז אין פאַל, ווען זיין נאַטור־ראַליזירונג אין דער פרייער מדינה קראָקע וועט זיך באַשטעטיקן, זאָל מען זיך מיט אים באַגיין לויט דעם עמיגראַציע־געזעץ פון 26־טן מערץ 1832 און אַנולירן זיין עסטרייכישע בירגערשאַפט.

קראָקע, דעם 21־טן מערץ 1862. ענגליש מ. פ.

באַגלייט מיט דער באַמערקונג, אַז די אויספאָרשונג אינעם ענין פון דער אָנגעהעריקייט פון דעם רב מייזעלס צו קראָקע, שוין נישט געקוקט

אויף די שוועריקייטן פון אויסגעפינען די זאַך צווישן די אַקטן, וואָלט נישט נאָכגעצויגן מיט זיך קיין שום פאָלגן, ווייל שוין לאַנג פאַר דער איינגלידערונג פון קראָקע אין דער עסטרייכישער פעדעראַציע איז ער באַהאַנדלט געוואָרן ווי אַ היגער און ווי אַזעלכער איפּסאָ פאַקטאָ איבערגעגאַנגען אין יאָר 1846 אין דער עסטרייכישער פעדעראַציע און אויף דעם גרונט איז אים זינט דעם יאָר 1855 אויסגעשטעלט און פאַרלענגערט געוואָרן דער פּאַספּאָרט ווי אַן עסטרייכישן בירגער. די לעצטע פּאַספּאָרט־פאַרלענגערונגען פון די יאָרן 1860 און 1861 זענען דאָ בייגעלייגט. די פּאַספּאָרט־אַקטן פון די פריערדיקע יאָרן געפינען זיך אין לעמבערג. איך בין דאַקעגן מסכים מיט דער מיינונג פונעם פּאָליציי־דירעקטאָר, אַז אין צוזאַמענהאַנג מיט בער מייזעלס פאַרדעכטיקער פאַרגאַנגענהייט און מיט דעם, וואָס זיין צוריקקער קיין קראָקע קאָן ברענגען צו אומרועס און אויפרעגנדיקע דעמאָנסטראַציעס, וואָלט געווען אומבאַדינגט געוווּנטשן ווי צומשנעלסטן אָנצוהייבן קעגן אים אַן אויספאָרשונג ווען זיין פאַרלירן די עסטרייכישע בירגערשאַפט און דורכפירן עס ווי צומשנעלסטן, צו וואָס עס איז נייטיק קודם־כל אַן אַמטלעכע באַשטעטיקונג פון דער וואָרשיינלעכקייט, אַז הרב בער מייזעלס האָט אָפּגעגעבן אַ דינסט־שבועה דער רוסישער קייסערלעכער רעגירונג און אויך דאָס אויסגעפינען דעם ווערטלעכן טעקסט פון די דאָזיקע שבועות מיט דער הילף פון גענעראַל־קאָנסול אין וואַרשע.

מערקל מ. פּ.

קראָקע, דעם 23־טן מערץ 1862.

רשימה פון אויסגענוצטע דרוקן און ארכיוואַליען

ארכיוו-מאַטעריאַלן

1. Archiwum Żydowskiego Instytutu Historycznego w Warszawie.
   a) Archiwum Żydowskiej Gminy Wyznaniowej w Krakowie. Nr. 3204, 3280, 3400.
   b) Korespondencja Rapoporta Sz .L. Nr 18/23.
   d) Praca magisterska Lewinson Luby pt. „Ozeasz Ludwik Lubliner i jego działalność na emigracji". Nr. Uniwer. 3916. Nr. Ż.I.H.-u 9/56.
   e) Praca magisterska Rosenblata Majera pt. „Żydzi warszawscy w przededniu Powstania Styczniowego" Nr Uniwer. 3916. Nr Ż.I.H.-u 9/49.
   f) Wspomnienia Dr. Markusa Jastrowa o Meiselsie. Fotokopie z żurnału „Hebrew Leader" z roku 1870, z dni: 1, 15. 29 kwietnia, 6, 13, 27 maja, 3, 10, 24 czerwca, 1, 15, 23 lipca.
2. Biblioteka X.X. Czartoryskich. Nr. teki 5364, 13/2360.
3. Archiwum Aktów Dawnych miasta Krakowa. Rok 1837. Nr. 3109/3635.

רשימה פון אויסגענוצטע דרוקן און ארכיוואַליען

1. א. אַרכיוו פון ייִדישן היסטאָרישן אינסטיטוט אין וואַרשע.
ב. אַרכיוו פון דער ייִדישער קהלה אין קראָקע. נומערן 3204, 3280, 3400.
ג. די קאָרעספּאָנדענץ פון ש. י. ראַפּאָפּאָרט, נר. 18/23.
ד. שאלות ותשובות פון ביטאָמער רב, נר. 43/1.
ה. די מאַגיסטער-אַרבעט פון מאיר ראָזענבלאַט: „די וואַרשעווער ייִדן ערב דעם יאַנואַר-אויפשטאַנד", נר' 9/49.
ו. די מאַגיסטער-אַרבעט פון ליובע לעווינסאָן: „יהושע לודוויק לובלינער זיין טעטיקייט אויף דער עמיגראַציע", נר. 9/56.
ז. די זכרונות פון ד"ר מאַרקוס יאַסטראָוו וועגן מייזעלסן, פאָטאָקאָפּיעס פונעם זשורנאַל „היברו-לידער" פון יאָר 1870 (1, 15, 19, אפּריל, 6, 13, 27, מאַי, 3, 10, 24 יוני 1, 15, 23 יולי).
2. די ביבליאָטעק פון די פירשטן טשאַרטאָריסקי. טעקעס נר. 5364 און 13/2360.
3. אַרכיוו פון אַלטע אַקטן פון דער שטאָט קראָקע, יאָר 1837, נר. 3109/3635.

צײַטשריפֿטן

Czas	— Kraków — 1848—1863.
Dziennik Polityczny	— Kraków — 1848.
Dziennik Rządowy Rzeczypospolitej Polskiej	— Kraków — 1846
Demokrata Polski	— Londyn — 1859—1860
Gazeta Polska	— Warszawa — 1861, 1862
Gazeta Warszawska	— Warszawa — 1859, 1860.
Jutrzenka	— Kraków — 1848
Jutrzenka	— Warszawa — 1862
Partyzant	— Lwów — 1862.
Przegląd Rzeczy polskich	— Paryż — 1859
Ruch	— Warszawa — 1862

Baranowski Ignacy — Pamiętniki (1840—1862). Poznań, 1923.

Daniłowski M. — Notatki do pamiętnika. Wydał Czubek. Kraków — 1908.

Goslar Julian — List do siostry. A. Tessarczyk, Rzeź galicyjska 1846. Kraków — 1848.

Grabowski Ambroży — „Wspomnienia" t. i II. wyd. St. Estreicher. Kraków 1909. Bibl. Krak. t. 40 i 41.

Hechel Fryderyk — „Człowiek nauki taki jakim był". Pamiętniki profesora U. J. Fr. Hechla, wyd. Wł. Szumowski. Kraków — 1939.

Jeziorański Antoni — Pamiętniki... powstanie 1863. Lwów — 1880.

Janowski J. K. — Pamiętniki o Powstaniu Styczniowym. Trzy tomy. Warszawa — 1925.

Kopff Wiktor — „Wspomnienia z ostatnich lat Rzeczypospolitej Krakowskiej, wydanie St. Estreicher. Kraków 1906.

Kraśnicka Lucyna — Pamiętniki. Twórczość. 1946 luty.

Sapieha L. — Pamiętniki. Twórczość. 1946 luty. 1902.

Smolka Franciszek — Dziennik Franciszka Smolki. 1848—1849. Warszawa — 1913.

Wieniawski — Kartki z mego pamiętnika. W-wa — 1911.

Wiesiołowski Fr. — Pamiętnik z r. 1845—1846. Lwów — 1868.

Wodzicki Stanisław — Pamiętniki. Kraków — 1888.

Wysocki Józef — Pamiętnik gen. Wysockiego. Poznań — 1850.

Zapałowski Wł. — Pamiętniki z r. 1863—1870. Wilno — 1913.

באַרבעטונגען אין פּויליש, רוסיש, דייטש און פראַנצויזיש

Bałaban Majer, Dr. — Dzieje Żydów w Galicji i w Rzeczypospolitej Krakowskiej 1782—1868. Lwów.

„ „ „ — Historja Żydów w Krakowie i na Kazimierzu 1304—1868. Tom II. Kraków 1936.

„ „ „ — Żydzi polscy w powstaniu w 1863 roku. Warszawa — 1938.

Bąkowski Klemens — Dziennikarstwo krakowskie do roku 1848. Rocznik krakowski, t. VIII. Kraków — 1906.

Bartoszewicz K. — Wojna żydowska w r. 1859. Kraków — 1912.

Berg M. W. — Powstanie Polskie 1863 i 1864, trzy tomy. Kraków — 1898.

„ „ „ — Zapiski o polskich zagoworach i wostanijach. Poznań — 1865.

Bieniarzówna Janina — Społeczeństwo krakowskie w latach 1833—1864. (Opozycja liberalna i konspiracyjna w Rzeczypospolitej Krakowskiej.).

Dranicyn S. N. — Polskoje Wostonie 1863 goda i jewo kłasowaja suszcznost' (Ł) Socekiz. 1937.

Estreicherówna Maria — Z dziejów krakowskich konspiracji. Rocznik krakowski t. XXX. Kraków — 1838.

Feldman Józef — Sprawa polska w roku 1848. Kraków — 1933.

Feldman Wilhelm — Dzieje polskiej myśli politycznej w okresie porozbiorowym. Tom I. (do 1863). Kraków.

Friedman Filip — Die galizischen Juden im kampee um ihre gleichberechtigung (1848—1868). Frankfurt n. Menem — 1929.

Gelber N. M. — Aus zwei Jahrhunderten, Beitrage zur neueren Geschichte der Juden. Wien und Leipzig — 1924.

„ „ „ — Die Juden und der polnische Aufstand 1863. Wien — 1923.

Giller A. — Al. hr. Wielopolski. Lwów — 1878.

„ „ — Dzieje Delegacji Warszawskiej w r. 1861.

„ „ — Manifestacja Warszawy w r. 1861. Stanisławów — 1908.

„ „ — Charakterystyka powstania. Lwów — 1888.

„ „ — Historia powstania narodu polskiego. Cztery tomy. Paryż — 1867.

Grabiec J. — Rok 1863. Poznań — 1929.

„ „ — Ostatni Szlachcic. Warszawa — Kraków — 1924.

Haecker E. — Historia socjalizmu w Galicji. tom I. 1933.

Heltman Wiktor — Demokracja polska na emigracji. Lipsk — 1866.

— Historia ruchu rewolucyjnego w Polsce w r. 1846. Kraków — 1913.

Istorija diplomatii — Istorija diplomatii. Tom I. Pod redakcijej W. P .Potiemkina. Moskwa — 1941.

Kieniewicz Stefan — Galicja w latach 1945—1848. Wiosna Ludów na ziemiach polskich. 1948.

„ „ — Sprawa włościańska w Galicji w 1848 r. Przegląd historyczny wydawany przez Tow. Miłośników Historii w Warszawie. Warszawa — 1948.

„ „ — Społeczeństwo polskie w powstaniu poznańskim 1848 roku. Warszawa — 1935.

Klaczko — Ètudes de diplomatie contemporaine les cabinets de l'Europe en 1863—1864. Paris — 1866.

Knorr Emil — Die polnischen Aufstände seit 1830. Berlin — 1880.

Koroluk W., Miller I., Misko M. — Nauka polska na VII Zjeździe Historyków we Wrocławiu w 1949 r. Warszawa — 1950.

Kostotowski E. — Studia nad kwestią włościańską w latach 1846—1864. Lwów—1938.

Kowalski Józef — Rewolucyjna Demokracja Rosyjska, a Powstanie Styczniowe. Warszawa — 1949.

Krajewski Józef — Tajne związki polityczne w Galicji (od roku 1833 do roku 1841). Lwów — 1903.

Kramsztyk I. — Kazania. Kraków — 1892.

Kraushar Al. — Kupiectwo Warszawskie. Warszawa — 1929.

„ „ — Księga jubileuszowa ku czci Kraszewskiego. Warszawa — 1880.

Kręcki August — Zbiór materiałów do historii Powstania Styczniowego. Warszawa — 1916.

Krzeczkowski Konstanty — Komisja włościańska w Rzeczypospolitej Krakowskiej. Sprawozdanie z czynności i posiedzeń P.A.U. 1916.

Kutrzeba Stanisław, Ptaśnik Jan — Dzieje handlu i kupiectwa krakowskiego. Rocznik krakowski XIV. Kraków — 1910.

Kwartalnik — Kwartalnik poświęcony badaniom przeszłości Żydów w Polsce. R. 1913. Zesz. 2, 3.

Limanowski B. — Historia demokracji polskiej w epoce porobiorowej. Kraków — 1901.

„ „ — Historia ruchu rewolucyjnego w Polsce w 1846 r. Kraków.

Lisicki — Hr. Aleksander Wielopolski. Kraków — 1878.

Lizicki H. — Le Marquis Wielopolski (sa vie et son temps 1803—1877). Vienne — 1880.

Louis Wawel Józef — Kronika rewolucji krakowskiej w r. 1846. Kraków — 1898.

Marks K., Engels F. — Manifest Komunistyczny. Gos. Izdatielstwo Emes. Moskwa — 1941.

» » » » — Dzieła. Tom V, VI. Wydawnictwo Instytutu Karola Marksa i Fryderyka Engelsa. Moskwa—Leningrad — 1930.

Merwin B. — Żydzi w powstaniu 1863. Lwów 1910. Lwów — 1913.

Miller I . — Sprawa chłopska w programie Towarzystwa Demokratycznego w latach 1830—1840. Warszawa — 1950.

Miller U. C. — Nakanunie otmieny barszcziny w Galicyi. Uczonyje zapiski Instituta Słowianowiednija tom I. Izdatielstwo Akadiemii Nauk w SSSR. Moskwa—Leningrad — 1949.

Minkowska Anna — Organizacja spiskowa 1848 w Królestwie Polskim. Towarzystwo Naukowe Warszawskie. Warszazawa — 1921.

» » — Królestwo Polskie w latach 1844 — 1848. Wiosna Ludów na ziemiach polskich. 1948.

Mund Theodor — Völkerschau auf Reisen. Stuttgart — 1840.

Płomieński Jerzy Eug. — Przed wybuchem Powstania Krakowskiego r. 1846. Twórczość — 1946.

» » » — W kręgu polskiej irrendenty. (O Edwardzie Dembowskim, Jakubie Szeli i rzezi galicyjskiej). Warszawa — 1946.

Popiel Paweł — Kilka słów z powodu odezwy księcia Adama Sapiehy. Lipsk — 1864.

Przyborowski Walery Z.L.S. — Historja dwóch lat. Tomów V. Kraków — 1893.

Schiper Ignacy, Dr. — Dzieje handlu żydowskiego na ziemiach polskich. Warszawa — 1937.

Schipper I. — Dzieje Żydów na ziemiach Księstwa Warszawskiego i Królestwa Polskiego. (Żydzi w Polsce Odrodzonej Zeszyt V.) Warszawa — 1933.

Szarota Marcel — Die letzten Tage der Republik Krakau. Breslau — 1911.
— Szermierze Wolności. Kraków — 1912.

Tokarz Wacław — Kraków w początkach Powstania Styczniowego i wyprawa na Mechów. Kraków — 1914.

Trzcińska Ludwika — Szkolnictwo ludowe w Rzeczypospolitej Krakowskiej (1815—1846). Kraków — 1907.

Tyrowicz Marian — Jan Tyssowski, dyktator krakowski z r. 1846. Działalność polityczna i społeczna 1811—1857. Warszawa — 1930.
— W 40-tą rocznicę Powstania Styczniowego. Lwów — 1931.

Wereszczycki Henryk — Austria a Powstanie Styczniowe. Lwów — 1930.

Wetsztajn P. N. — „Tołdot M.H.R.H.N." Kraków — 1893.
— Wizerunki polityczne dziejów Państwa Polskiego, wydane przez Leona Zienkiewicza. Tom I, II, Lipsk — 1864.

Woronkow I. A. — Politiczeskaja illustrirowannaja pressa wo francuskoj rewolucji 1848 goda. K ostoletiju rewolucji 1848 goda. 1949.
— Wydawnictwo materiałów do historii powstania 1863—1864. Lwów — 188.

Urbach Janusz K. — Udział Żydów w walce o niepodległość oPlski. Łódź — 1938.

מאַטעריאַלן אין יידיש און העברעיש.

דעמביצער ה. נ — מפלת עזר הצדק. קראָקע.

מאַהלער רפאל ד"ר — השכלה און חסידות. ניו-יאָרק, 1942.

בויזנער ש. ז. — שו"ת „חמדת שלמה".

סופר משה — שו"ת „חתם סופר".

שאַצקי יעקב ד"ר — די יידן אין פוילן פון 1722 ביז 1914 („די יידן אין פוילן", באַנד 1), ניו-יאָרק, 1946.

" " געשיכטע פון יידן אין וואַרשע, באַנד 1. פון די אָנהייבן ביזן אויפשטאַנד פון 1831. ניו-יאָרק, 1947.

" " די יידן אין פוילישן אויפשטאַנד 1863 (היסטאָרישע שריפטן פון ייוו"א), ווילנע 1939.

" " יידישע בילדונגס-פּאָליטיק אין פוילן פון 1806 ביז 1876. ניו-יאָרק, 1943.

ווערטשטיין פ. נ. — תולדות מהר"חן, קראָקע, 1893.

זוכצעטל פון נעמען און שטעט

א

אבראמזאָן זלמן 94.
אדלער יעקב 21.
אָדערבערג 213.
אולמאַן סאָלאָמאָן 190, 193.
אורבאַך יאַנוש 154.
אָזאָרסקי 62.
איסערליש משה 141.
אייגער שלמה 18.
אייזענבוים אַ. 139.
אַלטער י. מ. 170.
אלכסנדער I-טער 122.
אלכסנדער II-טער 87, 96, 122.
אלציאטא 29, 30.
אשכנזי ש. 63, 101, 121.
אָפּאָטשנע 87.
אָפּאַטאָוו 87.

ב

באַטיגנאָווסקי 36.
באַך 88.
באַלאַבאַן מאיר 6, 7, 8, 11, 17, 20, 21, 35, 59, 63, 76, 80, 90, 101, 158.
באַנדע 22.
באַראַנאָווסקי איגנאַצי 80, 114.
באָרנשטיין זלמן 17, 214.
באָרנשטיין שרה-אסתר 46.
באַרקאָווסקי לעשעק 43.
בימאַמער רב. 78.
בירנבוים 54.
ביענאָזשוונאַ יאַנינאַ 10, 11.
בלאַטוויים 54, 55.
בלאָמבערג 63.
בעלז 90.
בערג מיקאָלאַי 112, 168.
בערזאָן מאיר 94.
בערנט 30.
בערנשטיין 40.
בראָד 90.

ג

גאָזשימסקי 113.
גאָזשקאָווסקי ל. 29, 30, 32.
גאָנסאָווער ה. 190, 193.
גאָלדמאַן י. 140.
גאַליציע 6, 88, 158, 159, 160, 161, 170.
גאָסלאַר יוליאַן 29, 50.
גאָרטשאַקאָוו 100, 108, 110, 112, 113, 114, 128, 134.
גזשעגאָזשעווסקי אלכסנדער 31, 32.
גיללער אַגאַטאָן 29, 53, 108, 113, 118, 120, 128, 131, 132, 133, 138, 139.
געלבער נ. מ. ד״ר 10, 17, 18, 19, 21, 22, 29, 30, 36, 76, 77, 81, 103, 119, 123, 129, 156, 157, 168.
גענוע 166.
גראַבאָוו 110.
גרינפעלד 17.

ד

דאָבראָוואָלסקי קאַזשימיעזש 21.
דאָווידזאָן חיים 18, 88, 93.

דאַנילאָווסקי וול. 120.
דאַראָווסקי 22.
דזשעשקאָווסקי 43.
דזשאלאָשיץ 146.
דייגעס סאַלאָמאָן 59.
דעים 40.
דעמבאָווסקי ע. 6, 27, 28, 32, 33, 34, 50, 77, 172.
דעמביצער ח. נ. 76, 90, 91.
דערדער 52.
דראניצין ס. נ. 91, 107.

ה

האַבסבורגער-דינאַסטיע 70, 89.
„האָטעל לאמבערט" 70.
האַלבערשטיין 214.
האַממער 212.
האַמערשטיין 70.
האַראָוויץ 42.
הורוויטש („מייזעלס עט הורוויטש") 17, 40.
הישפאַנסקי 111.
העבעל פרידריך 58, 65.
העלטמאַן וויקטאָר 26.
העלצעל אַנטאָני 30, 70, 71, 75.
הערצען 103, 147.

ו

וואַדזשיצקי יוזעף 30.
וואָהל 59.
וואָוועל 54.
וואָלף מאָריץ 36.
וואָרזשיצקי 163.
וואָרצעל 6, 35, 179.
וואַרשעווער יונתן 36, 56, 65, 66.
ווידמאַן קאַראָל 76, 82.
וויטקאָווסקי 168.
וויטשעלסקי 163.
ווין 40,89, 103, 119, 123, 155, 156, 159, 160, 161, 162, 194, 207, 209, 210, 213.
ווינדישגרעץ 70.
וויסאָצקי, גענעראַל 30, 100.
וויסאָצקי יוזעף 74.
וויעלאָפּאָלסקי 8, 70, 105, 135, 136, 137, 138, 140, 141, 144, 165, 166,167.
וויעלימשקע 32.
וויעשאָלאָווסקי, פראַנטשישעק 28.
ווישינסקי פּיאָטר 30.
ווישניעווסקי מיכאל 22, 33.
וולאָצלאָוועק 85, 102.
וועבער 17.
וועטשטיין פּ. ה. 19.
וועניציע 39.
ווענזיק י. 164.
ווערטהיים 18.
ווערעשיצקי ה. 161.

ז

זאַליוווסקי יוזעף 33.
זאַמאָיסקי 8, 105, 106, 108, 109, 110, 111, 112, 113, 120, 131, 138.
זאַנענבערג בערקע 17.
זביטקאָווער שמואל 17.
זייפער דוד 61.
זשאַנצא 165.
זשולקעוו 82.
זשמיראָווסקא באַרציזא 78.
זשעלענסקי 80.
זשעמיאַלקאָווסקי פלאָריאַן 6, 36, 40, 42, 44, 82.
זשיענקעוויטש לעאָן 47, 50.

ט

טאָקאַזש וו. 89.
טאָמאַרטשיק 29.
טאָרבע לייבל 8, 59, 65.
טארנאָוו 89.
טוראָוויטש מאַריאַן 31.
טורעק 101, 122, 208.

טורקעל 86.
טזשעבין 10.
טיסאָווסקי 29, 30, 31, 32.
טישמיעניצע 82.
טעפּליץ ה. 134.
טרעפּאָוו 112, 114.
טשאַרטאָריסקי אַדאַם 70, 71, 74, 75, 86.
טשטשינסקי יאַן 190.
טשטשינסקי פראַנציִשעק 52.
טשעכאַנאָוו 147.
טשענסטאָכאָוו 143.

י

יאַבלאָנאָווסקי אַדאַם 54.
יאַנאָווסקי ק. 112, 120, 128, 135.
יאַסטראָוו ד"ר 19, 76, 101, 115, 120, 134, 149, 150, 151, 153, 157, 158, 170, 201, 208, 211, 215.
יאַקובאָווסקי יוזעף 64, 65, 71, 73.
יאַרעצקי ב. 121.
יורגענס ע. 106, 107, 108, 113.
יעקעלס 158.
ירושלים 178.
ירמיהו 121.

כ

כאַיעצקי עדמונד 53
כאַראַדליע 145.
כהן אברהם 40.
כזשאַנאָוו 10.
כרובאָוו 148

ל

לאַדזש 85.
לאַמבערט 147.
לאַנגע קאַראָל 64.
לאַנדע אַלכסנדער 90.
לאַנדע שאול 19, 90, 91.
לאַנדאָן 147.
לובאָמירסקי 40, 41 42, 43.
לובלין 101.
לובלינער י. 35, 36, 179, 190.
לובעלסקי 147.
לוואָוו 40, 89, 157, 158, 159, 208, 210, 211, 212, 213, 216.
לוואָווער—קרייז 43.
לוקסעמבורג ראָזאַ 92.
לעבקינד 84.
לידערס 150.
שימאַנאָווסקי באָלעסלאַוו 25, 30, 52, 112, 146.
ליסאָווסקאַ אַנטאָנינאַ 77, 78.
לעדוכאָווסקי יאַן 52.
לעדערער 103, 119, 123, 160, 161, 207.
לעהמאַן 15.
לעווים 17.
לעווינזאָן ליובע 36, 178.
לעווקאָוויטש 157, 158, 209, 211.
לעלעוועל 6, 35, 103, 179.
לענטשיץ 141, 142, 143, 144.
לעשינסקי 128.
לעשניעווסקי 102, 103, 104, 122.

מ

מאַהלער רפאל 90,
מאַטשעיאָוויטש 145, 146.
מאַיעווסקי קאַרל 198.
מאַליגאָווסקי סטאַניסלאַוו 15.
מאַנסדאָרף 159, 208, 209, 210, 213.
מאַסענדאָרף 157.
מאַרקס 28, 37, 91, 92.
מאַרטשין לודוויק 18, 19.
מאַרשעווסקי 143.
מאַשענסקי 51.
מוכאַנאָוו 102, 103, 122, 123, 128, 129, 130, 136.
מוראַוויטש מאַריאַן 30, 33.
מיזעס 49.
מילאָווסקי 100.

מילאַן 89.
מילער 7.
מילער 54, 55.
מיללער 52.
מיללער או צ. 50, 132
מיללער י. ס. 79, 83.
מינץ 30.
מינקאָווסקאַ אננאַ 77.
מיסלאַוויץ 51, 77, 78.
מיעכאָוו 164.
מיעלזשינסקי סטעפאַן 27.
מיעראָסלאַווסקי 27, 105, 106.
מיצקעוויטש 89.
מעטערניך 39.
מעקסער י. 18.
מעק—ערי קאַרל 213.
מערקל ב. פ. 216.

נ

נאָווא-גוראַ 11.
נאָוואַקאָווסקי ק. 134, 135, 139.
נאָוואָסילצאָוו 86.
נאַנסי 190.
נוסבוים ה. 168.
נאַפּאָלעאָן 1-טער 91
נאַרקאָווסקי 51.
נוידימש 36.
ניגרשטאר 6.
נייסאַנץ 90.
ניקאָלאַי 191.
ניקאָלאַי 1-טער 30.
נירענשטיין 40.

ס

סאַדיגורע 90.
סאַלינסקי 109.
סאַנאַצקי 75.
סאַפּיעהאַ 7, 38, 40, 43, 44, 64, 70, 82, 120.
סובאָזאַנעס מ. 139.
סופר משה 19.
סופר שמעון 90.
סטאַבניצקי ק. 138 .
סטאַדיאַן 43, 44.
סטאַווי‍סקי ע. 119,
סטאַניסלאַוואָו 158.
סטעפאַנסקי 27.
סטראַשעווסקי ק. 164.
סיריע 134
סמאָלניק 146.
סמאָלקאַ 40, 65, 76, 80, 81, 82, 83.
סקאַלבמיעזש 146.
סקאַרזשינסקי 164.

ע

עטינגער 18, 47, 56, 65, 66, 71, 73.
עליזאַנאָווסקי סעווערין 100.
ענגליש 17, 18, 215.
ענגעלס פ. 28, 37, 92.
עסטרייך 159.
עפשטיין 17, 111.

פ

פאַדגוזשע 30, 34, 51.
פאַדראַזאַ באַרטלאָמעי 62.
פאָטאָצקי 40, 51, 54, 64, 70, 71, 73, 75, 81, 82, 113, 131, 132, 163.
פאַטאָמקין וו. פ. 134, 161.
פאָניאַטין 103.
פאָנינסקי הענריק 27.
פאַפּיעל פ. 120.
פאַשקעוויטש 30, 78.
פויזן 27, 57, 58.
פויזנער זלמן 17, 19.
פילסודסקי 148, 149.
פעטערבורג 103, 122, 147, 166.
פרעה 186.
פראַשעוויטש 146.
פשיבאָראָווסקי 106, 112, 121, 128, 135, 143, 146, 147, 149.

פ

פארסטער 71, 74, 75.
פונק יהושע 36, 90, 91.
פיאלקאווסקי 118, 120, 145, 149.
פיערסדארף 50.
פינקעלשטיין 15.
פלארענץ 39.
פעלדמאן ווילהעלם 70, 89, 103, 108.
פעלדמאן יוזעף 39, 77.
פערדינאנד גרויס-פירשט 30.
פרידמאן פיליפ 5, 6.
פרענקעל אנטאני 17.

צ

צונץ י. ל. 88.
צונץ י מ. 20, 75, 76.
צונץ י. נ. 18.
צוקער 158.

ק

קאהן 42.
קאטאוויץ 156, 159, 213, 215.
קאטצעבוע 123, 207.
קאלענקא 89.
קאלישער זאפיע 46.
קאמעניעץ-פאדאלסק 17.
קאן פ. 140.
קאנגרעס-פוילן 6, 92, 100.
קאנדעל ד. 96, 121, 125, 126, 147.
קאניש ס. 134.
קאנסטאנטין 164, 165.
קאסטאטאווסקי ע. 132.
קאסטילאנע 47, 51, 54, 64.
קאפף וויקטאר 24, 30, 34, 39, 47, 64, 65.
קארא 102.
קאששושקא 147, 148.
קוזמיר 11, 17, 21, 55, 158.
קוויאטקאווסקי 127.
קוראַרי 17.
קוניץ 41.
קזשעפיצקי יוזעף 47.
קזשעפיצקי מאוריצי 21, 50, 52, 66, 176.
קשעפיצקי 34, 35, 36, 56.
קזשיזשאנאווסקי 51, 64, 71, 150, 153, 154, 155.
קלאטשקא יוליאן 161.
קליגער שלמה 90.
קעניעוויטש 7.
קיעניעוויטש סטעפאן 27, 33, 39.
קניעוויטש 83.
קעניג 102.
קראיעווסקי יוזעף 33.
קראמשטשיק 139, 149, 150, 157, 158, 211
קראנענבערג 107, 113, 121, 166.
קראשעווסקי י. 107, 119.
קראשניצקא לוציא 32.
קריג 47, 51, 52.
קרים 93.
קרעמזער סיים 72, 75, 79.

ר

ראגאווסקי 31, 32.
ראזען מאטיאס 95, 121, 166.
ראזענבלאט מאיר 8, 103, 119, 121, 141, 146, 148, 155.
ראזענצווייג 36.
ראטוואנד 134.
ראטשילד 82.
ראפאפארט 15, 90.
ראצלאוויצע 146.
רופרעכט ק. 135.
רייבניטץ באראן 11.
ריילל 161.
רייך מ. ש. 94.
רעכבערג 161.

ש

שאססע ד"ר 82.
שאראטא מ. 22.

שאצקי י. 20, 63, 80, 85, 87, 93, 95, 99, 100, 101, 102, 120, 121, 133, 136, 140, 166.
שטראדאם—בריק 68.
שטשעגעני 6.
שטשעפאנאווסקי סטאניסלאוו 33.
שטשעקאטשין ראדאמער קרייז 17, 214.
שיינבערג י. 59.
שיפער 84, 85, 86.
שליק 64.
שלענקער ק. 124, 126.
שמולעוויטש בערעק 18.
שניידע 50.
שעלאם יאן 29.
שעפסער ברוך 6.
שפירא יצחק 61.

אינהאלט:

פארוואָרט	5
קאַפּיטל איינס	10
קאַפּיטל צוויי	17
קאַפּיטל דריי	24
קאַפּיטל פיר	38
קאַפּיטל פינף	46
קאַפּיטל זעקס	56
קאַפּיטל זיבן	69
קאַפּיטל אַכט	84
קאַפּיטל נײַן	88
קאַפּיטל צען	95
קאַפּיטל עלף	105
קאַפּיטל צוועלף	117
קאַפּיטל דרײַצן	136
קאַפּיטל פערצן	145
קאַפּיטל פופצן	156
קאַפּיטל זעכצן	165
בײַלאַגעס	172
ביבליאָגראַפיע	217
זוכצעטל פון נעמען און שטעט	226